STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01846

HUNGER TSU DER ZET

Shemuel Rozshanski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל ראָזשאַנסקי

הונגער צו דער זעט

דערציילונגען און סקיצן

פון ציקל: „ביי שוועלן"

גענאַמלטע שריפטן — צווייטער באַנד

בוענאָס-איירעס

1941

אינהאַלט

	זייט
דריי וואָס זיינען געוואָרן צוויי	7
אין דער נויט	19
פאַרשאָלטענע טעג	28
שיף־ברידער	30
מיטגעפיל	35
צוליב ברויט	37
פון רחמנות	39
ביי אַ זאַטן טיש	51
די פינצטערע פּרנסה	55
עמיץ	61
נאָר נישט קיין רחמנות	65
שטאָליץ	69
פאַר יענעם	73
אַ הונגעריקער צווישן זאַטע	75
האַרץ אויפן אייזן	89
לופט	92
נאָר נישט קיין נדבה!	93
אָן רייד	95
שווער און ביטער	97
שריי נישט, גאָלד מיינס!...	101
נישט ביים זינען	110
אין פלאַמען	116
פונקען	123
געוויסן	129
אַ גליקלעכער	134
פאַר פרעמדע ציין	136
יושר	139
פאַרוואָס באַליידיקט איר?	143
דער וועג צום דערפאָלג	145
פון אַלע גליקן	148
גרויסע אויגן	149
ווי פאַר וועמען	150
צוויי	153
מזל	154
קאַמף	156
יאָ און ניין	159
נאָך יום־טוב	162
בילדער אויפן קאָפּ	164

I

דריי וואס זיינען געוואָרן צוויי

אין דער נויט

פאַרשאַלטענע טעג

שיףֿ־ברידער

מיטגעפיל

צוליב ברויט

פון רחמנות

די פינצטערע פרנסה

ביי אַ זאַטן טיש

דריי וואָס זיינען געוואָרן צוויי

מ אָ כ ט

דער שטילער אַראָן האָט מיטאַמאָל געוויזן דעם באַלעבאָס זיינע ציין. יאָרנלאַנג, אַז ער האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַזאַ שטילער, וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן. און דאָ, פּלוצלינג, האָט ער געעפנט ס׳מויל מיט האַרבע רייד קעגן באַלעבאָס:

— וואָס הייסט, איר מישט זיך אַריין אין מיין פאַמיליען־לעבן? וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר צו קאָנטראָלירן, צי איך גיב מיין ווייב גענוג אויף צום לעבן?

דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן אויג, דאָס צווייטע אויג פאַרזשמורעט און געקלאַפּט מיטן בלייפעדער אויפן שרייבטיש, זאָגנדיק:

— נישט אמת, אַז איך האָב זיך אַריינגעמישט אין אייער פאַמיליען־לעבן. אייער פרוי איז געקומען צו מיר מיט אַ געוויין, אַז איר ניט נישט אַריין צום לעבן, אַז איר פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלט אין פערדלעך, און דערפאַר מיך געבעטן, איך זאָל אייך פאַרהאַלטן דאָס געהאַלט און דירעקט איר געבן... נו, האָב איך...

— וואָס הייסט, איר האָט? — איז אַראָן אַריינגעפאַלן אין די רייד — וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר צו פאַרהאַלטן מיינע פאַרדינסטן און זיי צעטיילן? אויב איר ווילט מיר אַ טובה־טאָן, פאַרוואָס־זשע העכערט איר מיר נישט בעסער מיין געהאַלט?

דער באַלעבאָס האָט פאַרביסן אַ ליפּ און נערוועז אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט נישט דערוואַרט, אַז אַן

אַרבעטער, וועלכער איז באַשעפטיקט בײַ ׳אים אין פאַבריק און „מאַכט פון אים אַ לעבן", זאָל צו אים אַזוי ריידן.

— איר מעגט פון דעסטוועגן — האָט ער געלאָזט ווי־סן אַראָנען — זיין אַ ביסל איידעלער און ניט ריידן צו מיר, ווי איך וואָלט געווען אייער ייִנגל.

אַראָן האָט אַראָפּגעלאָזט די שטימע, נאָר געבליבן בײַ זיינע רייד:

— איך האָב צו אייך דעם פולן רעספּעקט, סעניאָר בול־קין. איך האָב אייך ניט וואָס צו באַליידיקן. נאָר אַראָפּגע־מען מיר פון מיין געהאַלט האָט איר קיין רעכט נישט. איך אַרבעט גאַנץ־שווער און ביטער, אַזוי, אַז איך מעג זיין אַ באַלעבאָס אויף מיין געהאַלט.

— אוודאי זיינט איר אַ באַלעבאָס אויף אייער געהאַלט!

— האָט בולקין נאָכגעגעבן — דערפאַר האָב איך אייך דאָך אַריינגערופן און געמאָלדן...

— יאָ, אַ שיינער באַלעבאָס בין איך! — האָט אַראָן ווידער זיך אָנגעצונדן — איר רופט מיך אַריין און זאָגט מיר אַזוי און אַזוי... אַז פון היינט אָן וועט איר מיין גע־האַלט געבן, נישט מיר, נאָר מיין פרוי... פון אייער זייט איז עס זייער שיין... אויך אין טורמע, אַז מ׳פאַרמשפּט איי־נעם צום טויט, רופט מען אים אַריין און מ׳זאָגט אים... קיינער וועט אָבער ניט זאָגן, אַז מ׳טוט אים דערמיט אַ טובה...

דער באַלעבאָס האָט זיך אָפּגעטרייסלט, גיך אויפגעשטאַ־נען פון פּלאַץ און אויסגעשפּיגן:

— פע, איר מעגט זיך שעמען אין אייער ווייטן האַלדז! איך האָב זיך נישט געריכט, אַז אין דעם שטילן מענטשל זאָל זיצן אַזאַ גיפטיקע שלאַנג. איז גוט! איז, אויב יאָ אַזוי, מעגט איר נעמען אייערע זאַכן און גיין פון דאַנען! איך האָב פאַר אייך מער קיין אַרבעט נישט!

אַראָן האָט אויסגעהערט די לעצטע ווערטער, אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. דער באַלעבאָס האָט ווייטער גערעדט. דערציילט, אויף ווי ווייט ער האָט געוואָלט אַראָנען ברענגען אַ טובה, אַז דאָס ווייב זאָל האָבן צום לעבן און קענען אויסהאַלטן די שטוב.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן — האָט ער גע־

מוסרט — אז אַ אַרבעטער אַן אַרימאַן, וואָס פאַרדינט אויף אַ געמוטשעטע לעבן, זאָל דאָס גאַנצע געלט פאַרטאַכ־לעווען ביי די פערדלעך און אין צעטעלעך? וואָס הייסט, מ׳נעמט אָפּ שבת דאָס געהאַלט, זונטיק גייט מען אַוועק אין היפּאָדראָם און מאָנטיק דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט צו־פוס, ווייל ס׳איז נישט געבליבן אויף אַ טראַמוויי? אַזוי טוט אַן אָרנטלעכער מענטש? און, ווען דאָס ווייב קומט צו־מיר, פאַלט צו די פיס, איך זאָל איר אויסהערן, פאַרוויינט מיר דעם קאָפּ, און בעט מיך, איך זאָל פאַרהאַלטן דאָס געהאַלט און איר איבערגעבן, ווייל זי האָט שוין מער נישט וואו אַ סענט צו באָרגן און זי קען מער קיין אָנביסן נישט צוגרייטן, און איך וויל איר טאָן די טובה, בין איך נאָך אַ שלעכטער? קומט מיר נאָך צו זידלען? איז, אויב אַזוי, טאָ גייט אייך! כ׳דאַרף נישט אייער אַרבעט!

אַראָן האָט געהערט. זיין קערפּער האָט געציטערט. דאָס קאָכעניש איז אים געלעגן אויפן פּנים. ער האָט אָבער גע־שוויגן און זיך נישט גערירט פונם אָרט. איינגעשלונגען אַלץ אין זיך, ווי אַ פאַרשולדיקטער, וועלכער האָט מיט גאָרנישט זיך צו פאַרטיידיקן, ווי נאָר מיטן שווייגן און מיטן אויפנעמען אַלץ באהבה, ווי אַ פאַרדינטע שטראָף.

בולקין האָט אַ קוק־געטאָן אין ווינקל, אין וועלכן אַראָן האָט זיך פאַרוקט, אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אַ זינגער, און מיט שפּאָט געזאָגט:

— אַהאַ, איר זעט, ווי איר שווייגט? איר זעט, ווי איר האָט נישט וואָס צו זאָגן?

— יאָ, אמת, סעניאָר בולקין! — האָט אַראָן שטיל גע־ענטפערט — איך האָב פאַרגעסן...

— וואָס האָט איר פאַרגעסן?

— כ׳האָב פאַרגעסן, פאַר וועמען איך שטיי...

— וואָס מיינט איר?

— כ׳האָב פאַרגעסן, אַז אין גאַס הערשט אַרבעטלאָזי־קייט און איך וועל קיין אַנדערן פּאָסטן נישט קריגן...

— ד אָ ס מיינט איר?

— און נאָך עפּעס: אַז איך האָב נישט קיינעם, ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָנעמען.

— א י ר ווילט נאָך זיין גערעכט?

— ניין, חלילה, איך בין נישט גערעכט. ווי קען אַ אָרי־מאַן זיין גערעכט? איר האָט מאַכט, זיינט איר גערעכט. און איך, וואָס האָב איך?

בולקין האָט אָנגעשטרענגט דעם פאַרשטאַנד: געוואָלט פאַרשטיין, צי זיינען די ווערטער אַן אַנטשולדיקונג קעגן אים אָדער נאָך אַ גרעסערע באַליידיקונג.

אייגנליבע

אהיים איז אראָן געקומען אַ שוויגנדיקער, אַ פאַרשלאָ־סענער אין זיך, אַ רואיקער. ער איז אַריין אין צימער אַ גלייכגילטיקער. האָט גענומען אויף די הענט דאָס קינד, וואָס איז צו אים צוגעלאָפן מיט פריידיקע אויסגעשרייען, אַ קוש־געטאָן, אין די אויגן אַריינגעקוקט, קאַלט, גלייכגיל־טיק און נאָכדעם זיך באַפרייט. וואַשנדיק זיך די הענט, האָט ער געזען, ווי ס'ווייב האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוון; און צו אים פאַרגנבעט אַן אייגל, פאַרזיכטיק, אויסגעהיט, ווי זי וואָלט מורא־געהאַט, ס'ווייב, אַז איר אויג זאָל זיך מיט אים באַגעגענען. אראָן האָט עס באַמערקט, נאָר זיך געמאַכט ניט־זעענדיק. און, אַרומוואַשנדיק זיך, איז ער פאַר־בייגעגאַנגען דעם געגרייטן טיש, אַפילו קיין שמעק נישט געטאָן פון אָנגעשטעלטן עסן און געלאָזן אוועק אין צימער, זיך אויסגעטאָן די שיך, די קליידער און זיך אַריינגעלייגט אין נישט־אויסגעבעטן בעט.

ס'ווייב האָט געוואַרט. געמיינט, אַז ער איז מיט עפּעס פאַרנומען, אראָן. נאָר אַליין גיין אים רופן האָט זי נישט געוואָלט. אויך נישט געוואָלט זען, וואָס ער טוט אין צי־מער. נאָר אונטערגעשיקט ס'קינד:

— גיי, פלאָרעלע, רוף דעם טאַטן עסן!

ס'קינד איז אוועק, זיך פאַרזאַמט און דערנאָך צוריקגע־קומען איינע אַליין, פאַנאַנדערנעמענדיק הילפלאָז די הענט:

— מאַמא, פּאַפּאַ שלאָפט... פּאַפּאַ נישט הערן, איך רופן...

איצט איז פאַר גיטעלען שוין געווען קלאָר, אַז אראָן איז אויף איר אויפגעטראָגן, פאַר דאָס גיין בעטן דעם באַלע־

באָס. איצט האָט גיטל פֿאַרשטאַנען. זי האָט עס דערוואַרט. ווי דען אַנדערש? פֿאַרוואָס זאָל ער, אַראָן, ניט זײַן אויף איר אין כּעס? זי האָט דאָך אים אַרויסגעשטעלט פֿאַרן באַלעבאָס אַלס אַן אומפֿאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן. דערפֿאַר האָט איר דער באַלעבאָס צוגעזאָגט צו העלפֿן. ער האָט איר צוגעזאָגט, דער באַלעבאָס, איר אויסצאָלן דרײַ־פֿערטל פֿון די פֿאַרדינסטן, וואָס אַראָן האָט. און, ווען זי האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל זי אָננעמען אַזעלכע מיטלען, האָט איר סעניאָר בולקין געזאָגט:

— וואָס אַרט אײַך? פֿאַרלאָזט אײַך אויף מיר! ער וועט מיר מוזן נאָכגעבן. ער האָט דען אַ ברירה?

פֿריער האָט גיטל נישט געפֿילט קיין מיאוסקייט אין די דאָזיקע ווערטער. קומענדיק אַהיים אַ פֿאַרווייינטע, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט געטאָן דאָס בעסטע, וואָס זי איז געווען אין שטאַנד צו טאָן. נאָר אַצינד, זעענדיק ווי אַראָן איז געקומען אַזאַ פֿאַרביסן־שווײַגנדיקער, אַז ער האָט אַפֿילו צום קינד נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט זי דערשפּירט אַ שמיץ אין פּנים. און געקרענקט האָט איר נאָכמער, וואָס אַראָן האָט געשוויגן, הלמאַי ער איז געקומען אַזאַ גלײַכגילטיקער. זי האָט דערוואַרט, ער זאָל אַרײַנפֿאַלן אין שטוב אַן אויפֿגערעגטער און זאָל איר אויסזידלען. וואָלט זי אים געקענט ענטפֿערן. וואָלט מען געזען, ווער עס האָט מערער רעכט. און זי איז זיכער געווען, גיטל, אַז זי מוז אַרויסגיין די גערעכטע. אָבער, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, קיין ביסן עסן אין מויל נישט גענומען, אויף קיינעם זיך נישט געבייזערט, שטילינקערהייט זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן און אײַנגעשלאָפֿן, איז אַראָן מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן. זי האָט געקראָגן אויף אים מיטלייד. פּונקט ווי זי וואָלט געזען, ווי ער פּײַניקט זיך און נעמט אויף זיך פֿרײַוויליק אַרויף אַ שטראָף.

מיט אַ שווערן, אָנגעלאָדענעם האַרץ איז גיטל אַרײַן אין צימער, צוגעגאַנגען צום בעט און אים גענומען וועקן, אַראָנען, שטיל שטיקנדיק זיך מיט די אָדערדיקע קניפּן אין האַלדז:

— גיי עסן! עס שטייט אויפֿן טיש און ווערט קאַלט.

אראָן איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און קיין וואָרט נישט געענטפערט.

— נו, שוין... — האָט ס'ווייב געשטאַמלט — גיי צום... כ'וועט קאַלט... וואָס איז דאָס עסן שולדיק?

אראָן האָט ווידער געשוויגן מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, גלייך ער וואָלט קיין איין וואָרט נישט געהערט.

— זיי אַ גוט... — גיטל האָט זיך געוואָרגן מיט די ווערטער — איך... זאָל זיין, איך שולדיק, איך... נישט באַדאַרפט... גיין צום באַלעבאָס... די פיס צעבראָכן... איידער נעגאַנגען... גוט?

נאָר אראָן איז אויך איצט געלעגן מיט אויפגעריסענע אויגן און געשוויגן.

האָט ס'ווייב נישט געקענט מער אריבערטראָגן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, שליוכצנדיק:

— וואָס האָב איך געקענט טאָן? אַז דו אין פערדלעך... קיינמאָל קיין סענט... נישטאָ וואו צו באָרגן... בין איך געגאַנגען... איז וואָס האָב איך געטאָן?

אראָן האָט ראַפּטעם זיך געגעבן אַ דריי־אויס צום ווייב, זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס און אריינגעשלונגען אין זיך דעם אָנגעלאָפענעם כעס, וואָרטשענדיק ווי זידנדיק וואַסער:

— געטאָן? ווייסט נאָך נישט? גיי! גיי צום באַלעבאָס! נאָך ווייניק, וואָס ער איז באַלעבאָס אויף מיין קערפּער? נאָך ווייניק שקלאַף בין איך? ווייניק? מאַכסטו אים נאָך פּאַר אַ באַלעבאָס איבער מיין נשמה? ניט געפונען קיין אַנדערן רעטער? ניט געפונען קיין אַנדערן מאָראַל־פּריידיקער, ווי אָט־אָ־דעם פינצטערן עקספּלאָטאַטאָר?

ווי שטיינער זענען אראָנס ווערטער געפאַלן אויף גיטלס קאָפּ. פון שרעק איז זי געוואָרן ווי פאַרשטיינערט.

דערוואַכונג

סעניאָר בולקין האָט אויסגעהערט גיטלס רייד און זיך דענערווירט, קלאַפּנדיק אומרואיק מיטן בלייפעדער אויפן שרייבטיש. זי האָט אים געדאַנקט, גיטל, פאַר די גרויסע

באַלעסטיקונג זיינע און אים געבעטן מוחל־זיין פאַרן דרייען א קאַפּ:

— אַ יידענע... וואָס איז דאָ צו ריידן? לאַנגע האָר און אַ קורצער שכל... גיי איך אריינמישן אַ פרעמדן מענטשן... קאַרג דאגות האָט איר אָן מיר?

בולקין האָט געקנאַקט מיט דער צונג און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זאָלט איר מיר שוין געזונט זיין! דאָ קומט איר און פאַלט צו די פיס מיט הארצרייסנדיקן געוויין, אַז איך זאָל אייך ראַטעווען און נאָר א יי ד אויסצאָלן, וואָס אייער מאַן פאַרדינט ביי מיר אין דער פאַבריק, ווייל ער פאַר־שפּילט דאָס גאַנצע געלט אין פערדלעך און אין צעטעלעך. און אויפן אַנדערן טאָג, וואָס אַ צווייטער אויף מיין אָרט וואָלט מער אייער מאַן נישט געלאָזט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער פאַבריק, פאַר די באַליידיקונגען, פאַר די חוצפּה, קומט איר גאָר מיט טענות, אַז איר האָט גאָרנישט געמיינט, אַז איר האָט לאַנגע האָר און אַ קורצן שכל... ווי מיינט איר טאַקע, אַז איך האָב מער נישט וואָס צו טאָן?

גיטל האָט זיך געבויגן, געקנייטשט ס'פּנים אונטערטע־ניק, פאַרזינדיקט, אויפנעמענדיק פאַר ליב אַלץ, וואָס דער באַלעבאָס האָט איר געזאָגט.

— אַז איר זיינט גערעכט! — האָט זי אנערקענט — אַלץ, וואָס איר זאָגט, איז הונדערט פּראָצענט אמת. אַז וואָס איר זאָגט מיר, איז נאָך ווייניק. אַז איר זיינט גע־רעכט!

— מוחל, מוחל, איר זאָלט מיר געבן גערעכט! — האָט בולקין זיך געברעקלט — גייט אייך געזונטערהייט און דרייט מיר מער ניט קיין קאָפּ! און, אַז איר ווילט, קענט איר אויך אַראָנען זאָגן, אַז איך בין אים מוחל זיין אַרבעט און ער קען זיך גיין.

— גאָט באַהיט! — האָט גיטל זיך אַרויסגעכאַפּט — וואָס רעדט איר, סעניאָר? איך האָב גאָרנישט געמיינט... איך האָב געקלערט, אַז עס וועט זיין בעסער... אַ יידענע... וואָס פאַרשטייט אַ יידענע? לאַנגע האָר און אַ קורצער שכל... האָב איך אייך דעם קאָפּ פאַרדרייט...

— שוין, שוין געהערט! — איז בולקין געוואָרן אומגע־

דולדיק — וויפיל מאָל וועט איר מיר איבערחזרן דאָס זעל־ביקע?

— כ׳גיי, כ׳גיי... — האָט גיטל געזאָגט, צוריקציענדיק זיך צו דער טיר צו — כ׳ווייס...

— וואָס ווייסט איר? — האָט בולקין האַסטיק אַ פרעג־געטאָן מיט פאַרדאַכט — וואָס? רעדט! אדרבה!

— גאָרנישט...

— גאָרנישט? איך פאַרשטיי, וואָס אַזאַ „גאָרנישט״ קען ביי אייך מיינען!

— איר האָט אַ טעות, סעניאָר...

— אָ, ניין, כ׳האָב שוין גראָד נישט קיין טעות. איך קען אייך זייער גוט.

גיטלס פּנים איז געוואָרן פאַרכמורעט. זי איז צוריקגע־גאַנגען צו בולקינס טיש אַ באַליידיקטע און, אויפרעגנדיק זיך, געפרעגט:

— פאַר וועלכע קענט איר אונדז, סעניאָר?

— דאָס איז שוין מ י י ן זאַך! — האָט בולקין שטאַרק אָפּגעענטפערט — איר גייט בעסער אַהיים און קומט דורך מיט אייער מאַנס פערדלעך!

— וואָ־אָ־ס ? ? ?

— דאָס, וואָס איר הערט!

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— וואָס איך האָב געוואָלט! — איז בולקין געוועזן פעסט, ווי פריער — איר גייט בעסער אַהיים און קומט דורך מיט אייער מאַן וועגן די פערדלעך און וועגן די צעטעלעך! אַניט וועט ער אייך נאָך די ביינער צעברעכן, אַט אַזוי שטיל ווי ער איז...

— ווי וואָגט איר צו מיר אַזוי צו ריידן? — האָט גיטל אויפגעהויבן ס׳קול און געשטיגן אין צאָרן — ווער, מיינט איר דאָס, בין איך אייך?

— שטילער! נאָר נישט געשריען! — האָט בולקין אָנגעווויזן מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אויף דער טיר — גייט אייך פון דאַנען! איך האָב מיט אייך מער נישט וואָס צו ריידן.

— איר האָט נישט מער מיט מיר וואָס צו ריידן? — האָט גיטל איבערגעפרעגט — אָבער איך האָב מיט אייך יאָ וואָס

צו ריידן! באַליידיקן וועט איר? פאַרוואָס? ווייל איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ מענטשן? קומט מיך צו באַליידיקן? דאַרפט איר באַליידיקן מיין מאַן? גייט איר באַליידיקן מיין פאַמיליען־לעבן? וואָס מיינט איר זיך?

בולקין האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, צו גיטלען מיט דער פּלייצע. דאָס האָט אין גיטלען נאָך מער אָנגעצונדן דעם כּעס און זי איז פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַ ריס־געטאָן פאַר אַן אַרבל:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיין? — האָט זי אויף אים געשריען ווי אויף אַ ייִנגל — ווער, ווער, נאָר איך קען דאָך אייך! איך געדענק דאָך נאָך זייער־גוט, ווי איר זיינט געווען אַ פּראָסטער טרעגער־יונג און איך בין געווען אַ פּאַניענקע, פאַר וועלכער איר האָט אַראָפּגענומען ס'היטל ביז צו דר'ערד...

בולקין האָט זיך געביסן אַ ליפּ און צוגעקלאַפּט נערוועז מיט אַ פוס.

— נו, — האָט ער אויף גיך געזאָגט — קענט איך זיך נעמען אייער מאַנדעלע און גיין מיט אים געזונטערהייט! איך דאַרף נישט האָבן ביי מיר אין דער פאַבריק אַזעלכע מיוחסים. זיינט איר צופרידן?

— מיוחסים? — האָט גיטל אויסגערופן — איר, גראָבער יונג! איר דאַרפט נישט קיין מיוחסים? עס לוינט אייך נישט, מ'זאָל וויסן פון וואַנען איר קומט און וואָס איר זיינט געווען? איז, גוט. איז, גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר צוזאַמען מיט אייער פאַבריק!!

און, וואַרפנדיק אַ שפּיי צו בולקינען, האָט זי מיטאַמאָל אין זיך דערשפּירט שטאָלץ און גבורה.

נייע מענטשן

אַז אַראָן איז געקומען אַהיים פאַר דער צייט, האָט גיטל שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט פּאַסירט, און נישט באַדאַרפט מער פרעגן. זי האָט געזען, ווי אַראָן איז אַריין אַן אומעטיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און חושכדיקן פּנים. איז זי צו אים צוגעגאַנגען, אַרונטערגעבויגן ס'געזיכט און אַנטקעגנגעקומען מיט טרייסט־ווערטער:

— ס׳איז גאָרנישט! האָסט זיך נישט וואָס צו נעמען צום הארצן. מיר׳ן אויסקומען אָן דעם גראָבן יונג!

— דו ווייסט שוין? — האָט ראָן געפרעגט— אויפהויבנדיק די בליקן — פון וואנען?

— הלוואי וואָלט איך נ י ש ט געוואוסט! — האָט גיטל געענטפערט — אויב אונדזער לעבן איז אָפהענגיק פון אַ בולקין, איז אַ כפרה אַזאַ לעבן!

ראָן האָט ברייט צעעפנט די אויגן. ער האָט נישט פארשטאנען, פון וואנען ס׳ווייב ווייסט, אַז דער באַלעבאָס האָט אים אָפגעזאָגט. דאָס איז דאָך נאַר־וואָס געשען. און נאָכמער איז געווען זיין פארוואונדערונג, ווען ס׳ווייב האָט אים געזאָגט:

— אַ כוליגאַן! קיין צייט נישט געהאַט אָפצוזאָגן נאָכן טאָג ארבעט. די ווילדע יוכע האָט זיך אין אים צעקאָכט. ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן, אַז ער איז אַ באַלעבאָס און קען זיינעם אַן ארבעטער ארויסווארפן ווי אַ הינטל...

— פון וואנען־זשע ווייסטו דאָס אַלץ? — האָט ראָן געפרעגט אומגעדולדיק.

— כ׳בין דאָך געווען ביי אים.

— נאָך וואָס ביסטו געגאַנגען צו אים?

— ע, גאָרנישט!

— כ׳פרעג דאָך דיך! — איז ראָן צוגעשטאַנען קוקנדיק אויפן ווייב שארף, מיט פארדאַכט — צו וואָס ביסטו צו אים געגאַנגען?

— ע, אַ נארישקייט.

— אָבער ו ו אָ ס ? רייד שוין!

— געוואָלט אים זאָגן, אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות, וואָס איך האָב אים געבעטן.

— וואָס? ווידער בעטן! וויפל איז דער שיעור צו בעטן?

— ששש, קאָך זיך נישט! ביסט גערעכט. כ׳האָב נישט באַדאַרפט.

— איצטער זאָגסטו! פריער האָסטו נישט געוואוסט?

— איז ווייס איך איצטער.

— איצטער? ווען כ׳בין געבליבן אָן ארבעט?

— איך בין ניט שולדיק.

— נאָר ווער איז שולדיק?

— דו ביסט שולדיק.

— איך?

— אוודאי דו! האָסטו נישט באַדאַרפט שפּילן אין פערד־לעך, וואָלט איך נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. דו האָסט נישט געוואוסט, אז מ׳האָט אונדז געוואָלט ארויסוואַרפן פון דער דירה? דו האָסט נישט געוואוסט, אַז איך האָב שוין נישט געהאַט, וואו אַ סענט צו באָרגן אויף עסן? האָסט נישט געוואוסט? האָסט גאַנץ־גוט געוואוסט! וויפל מאָל האָב איך פאַר דיר געוויינט? וויפל מאָל האָב איך זיך גע־לייגט שלאָפן אַ הונגעריקע? וויפל מאָל האָסטו נישט גע־האַט אויפן טראַמוויי און באַדאַרפט גיין צופוס? ווייניק מאָל? ווען דערציילסטו מעשיות? בין איך געווען פאַר־צווייפלט... און, אז מ׳איז פארצווייפלט, ווייס מען נישט, וואָס מען טוט... איז מען נישט פאראנטוואָרטלעך... איז מיר באַפאַלן די משוגעת. בין איך געלאָפן צו בולקינען. גע־מיינט, דו וועסט זיך דערשרעקן און ווערן אַ מענטש... האָב איך געמיינט, אַז דו וועסט גאָרנישט האָבן דאַקעגן, איך זאָל אָפּנעמען דאָס געהאַלט... געמיינט, אַז דאָס קען זיין די איינציקע רעטונג אונדזערע. האָב איך געמיינט... האָב איך געהאַט אַ טעות... האָב איך נישט געוואוסט, ווי נאַ־ריש איך בין. נאָר, אַז איך האָב געזען, ווי דו האָסט גע־ליטן, בין איך געגאַנגען חרטה־האָבן... בעטן בולקינען, ער זאָל מיר אַנטשולדיקן... בעטן, ווי אַ מענטש... איך האָב נישט געוואוסט, אַז מ׳קען נישט בעטן ווי אַ מענטש, ווען מ׳ווערט אויס מענטש... איז וואָס קומט מיר דערפאַר? בין איך דערפאַר גרייט צו ליידן, פאַר אַלץ ליידן, מער נאָר ווי איך האָב ווען עס איז געליטן... טאָ פאַרוואָס זאָלסטו זיין אויף מיר אין כעס? טאָ פאַרוואָס דאַרפסטו מיך נאָך אָנקוקן אַזוי בייז? איך האָב דאָך איצטער דערפילט, אַז איך בין אַ מענטש, אַז מ׳דאַרף זיין אַ מענטש... דיין שוויי־גן האָט מיר געעפנט די אויגן... ווען דו ביסט אַהיימגעקו־

מען, נאָך מיין ריידן מיטן באַלעבאָס, און דו האָסט מיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, האָב איך דערפילט, ווי גרויס ד ו ביסט און ווי קליין א י ך בין... בין איך געלאָפן צום באַלעבאָס פאַריכטן דעם פעלער... און, אַז ער האָט געפּרוּווט ריידן וועגן דיר אַ קרום וואָרט, האָב איך אים געגעבן איבערן פּיסק... איך מעג, ער נישט! א י ך האָב פון דעם געליטן, נישט ער! און ריידן מעג נאָר דער, וואָס ליידט...

אַראָן, דערשטוינט, האָט שטיל-געהאָרכזאַם אויסגעהערט די רייד. פאַרוקט אין אַ ווינקל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. די לעצטע ווערטער האָבן אים געציפּט ביים האַרצן און ער האָט מער נישט געקענט איינ־שטיין רואיק. גענומען שאַרן מיט די פיס און פאַרקוקן זיך אויפן ווייב, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געוואוסט, פון וואַ־נען עס האָט צו איר זיך גענומען מיטאַמאָל אַזאַ כוח צום ריידן. אירע ווערטער, אָנגעצונדענע, גליענדיקע, זיינען גע־פאַלן אויף אים און אים צעגומען. ער האָט דערזען, ווי אירע אויגן זיינען געוואָרן גרויס, פייכט, פינקלענדיק, אָט מיט פרייד, אָט מיט צער. האָט ער פּלוצלינג זיך אַ לאָז־גע־טאָן און איר איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס.

מאַן־און־ווייב האָבן געוויינט, ווי צעשלאָגענע קינדער, וואָס בעטן זיך איבער.

אין דער נויט

— איז נאָך אפשר דאָ וואָס צו פאַרזעצן?

ער האָט איבערגעקוקט דאָס צימער, לאַנגזאַם אריבער־געפירט די אויגן פון איין אָרט צום אַנדערן, ער זאָל חלילה נישט דורכלאָזן קיין שום זאַך, געזוכט אויף די ליידיקע ווענט, גלייך ווי עפּעס וואָלט אויף זיי פאָרט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן, און צו זיך אַליין גערעדט פאַמעלעכקע, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— כאָטש אויפן טאָג איבערצולעבן...

דאָס ווייב האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן. זי איז געזעסן אויפן ראַנד פון בעט, נעבן קינד, מיט הענט אַראָפּהענגענדיקע ווי שטריק, און נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס דער מאַן אירער האָט גערעדט. אַ ציטער האָט דורכגעטאַנצט איבער איר לייב, ווי מ׳וואָלט פאַר אי־רע אויערן געריסן פאַפּיר. איר בליק האָט זיך אָנגעגאָסן מיט קאַלטער בייזקייט. עס האָט איר גענומען הייבן פון אָרט. אָט, און זי וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל נישט קע־נען מער זיך באַהערשן און אַרויפשפּרינגען אויף אים, ווי אַ קאַץ.

— וואָס באַלבעסטו? — האָט זי אויסגעשריען — וואָס שיטסטו מיר זאַלץ אויף די וואונדן? זעסט נישט, אַז ס׳איז גאָרנישטאָ? זעסט נישט, אַז די שטוב איז אויסגעראַמט? הלוואי וואָלט מען שוין אויך אונדז אויסגעראַמט, וואָלט גענומען אַ סוף צו אַלץ און מ׳וואָלט זיך פאַרשפּאָרט מוטשען!

לייזער האָט נישט געענטפערט און ווייטער זיך אַרומ־געקוקט איבערן צימער. אַז ער האָט גאָרנישט געפונען,

וואָס מ'זאָל קאָנען אויסבייטן אויף געלט. האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויפן בעטל. אין ערשטן מאָמענט האָט ער נישט געוואָגט צו זאָגן, נאָר זיך פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער אַ קוק־געטאָן אויפן ווייב, אויף אירע אויגן, פון וועלכע עס האָבן זיך אראָפּגעקייקלט גרויסע טראָפּנס טרע־רן, און זיך אָנגענומען מיט מוט.

— לייטשע! — האָט ער שעמעוודיק זיך אָפּגערופן — אפשר... אפשר וועט מען עפּעס געבן פאַר דעם בעטל? איך וואָלט עס נישט געזאָגט, אָבער...

ער האָט נישט פאַרענדיקט. אין האַלדז האָבן זיך אָנגעַ־לייגט קנוילן. דער אָטעם איז אין אים געוואָרן איינגע־שרומפּן.

אין ווייב האָט זיך איינגעבראָכן דער כעס.

— פאַרקויף, אויב דו קענסט... — האָט זי זיך אונטער־נעגעבן — דאָס לעצטע שטיקל מעבל...

אין צימער האָט זיך אראָפּגעזעצט אַ שטילקייט, ווי נאָך אַ לויה. ער, לייזער, איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, מיטן קאָפּ אראָפּגעלאָזט, מיט די אויגן צו דר'ערד. זי, לייטשע, זיצנדיק אויפן ראַנד פון בעט, אויך מיט די אויגן צו דר'ערד. וויביידע וואָלטן געטראַכט וועגן איין זאַך מיט דער זעלביקער ווייטיקלעכקייט, וועגן אַ מת וואָס ליגט פאַר די אויגן, נאָר מ'איז מיד פון וויינען, ווייל דאָס וויינען קאָן סיי־ווי גאָרנישט העלפן.

— וואָרום ווייטער?

— וואָס וועט ווייטער זיין?

— און ווער וועט קויפן ס'בעטל? אַ טייערע מציאה... צעבראָכן, אָפּגעקראָכן, פול מיט וואַנצן...

— אויף אייזן וועט מען דערפאַר אפשר געבן אַ פּעזע.

— טאָ נעם!

— און דאָס קינד? — האָט לייזער געפּרוּווט זיך אַמ־פּערן מיטן טאַטן, וואָס האָט אין אים זיך אויפגעוועקט — אַזאַ פּיצל קינד זאָל שלאָפן אויף דר'ערד? מייז קריכן, ווי די קעץ...

— גזלן!! — האָט ס'ווייב פּלוצלינג דערלאַנגט אַ געשריי מיט אַ קוויטש — וואָס ווילסטו פון מיינע יאָרן? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? פאַרקויף יאָ, פאַרקויף

נישט, אָבער נעם נישט ביי מיר די לעבער!

פון די געשרייען האָט דאָס קינד זיך אויפגעכאַפּט. פון אָנהייב זיך ארומגעקוקט דערשראָקן. נאָר דערהערנדיק די מאַמעס שרייען, האָט עס זיך אויפגעזעצט, אויסגעריבן מיט די פאַרשמירטע הענטלעך די פאַרשלאָפענע אויגן, אויסגע־רופן „מאַמאַ!” און זיך פאַנאַנדערגעווייגט אויף א הויכן קולעכל.

— שטיל זיי! — האָט לייזער אויסגעלאָזט דעם כעס צום קינד און אויף אים זיך אָנגעבייזערט — נאַ דיר גאָר אים, צו מיינע צרות!

ס'קינד האָט פון דעם געבייזער זיך נישט באַרואיקט און גאָר נאָך־העכער זיך צעוויינט. איז לייזער צוגעלאָפן צום בעטל, האָט געגעבן א דריי־איבער דאָס איינגעדאַרטע קער־פּערל און אריינגעפּאַטשט.

ס'ווייב איז אויפגעשפּרונגען, אריין אין צווישן און צע־שפּרייט די הענט, ווי פליגלען.

— ביסט מְשוגע, צי חסר־דעה? ווערסט דאָך דערהרגענען דאָס קינד!

לייזער האָט זיך אָפּגערוקט א פּאַרסאָפּעטער, ווי נאָך א לאַנגער גוואַלדיקער אָנשטרענגונג, און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— הלוואי קאָן אים דאָס דערהרגענען... וואָלט ער פאַר־שפּאָרט זיך צו מוטשען אויף דער וועלט... און איך וואָלט פאַרשפּאָרט, און דו אויך...

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? — האָט ס'ווייב אים אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן — זאָלסט זיך בעסער די צונג אָפּבייסן!

— יאָ, די צונג... עסן איז סיי ווי נישטאָ וואָס.

— וועט זיין!

— פון הימל וועט אראָפּפאַלן?

— מען דאַרף האָבן האָפענונג!

— האָפנונג... אַלע האָבן האָפנונג... ס'איז נאָר געווענדט אויף וואָס...

— מ'דאַרף גלויבן!

— גלויבן... אַלע גלויבן... פאַראַן צייטן, ווען גלויבן און זיכערקייט איז איינס... זיכער... נישטאָ קיין מער־זיכערע

זאָך ווי דער טויט...

— דער טויט איז ניט דאָס ערגסטע. קיין צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט!

— קיין צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט, נאָר ווען מ'שטאַרבט איין מאָל, לאַנג, לאַנג, מאַנאַטנווייז, שעהנווייז, יעדע מינוט, אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם...

— פון טויט טאָר מען נישט מאַכן קיין ברויט!

— און אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער ברויט ווי דער טויט?

— אַ געזונטער מענטש טאָר אַזוי נישט טראַכטן!

— אַ געזונטער מענטש... קאָן אַן אַרבעטלאָזער זיין אַ געזונטער מענטש? קאָן אַ פאַרצווייפלטער זיין אַ געזונטער מענטש? ווער קען דאָס פון אים פאַרלאַנגען?

— ווער קען פאַרלאַנגען? אַליין! יעדער מענטש דאַרף אַליין פון זיך פאַרלאַנגען! אַז מ'פאַרלאַנגט פון זיך, האָט מען אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון יענעם!

— פאַרלאַנגען... ווען ס'איז קיין ברויט נישטאָ, פאַרגייט דער ווילן...

— אַזעלכע געדאַנקען פירן צו זעלבסטמאָרד.

— געדאַנקען ביי זעלבסטמאָרד? מענטשן ווערן זעלבסט־מערדער, ווען ניט ז י י האָבן געדאַנקען, נאָר ווען גע־דאַנקען האָבן ז י י...

— פע, עלטערן פון קינדער טאָרן נישט ריידן פון זעלבסטמאָרד! און בכלל טאָר דער מענטש אַליין זיך נישט נעמען דאָס לעבן. דו ביסט דאָך נישט דער איינציקער, וועלכער גייט אַרום אָן אַרבעט. פאַראַן מיליאָנען ווי דו. דאַרף מען האָפן. אפשר היינט. אפשר מאָרגן. נישט קיין נייס, אַז עס קומען שלעכטע צייטן. אויב מ'וויל גוטס, דאַרף מען אויך וועלן אָראָפּשלינגען שלעכטס!

לייזער האָט געהערט מיט אַן אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרזינדיקט קינד, נאָר די ווערטער האָבן אים נישט גע־טרייסט. די פרוי, מיט וועלכער ער האָט געלעבט אין איין שטוב יאָרנלאַנג, האָט פאַר אים איצט אויסגעזען ניי. ער האָט זיך דערמאָנט אַלטע רייד, אַז מאַן־און־ווייב, לעבנדיק לאַנג צוזאַמען, גלייכן זיך אויס, אַזוי מיטן אויסזען, ווי מיטן טראַכטן. איצט האָבן די רייד געקלונגען אין זיינע

אויערן פאַלש. אָט, לייטשע: איז זי דאָך אַזוי אַנדערש ווי ער! זי ליידט נישט ווייניקער ווי ער און פון דעסטוועגן איז זי אַזוי אַנדערש. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פון וואַנען נעמט זיך עס? דאָס האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין. ווי קאָן דאָס זיין? זעט זי דען ניט, אַז אין שטוב איז נישט נע־בליבן אַפילו אויף אַ שטריק זיך אויפצוהענגען? הונגערט זי דען ניט, ווי ער? קאָן זי געבן דעם קינד עסן? אַז ער, ליי־זער, וויל אַרבעט, נאָר קריגט ניט, דאָס זעט זי. זי ווייסט אויך, אַז ער האָט שוין מער קיין כוח ניט צו גיין זוכן. אַלע וועגן אויסגעגאַנגען און צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. רייד העלפן נישט. די צונג לייגט זיך נישט מער צום ריידן. אַפילו ביי דעם פיר־יאָריקן איציקל לייגט זיך נישט מער די צונג צום ריידן און בעטן עסן. ער פאַרשטייט שוין, אַז דאָס וויינען אין שטוב וועט אים נישט העלפן. האָט ער אַליין אויסגעפונען אַ מיטל, ווי צו קריגן עסן. ער שטעלט זיך אַוועק, איציקל, ביי דער טיר פון שכנותדיקן צימער, היט אָפּ ביז מ׳זעצט זיך צום טיש און קוקט זיך צו מיט אַ טרויעריקן רחמנות־פּנים, ביז די שכנים טראָגן אים עפּעס אונטער צום מויל.

ווען זי, לייטשע, האָט דאָס דערזען צום ערשטן מאָל, האָט איר אַ ברי־געטאָן אין פּנים אַ געפיל פון בושה. זי האָט אים געוואָלט אָנזאָגן, איציקלען, אַז ער זאָל מער אַזעלכעס נישט טאָן, ווייל ס׳איז מיאוס. זי האָט דאָס אָבער נישט געוואַגט. זיך געשעמט. פאַר זיך אַליין געוועזן פאַר־שעמט און נאָכמער זיך געשעמט דאָס איבערצוחזרן פאַר אים, לייזערן. ער האָט דאָס באַמערקט, אַליין באַמערקט, און פאַר איר איבערגעחזרט:

— זעסט די נאַטור? ער קריגט נישט ביי אונדז קיין עסן, גייט ער צו אַנדערע. וועלן אים אַנדערע נישט געבן, וועט ער זיך אַליין נעמען. ווי קליין דאָס איז, אַזוי געפינט עס שוין אַליין אויס אַלע גנבישע שטיק...

— גנבישע שטיק? אַ גנב?

— וואָס איז? און אַז אַ גנב? גי׳נאָר אַ קוק, ווי דו האָסט זיך עס דערשראָקן?!

— אוודאי דערשראָקן. אַלץ יאָ, נאָר נישט קיין גנב!

איידער אַ גנב, זאָל ער בעסער פאַר דער צייט אין דר'ערד אַריין!

— שאַ! — האָט דער מאַן איבערגעשלאָגן — און, אַז יאָ אַ גנב, איז וואָס? וויפיל גנבים פאַראַן אויף דער וועלט? ווייניק בכבודיקע גנבים, וועלכע מ'גיט אָפּ כבוד מיט גאַנצע הויפנס און וועלכע ריידן וועגן יושר, ווען עס רינט זיי איבערן מויל? וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? אַ בעטלער איז בעסער? אוועקשטעלן זיך ביי דער טיר, קוקן יענעם אין מויל אַריין, ביז יענער וועט צו־וואַרפן אַ ביינדל, ווייל ער קאָן דעם הונגעריקן נישט אָנ־קוקן, ווי אונדזער איציקל טוט עס...

— אַלץ בעסער ווי אַ גנב! ער איז הונגעריק, בעט ער. און עס גיבן אים די, וועלכע האָבן...

— בעסער זיך אין וואַסער אַריינוואַרפן איידער בעטלען גיין! סם, בעסער סם אויסטרינקען!

— און דאָס קינד?

— זאָלן אים אויסהאָדעווען די, וועלכע האָבן!

— ס'איז דאָך אָבער ד י י ן קינד!!

— זיי האָבן אָבער מ י י ן ברויט!!

די פרוי איז ווידער אַריין אין הויכע קולות:

— משוגענער, וואָס דו ביסט! וואָס קלערסטו טאָן? ביסט דאָך אַראָפּ פון זינען! מיט וועלכע ווילדע געדאַנקען טראָגסטו זיך עס אַרום? מילא, קעגן זיך? ביסטו דער באַלעבאָס איבער זיך און קיינער קאָן דיר קיין דעה ניט זאָגן! איך, מילא... וועל איך אויך זיך אין וואַסער אַריינוואַרפן אָדער סם אויסטרינקען! אָבער, וואָס הייסט, מיר וועלן לאָזן דאָס קינד אַליין אויף דער וועלט?

— קענען מיר אים מיטנעמען... — האָט דער מאַן געענטפערט שטיל, ווי פאַרטרווילעך.

— ניין! דאָס נישט! אויף יענעמס לעבן ביסטו נישט קיין באַלעבאָס! דאָס וועסטו נישט טאָן!!

זי איז האַסטיק אויפגעשטאַנען פון בעט. דאָס קינד האָט געוויינט און זיך געשראָקן, נאָר זי האָט אויף אים זיך נישט אומגעקוקט. מיט צענומענע הענט איז זי צוגעלאָפן צום מאַן, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, מיט די אָרעמס

דעם האַלדז אַרומגעריפּט און די איינגעטריקנטע ליפּן צו זיינע טרוקענע ליפּן צוגעדריקט.

— לייזער! — האָט זי אויסגערופן און זיך צעכליפּעט — האָב רחמנות אויף דיר, אויף מיר און אויף אונדזער קינד! וואָס רעכנסטו צו טאָן? זאָלסט אָפּגעהיטן ווערן! וואַרף אוועק די שרעקלעכע געדאַנקען! וועסט זען, מיר וועלן זיך נאָך ראַטעווען, וועסט זע־ע־ע...

לייזערס הענט זיינען געוועז אַראָפּגעלאָזט, ווי אַראָפּגע־בויגענע צווייגן, אונטערגעהאַקטע. ליטשע האָט זיך איינ־געגעסן מיט אירע סקוואַרע ליפּן אין זיינע באַקן. אירע הייסע טרערן זיינען אַראָפּגערונען אויף זיינע ליפּן און ער האָט דערשפּירט א געזאַלצנקייט, וואָס האָט אים אָפּגעפּרישט. ער האָט זיך באַלעקט מיט די טרערן און דערפילט אין דער פאַרגליווערונג א וואַרימקייט. אין קאָפּ האָט געזעצט ווי מיט האַמערס. די אָדערן ביי די שלייפן האָבן זיך געצאַפּלט, ווי אין קראַמפּן. איצט האָט אים אין האַלדז ווידער אָנגע־הויבן שטיקן. ער האָט דערפילט, אַז די פיס ברעכן זיך אים אונטער. האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע כוחות, אויפגעהוי־בן די רעכטע האַנט, אויף דעם ווייבס קאָפּ אַרויפגעלייגט און לייכט א גלעט־געטאָן, איין מאָל און א צווייט מאָל.

— וועסט זען... — האָט ליטשע געשלוכצט — וועסט זען...

איציקל האָט זיך צוגעקוקט צו טאַטע־מאַמע און איז גע־וואָרן איינגעשטילט. ער איז אַראָפּגעלאָפן פון בעט א באָר־וועסער, האָט זיך צוגעטוליעט, אַרומגעכאַפּט מיט איין הענטל דעם טאַטנס פיס, מיטן צווייטן דער מאַמעס, זיי געקושט און באַלד גענומען טאַנצן אַרום זיי, שפּרינגען און אויסשרייען פאַר גדולה:

— פּאַפּאַ איז א גוטער... מאַמאַ איז א גוטע... גי׳מיר א „סינקאָ״! גי׳מיר א „סינקאָ״!

מאַן־און־ווייב האָבן אַראָפּגעקוקט צום קינד און געלאָזט די אויגן רוען אויף זיין קעפּעלע. די שווערקייטן האָבן גע־נומען אַראָפּקריכן פונם האַרצן און א שטילע וואַרימקייט האָט באַצויגן דאָס צימער, זיך צעשוואומען אין אַלע ווינ־קלען, ווי אינעם קערפּער פון א פאַרפרוירענעם, וואָס

מ׳טראָגט אַריין אין אַן איינגעהייצטער שטוב. אויף אַלע־מענס פּנימער האָט זיך אַרויפגערוקט אַ ליכטיקייט.

מאַן־און־ווייב האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט.

אין דעם מאָמענט האָט אַ פינגער, ווי אַ העמערל, אָנגעקלאַפּט אין טיר.

ביי דער טיר איז געשטאַנען דער באַלעבאָס פון דער דירה. אַ פאַרכמורעטער, אַ שטרענגער, האָט ער געזאָגט:

— מאָרגן, אויב איר גייט אַליין נישט אַרויס, וועט די פּאָליציי אייך ווייזן דעם וועג.

אין לייזערן האָט פּלוצלינג עפּעס זיך אָפּגעריסן.

— טאָ נאָך וואָס זיינט איר געקומען? — האָט ער אַ פרעג־געטאָן אינגאַנצן אַן איבערגעביטענער — האָט איר דאָך גלייך געקענט שיקן די פּאָליציי...

— כ׳וויל — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט — פאָרט נישט מאַכן קיין ליטויש געלעכטער. מיר זיינען דאָך יידן...

— אהאָ! — האָט לייזער זיך אָנגעכאַפּט — „מיר זיינען יידן”... נו, אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ פאַרוואָס זאָל אַזאַ רייכער ייד, ווי איר, נישט אויסוואַרטן ביז אַן אַרבעטלאָזער ייד מיט אַ ווייב און קינד וועט קריגן אַרבעט? איך וויל אייך דען ניט צאָלן דירה־געלט? מילא, אַ ייד אַן אַרימאַן... אָבער, איר, אַזאַ רייכער באַלעבאָס ווי איר?!

— זיינט איר מיר שוין געוואָרן אַ מאָראַל־פּריידיקער אויך? נו, מיר׳ן זען, ווי איר וועט האַנדלען מיט אייער מאָראַל, ווען איר וועט זיין אויף מיין אָרט! דערווייל וואוינט איר שוין ביי מיר פינף חדשים אָן דירה־געלט.

— אמת. אָבער, זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איר גיט אַ נדבה אין אַ צדקה־אַנשטאַלט, וואו מ׳פאַרשרייבט אייער נאָמען מיט גאָלדענע אותיות אויף די ווענט און מ׳שרייבט וועגן דעם אין די בלעטער... עלעהיי, אַ נדבה...

— אַ נדבה? אַ נדבה גיב איך אַ שטיקל האַרט ברויט!

לייזערן האָט ברײ־געטאָן. ער האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן און, אָנזאַמלענדיק אָטעם, מיט אימפּעט געגעבן אַ שריי־אַרויס:

— אַרויס פון דאַנען!!

דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן, שנעל זיך אַריבערגעשאַרט איבער דער שוועל אויף הינטערווייַלעכץ און, דער־

לאַנגענדיק אַ טראַסק מיט דער טיר, אָפּגעענטפערט:

— איך קען זיי נישט, אָט־אָ־די קבצניוקעס? אַז איך האָב געלט, איז עס זייער טאַטנס עסק...

מאַן און ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך פרעמדע געווען.

פאַרשאָלטענע טעג

ער האָט געשאָלטן די טעג. געשאָלטן דאָס לעבן. געשאָל־טן אַנדערע און געשאָלטן זיך:

— ווערט דאָס אַלץ פאַרברענט!

די אַרבעטלאָזיקייט האָט אים צעפרעסן דעם מאַרך. דער הונגער האָט ביי אים צעקאָכט די געדאַנקען, אויסגעפּאַטשט אַלע האָפנונגען און אַרויסגעוואָרפן אַלע שיינע ווערטער אויפן מיסט.

— צו וואָס? פאַר וועמען?

— אַלץ אַ ליגן. ווערטער זיינען באַשאַפן געוואָרן צו פאַרדעקן ליגנס...

ווי זשאַווער האָבן זיך די דאָזיקע טראַכטענישן אין אים איינגעגעסן און געלאָשן די אויגן. אַלץ, וואָס אַרום, האָט מער נישט געצויגן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען ער זאָל אויפהערן טראַכטן, וואָלט ער געווען מער צופרידן ווי פון קריגן אַ מיטאָג אָפּצועסן. ווייל ליידן הונגער איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי דאָס איבערקלערן וועגן הונ־גער. טראַכט ער וועגן זיין נויט, אַזוי נעמט ער טראַכטן וועגן דעם וואויל פון אַנדערע. דאַכט זיך אים, אַז ער וועט מער קיינמאָל נישט קענען הנאה־האָבן פון לעבן. אַז אויס־געלאָשן איז די פרייד אויף אייביק. אַז אפילו ווען ס'וועט אים בעסער־ווערן, וועט אים דאָס וואויל־לעבן נישט איינגיין. אים וועט גוט זיין, אָבער אַנדערע וועלן פאַרנעמען זיין אָרט און זיי וועט שלעכט זיין. וועט אים נישט איינגיין די זאַטקייט בשעת אַנדערע וועלן הונגערן. אויב נישט הונגערן, וועט זיין אַן אַנדערער טרויער, נישט פון הונגערן. ס'ווייזט זיך אים איצט אויס, אַז טרויער איז אייביקער ווי פרייד.

ווייל טרויער קאָן דורך קיין שום מיטלען נישט אָפּגעשאַפט ווערן. ווי קאָן דען אייגניין די פרייד בשעת אַנדערע קאָר־טשען זיך אין טרויער? ווי קען מען דאָס לעבן מיט זיך אַליין און פאַרמאַכן אויג־און־אויערן פאַרן טרויער פון אַנ־דערע, וואָס גייען זייט ביי זייט?

— ווי קען מען דאָס אַליין עסן צו זאַט, ווען אַנדערע, פּונקט אַנטקעגן, שטייען אויסגעהונגערטע? ווי קען מען דאָס טאַנצן, ווען אַנדערע, פּונקט אַנטקעגן, זינקען אין אבלות? ווי קען מען דאָס אַזוי זיך פאַרגעסן אין אַליין־צו־פרידנקייט? מ'דאַרף דאָך זיין דער ערגסטער, דער מיאוס־טער, דער אומפאַרשעמטסטער...

די געדאַנקען האָבן געקלאַפּט אין די ווענט פון זיין שאַר־בן און געדראַפּעט, ווי אַרויסגעטריבענע הינט וואָס רייבן זיך צוריק אַריינצוקומען אין זייער פאַרלוירענער היים.

דער דרויסן איז געווען פאַרגאָסן מיט זון. דער דרויסן האָט געזויגן די זון, ווי אַ קינד דער מאַמעס ברוסט. די שטראַלן זיינען געפאַלן אויך אויף אים, אויפן אַרבעטלאָזן, און געשפּילט ווי אַ שפּיגל. ער איז דערפון געווען גערער־גערט, דער אַרבעטלאָזער. געפילט, ווי די זון וואָלט ספּע־ציעל אים אַריינגעקוקט אין פּנים, צו־להכעיס. ווי איינער זאָל וועלן מאַכן עמיצן לאַכנדיק, ווען ס'איז דווקא וויינענ־דיק אויפן האַרצן און ס'גייט נישט איין קיין געלעכטער. האָט עס אים געגעסן דאָס לייב, ווי ער וואָלט זיך געוויקט אין זאַלץ. געהאַט קרענקונג, הלמאי די זון שטראַלט אַזוי, און רופט אַזוי צו זיך:

— ווער דאַרף זי, די זון, צו אַלדי שוואַרץ יאָר? אין דער פינצטערניש איז לייכטער צו ליידן. אין דער פינצטערניש שלאָפט מען גיכער איין און מ'שלעפערט איין דעם בויך, וואָס קאָרטשעט זיך אין קראַמפּן! ווער דאַרף דען זון אָן ברויט? צו וואָס דאַרף אַ הונגעריקער שטראַלן? וואָלטן דאָס געווען טויט־שטראַלן... ווער דאַרף אָבער אין גסיסה שטראַלן, וואָס רופן צום לעבן, צו גליק, צו פרייד? ווער?

ליגנדיק אויפן גראָז, באַדעקט מיט דער פרימאָרגן־זון, האָט ער געשאָלטן די צעשטראַלטע טעג, דאָס גאַנצע לעבן, אַנדערע און זיך אַליין.

◆

שיף־ברידער

— אוי, ווען זע איך?

צוויי הענט האָבן זיך ווארים געדריקט, אָפּגעגעבן שלום־עליכם.

סאַלאָמאָנס מאַטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. אויף זיינע באַקן האָט אַרויסגעשלאָגן אַ רויזנדיקייט. ער האָט זיך דערשפּירט אַ דערפרישטער, ווי אַ וואַנדערער אין אַ פאַר־וואָרפענער טריקעניש ביים געפינען אַ וואַסערקוואַל און שאָטן פון ביימער. דאָס האַרץ האָט אין אים אויפגעשפּילט, גענומען האַסטיק קלאַפּן, אין דערוואַרטונג.

— אַ באַרג מיט אַ באַרג טרעפט זיך נישט...

— אָבער, אַ מענטש מיט אַ מענטש?

— ווער האָט עס געקאָנט גלויבן?

— טאַקע. עס פרייט מיך אייך צו זען!

ער האָט געשפּירט, סאַלאָמאָן, ווי די ווערטער „עס פרייט מיך אייך צו זען", געזאָגט מיט אמתער פרייד, האָבן אים געקושט. ער האָט זיי געגעסן, די ווערטער, און געפילט, ווי דער הונגער שטילט זיך אין אים און די מידקייט צע־רינט. ער איז געווען מיד פון לאַנגן אַרומגייען איבער די גאַסן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט ער גייט אויף ערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון צייטונגען, נאָר אַז ער בלאָנדזשעט. ווייל פון אומעטום איז ער אַוועק מיט גאָרנישט. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט אומ־צוטרוי און חשד. ווייל אומעטום האָט זיך זיין צונג פאַר־פּלאָנטערט, ווי ער וואָלט גערעדט פון שלאָף. דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער נישט געפונען. דאָס, וואָס ער האָט יאָ געפונען, האָט ער נישט געזוכט. דאָך געוואָלט זיך

אַרייַנדרייען אין דער ראָד פון פרעמדע אַרבעטן. נאָר אין דער פרעמדער ראָד זיך נישט געקענט אַרייַנדרייען. זייַנע רייד האָבן זיך געפּלאָנטערט און אַרויסגערופן אומצוטרוי און פאַרדאַכט.

פון דעסטוועגן האָט ער זיך נישט אונטערגעגעבן, סאַלאָמאָן, ווייטער געגאַנגען און ווייטער געזוכט. געגאַנגען און געבלאָנדזשעט. מער געבלאָנדזשעט ווי געגאַנגען.

— נישט אַלעמאָל גייט שלעכט. — האָט ער זיך געטרייסט — טאַקע אַכט חדשים אָן אַרבעט. נאָר דעם מוט טאָר מען ניט פאַרלירן. „געלט פאַרלאָרן", פלעגט לערנען די מאַמע עליה־השלום, „האַלב פאַרלאָרן; מוט פאַרלאָרן, אַלץ פאַרלאָרן"...

און אַזוי האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער פרעמדער טיר. אָנגעקלאַפּט מיט קנאַפּער האָפענונג, דאָך אָנגעקלאַפּט.

אַ יונג שיקסל מיט שוואַרץ־גלאַנציקע לאָקן האָט אים געעפנט די טיר, אויסגעהערט און, ווי צו אַ טאַנץ, זיך אַ דריי־געטאָן, געוויזן די בייגעוודיקייט פון איר טאַליע און פאַרשוואונדן הינטער אַ טיר. געהייסן וואַרטן און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די צווייטע טיר אויפן האַק־שלאָס.

סאַלאָמאָן איז געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי אַ בעטלער. לאַנג געוואַרט. עס איז אים נמאס־געוואָרן דאָס שטיין פאַר דער טיר און האָט שוין געקלערט פון אַוועקגיין און ניט זאָגן, אַז ער גייט אַוועק. ער האָט אָבער אַ טראַכט־געטאָן פון פרוי און קינד, וואָס וואַרטן אין שטוב, ער זאָל קריגן אַרבעט און ברענגען עפּעס אין שטוב אַריין: איז אים צוגעקומען געדולד און ער איז געוואָרן מער־אויסדויערעוודיק.

— וואָס קען מען טאָן? — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — אַז מ'איז ביי זיי אין די הענט!

נאָך לאַנגער געדולד האָט די טיר זיך געעפנט. צו סאַלאָמאָנס איבעראַשונג איז אַרויס אַ מאַן, וואָס האָט אים אינם אויגנבליק דערקענט. און באַלד האָבן צוויי הענט זיך שטאַרק געדריקט, אָפּגעבנדיק אַ וואַרימען שלום־עליכם:

— אוי, וועמען זע איך? סעניאָר סאַלאָמאָן!

— סעניאָר הערמאַן! מענדל...

— מאנועל. — האט דער באלעבאס פון הויז פאראכטן — מאנועל...

— מאנועל... אזא איבעראשונג...

— טאקע אן איבעראשונג. קומט אריין, קומט אריין! קומט, זעצט זיך... אט אזוי... דערציילט, וואס ברענגט אייך אהער און ווי אזוי איר האט צו מיר געטראפן! איר וועט עפעס טרינקען...

— א דאנק, א דאנק. — סאלאמאן האט געפילט, ווי ער ווערט שטארקער — אט, זעט איר דאך, ווי דאס לעבן פירט צוזאמען. א בארג מיט א בארג באגעגענען זיך נישט, נאר א מענטש מיט א מענטש טרעפן זיך יא!

— אבער פון וואנען האט איר געפונען מיין אדרעס? אוודאי פון טעלעפאן־בוך...

— ע, ברויט איז דאס בעסטע טעלעפאן־בוך!

— איר ארבעט?

— אט וועגן דעם קום איך טאקע צו אייך אין פאבריק.

— מאכן געשעפט?

סאלאמאן האט א שמייכל־געטאן מיט ביטערקייט:

— יא... געשעפט... איך קום פארקויפן מיינע הענט... איר גיט עפעס פאר זיי?

דער פאבריקאנט האט געוואלט ווייזן, אז ער איז א הויי־מישער, און געזאגט:

— נארישקייטן! קויפן, שמויפן... איר זיינט נאך אלץ געבליבן א פאעט!

— שוין איין מאל א פאעט! — האט סאלאמאן געענט־פערט, גערעדט גיכער צו זיך איידער צום באלעבאס און אראפגעבויגן דעם קאפ — שוין איין מאל ביי מיר א לעבן מיט פאעזיע...

מאנועל הערמאן, פריש־ארומגעראזירט, אין א גוט־גע־פרעסטן אנצוג, מיט פעט־גלאנציקן אויסגעקאמטן קאפ האר, מיט די הענט אין די קעשענעס, האט געהערט און ארויס־געוויזן מיטלייד:

— אזוי, אזוי... אז מיר זיינען אנגעקומען אויף איין שיף, האבן אלע געמיינט, אז איר וועט אין אמעריקע גיין

אין גאָלד. אַ מענטש מיט אַ פּעדער, מיט אַ מויל אויף שרויפן... וואָס בין איך געווען קעגן אייך? מענדל שוסטער בן שוסטער...

סאַלאָמאָן האָט אַרויסגענומען אַ טיכל, זיך אַרומגעווישט ס׳פּנים, גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַרמאַטערט פון ריידן, און זיך אויסגעפּיינט:

— איך פאַרגין אייך מיטן גאַנצן האַרצן, סעניאָר הער־מאַן. אויב שוין יאָ מקנא־זיין, דאַרף מען מקנא־זיין גרע־סערע פון אייך. אַז חזיר, זאָל ריינען איבערן מויל! און קנאה איז פאַר מיר ווי ביי אַ פרומען יידן חזיר. פאַרגין איך אייך פונם גאַנצן האַרצן. ווער ס׳פאַרגינט אייך נישט, דער זאָל אַליין נישט האָבן. איר האָט ביי מיר נישט גע־גומען און זאָל אייך וואויל באַקומען!

— אַ דאַנק.

— נו, איז ביי אייך אַ גרויסע פאַבריק?

דער שיף־ברודער האָט אַריינגעפירט סאַלאָמאָנען אין דער טיף פון הויף, אונטער אַ גרויסן בלעכענעם דאַך, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ סך מאַשינען, טישלעך און פּאָליצעס ביי די ווענט און אַרום זיי מענער און פרויען פאַרטוענע אין אַרבעט. די פּאָליצעס זיינען געווען געפּאַקט מיט שווערע פּעק, אין דער הייך, אין דער טיף, אין דער לענג.

— קיין עין־הרע! — איז סאַלאָמאָן געווען אַנטציקט — איר האָט זיך ברייט פאַרנומען, זעט מען. יאָ... איך... איר... אפשר וואָלט איך טאַקע געקאָנט קריגן ביי אייך צו טאָן? איך בין פון פאַך. האָב געאַרבעט...

דער באַלעבאָס האָט אָנגעקוקט דעם שיף־ברודער מיט אַ לאַכעדיקן פּנים, פּונקט ווי יענער וואָלט געשפּאַסט:

— ליידער... איר זעט דאָך... טאַקע גרויס די פאַבריק... אָבער, איר זעט דאָך, ווי אַלץ איז באַזעצט...

— פון דעסטוועגן... — האָט סאַלאָמאָן גענומען בעטן — שפּילט אַ ראָלע אין אַזאַ גרויסער פאַבריק נאָך אַ מענטש? וואָס זעט זיך דאָ אָן?

— פאַרשטייט מיך! — האָט דער באַלעבאָס מיטאַמאָל געגעבן אַ בייט־איבער דעם טאָן — אין אַ גרויסער פאַבריק

זעט זיך טאָקע נאָך אַ מענטש וויניק־וואָס אָן. אָבער...
ווי זאָל איך אייך זאָגן? איר פאַרשטייט? איך וואָלט נישט געקענט ביי מיר פועלן צו זיין אייער באַלעבאָס. דאָס האַרץ לאָזט מיר נישט צו ווערן אייער באַלעבאָס. אַז אָפּענער זעקס־און־זעכציק. מיר זיינען געוועזן שיף־ברידער. איר אַ נגידיש קינד, איך אַ שוסטער. נו, וואָלט מיר דאָס האַרץ נישט געלאָזט...

— איי, דאָס איז גאָרנישט! — האָט סאַלאָמאָן גע־פּרואווט מאַכן צו קליינגעלט — וואָס איז היינט ווערט יחוס? ווער קוקט זיך היינט אום אויף יחוס? קאָן מען קריגן אויף יחוס קרעדיט אין באַנק? אַנדערע צייטן, די היינטי־קע צייטן. וואָס האָט דאָס צו זאָגן, ווען איך קום צו אייך? איך אַן אַרבעטער, וואָס נייטיקט זיך אין אַרבעט; איר אַ באַלעבאָס, וואָס האָט צו געבן אַרבעט. גאַנץ פּשוט. נישט מער.

— איי, סעניאָר סאַלאָמאָן, סאַלאָמאָן... אַרבעט איז אַ כּך מער...

— אוודאי איז עס מער. אַרבעט איז ברויט. און איך דאַרף ברויט. מיין פרוי און קינד וואַרטן אויפן שטיקל ברויט...

דער פאַבריקאַנט, מיט די הענט אין די קעשענעס, אויס־ציענדיק זיך אין דער גאַנצער לענג און שטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס, אויף אויסצוקומען העכער, ווי ער וואָלט געוואָלט צוגעבן מערער הויכקייט זיינע רייד, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַנטשלאָסן:

— כ׳קען נישט, פריינט לעבן! אַלץ יאָ, נאָר דאָס נישט. ווען איך קאָן, וואָלט איך פאַר אייך געטאָן אַלצדינג. מיין האַרץ לאָזט מיר אָבער נישט, אַז איך זאָל ווערן אייער באַ־לעבאָס. אַז כ׳קאָן נישט, דאָס האַרץ לאָזט מיר נישט, איז וואָס האָט איר צו מיר?

◆

מיטגעפיל

שוין צוויי שעה, ווי סאוויצקי האָט גערעדט מיט געלט־מאַנען, און פון דעסטוועגן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין גע־לעגנהייט צו דערציילן וועגן וואָס ער איז געקומען. ער האָט אויסדערציילט פון דער גאַנצער פאַמיליע זיינער און אויס־געהערט, וואָס ביי געלטמאַנען איז פאָרגעקומען אין פאַמי־ליען־לעבן, זיך גערדרייט אַרום די וויכטיקסטע ווערטער, נאָר אַלעמאָל זיך פאַרהאַקט, ווייל געלטמאַן האָט אים איבער־געריסן און פאַרענדיקט, וואָס ער, סאוויצקי, האָט אָנגעהויבן.

— איי, פריינד לעבן! — האָט סאוויצקי געזאָגט מיט אַ קרעכץ — ביי מיר אין שטוב... אין דער לעצטער צייט ביי מיר אין שטוב... כ׳זאָג אייך, אַזוי ביטער, אַז...

— אַז דער גאַנצער וועלט איז היינט ביטער! — האָט אים געלטמאַן איבערגעריסן און געהאָלפן פאַרענדיקן אַ געדאַנק — וועמען איז זיס? איר האָט שוין געהערט, אַז עמיצן זאָל היינט זיין פריילעך אויפן האַרצן?

— די פרנסה... — האָט סאוויצקי געפּרואווט אויסקערע־ווען די רייד אויפן וועג, וואָס האָט אים געבראַכט צו זיין אַלטן פריינד געלטמאַן.

נאָר געלטמאַן האָט זיך באַקוועמער אריינגעזעצט אין ווייכן פאָטעל און, פאַרציענדיק דעם רויך פון ציגאַר, פאַר־געזעצט:

— איי, קענט איר ווייניק אונדזער פינצטער וועלט... אייך ווייזט זיך אויס, אַז נאָר ביי אייך אַליין גייט שלעכט אין דער פרנסה... און ביי וועמען גייט גוט?

— אָבער... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך! שוין אַ יאָר צייט, אַז איך ווייס נישט דעם טעם...

— און ווער האָט אין די היינטיקע צייטן יאָ אַ טעם אין לעבן? — האָט געלטמאַן אַריינגעוואָרפן סאַוויצקין אַ פראַגע — אָט, אַ שטייגער, איך אַליין. שוין אַ יאָר צייט, ווי איך עס פונם גרייטן און ווער ווייסט, צי איכ'ל נישט מוזן ס'הויז פאַרקויפן...

סאַוויצקין האָבן די רייד אַ קראַץ־געטאָן אין האַרצן, ווי מ'וואָלט אים געקראַצט מיט צעבראָכענעם גלאָז דאָס לייב. ער האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און שטיל־איינגעהאַלטן געענטפערט:

— אַז מ'קען לעבן פונם גרייטן, איז נאָך גוט. וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אַז מ'האָט נישט קיין גרייט געלט, נישט קיין הויז? אָט וואוין איך שוין דריי חדשים און האָב נאָך נישט באַצאָלט קיין...

— אוי! — האָט געלטמאַן פּלוצלינג געגעבן אַ שפּרינג־אויף פונם פאָטעל און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ — האָב איך אַ זכרון, אַז דער טייוול זאָל עס נעמען! וויפל איז דער זייגער? וויפל? שוין זעקס דער זייגער? איי, איי, איי! כ'האָב זיך אָפּגערעדט מיט אַ מענטשן אויף דרייפערטל זעקס...

און, אָנכאַפּנדיק סאַוויצקיס האַנט, האָט געלטמאַן זיך געזעגנט אין איילעניש און צוגעוואָרפן:

— אַנטשולדיקט מיר זייער, וואָס איך מוז אַוועקגיין. מ'וואַרט אויף מיר וועגן אַ וויכטיקן געשעפט. קומט אַריין, פריינד סאַוויצקי, און מיר'ן זיך אַ ביסל דורכשמועסן... און וועגן דעם? יאָ... אויב כ'וועל נאָר עפּעס קענען טאָן פאַר אייך, געפינען אַ שטיקל אַרבעט... ווייסט איר דאָך, אַז איך זאָג זיך נישט אָפּ, אויב ס'איז נאָר אין מיינע כוחות...

סאַוויצקי האָט אויסגעהערט און געפילט, ווי מ'וואָלט אים אַ שמיץ־געטאָן פאַר אַ נדבה אַ פאַלשע מטבע אין פּנים אַריין.

צוליב ברויט

דער פאַבריק־מייסטער האָט צוגערופן דעם אַרבעטער צום טיש און מיט כעס געפרעגט:

— זאָגט מיר נאָר, איר ווייסט, אַז איר הייבט נישט אָן צו קענען אַרבעטן?

דער אַרבעטער האָט געקוקט אויף דעם אויפגעוויקלטן צעלעבערטן שטאָף און געשוויגן.

— גיט אַ קוק, וואָס איר האָט דאָ אָנגעמאַכט! — אין מייסטערס קול איז אָנגעלאָפן כעס — ווי שעמט איר זיך נישט אָנצוגעבן פאַר אַ פּראָפעסיאָנאַל, בעת איר האָט נישט די מינדסטע אַנונג אין דער אַרבעט? פאַר וועמען האַלט איר מיך, פאַר אַ בלינדן? און וואָס מיינט איר זיך, שטאָף קאָסט נישט? דער באַלעבאָס גנבעט?

דער אַרבעטער האָט געפּרוּווט זיך פאַרטיידיקן שטאַמלענדיק:

— איך... די אַרבעט...

— א י ר און די אַרבעט? — האָט דער מייסטער נאָכגעקרימט און אַריבער אין אַ געשריי — איר האָט אוודאי געקוקט דורך אַ פענצטער, ווי מען אַרבעט! אַזאַ געמיינ־הייט! נעמט די מינוט אייערע זאַכן, די מינוט!

דער אַרבעטער האָט גענומען זיין רעקל, זיך אָנגעטאָן מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און דאָרטן, האַלטנדיק די קליאַמקע אין האַנט, לאַנגזאַם געפרעגט:

— אנטשולדיקט, סעניאָר קאַפּאַטאַס! איר זיינט שוין אַ מאָל אַרומגעגאַנגען אַ האַלב יאָר אָן אַרבעט און די קינדער אין שטוב זאָלן שרייען „עסן!"? איר האָט שוין אַ מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַ הונגעריקן?

פון רחמנות

— שטיי אויף! ס'איז דאך שוין נאך פיר אזייגער.
דאס האט לייטשע געוועקט דעם מאן אירן, לייזערן, ער זאל גיין נאכזוכן אין די בלעטער.
נאר לייזער האט זיך פון ארט נישט גערירט. ער איז געלעגן אויפן הארטן אויסבעטעכץ, נעבן קינד, אויף דער פאדלאגע, ווי א טויטע זאך. זיך נישט אפגערופן, כאטש געשלאפן איז ער שוין פון לאנג נישט. מיט פארגלעזערטע אויגן האט ער געקוקט אויף די שויבן פון דער טיר, וואו גרויע פעדים האבן גענומען זיך שלענגלען אין דער שווארצקייט פון דער נאכט. ער האט געקוקט אהינצו איינגעשפארט, נאכאנאנד, ווי ער וואלט פון דארטן דערוואַרט עפעס אויסטערלישעס, און מיט קיין ווארט זיך נישט אפגערופן.
— וואס ליגסטו? — האט דאס ווייב אים שטארקער געוועקט און פאר אן אקסל גענומען טרייסלען — גיי, ווערסטו אפשר פארט עפעס קריגן! אז מען זוכט, געפינט מען.
נאר לייזער איז ווייטער געלעגן אומבאוועגלעך, ווי פריער, גלייך ער וואלט גארנישט געהערט און גארנישט געפילט.
איז דאס ווייב בייז געווארן און אים א שלעפ־געטאן מיט אלע כוחות, ווי זי וואלט אים געוואלט אויף די פיס אוועקשטעלן קעגן זיין ווילן. זי האט געקריצט מיט די ציין און געסאפעט:
— נו, שוין! ביסט געווארן שווער ווי א פאדלע. מ'דארף דיך טויזנט מאל וועקן און וועקן ביז דו הייבסט זיך אויף. פארגעסט, אז דו האסט א ווייב מיט א קינד?

לייזער האָט זיך געגעבן אַ ריס־אַרוים פון ווייבס הענט און אויסגערופן:

— איך געדענק און לאָמיך אָפּ!

דאָס ווייב איז איבערגעשראָקן געוואָרן פאַרן געשריי. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער איר גאַנצן קערפּער.

— שאַ, שאַ, שריי נישט! — האָט זי אָפּגעענטפערט היים און באַלד איינגעהאַלטן דעם אימפּעט אין זיך — וואָס האָסטו זיך עם אַזוי צעיאָצט? וועסט דאָך אַלע שכנים אויפוועקן!

לייזער האָט אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— טאָמער כ׳האָב ווייניק, ביסטו נאָך מיר אַ צוגאָב...

— איך, אַ צוגאָב? מיט וואָס האָב איך זיך דאָס פאַר־זינדיקט?

לייזער האָט געשוויגן.

— כ׳האָב דיך אפשר נישט באַדאַרפט וועקן?

לייטשע האָט אין דער פינצטערניש זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין מאַנס פּנים און געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן.

— וויל איך דען דיין שלעכץ? — האָט זי געפּרואווט אים איינעמען, זעענדיק אַז ער ענטפערט נישט — ליגן אין שטוב איז דאָך גאָר קיין פּלאַן נישט. גאָט אַליין זאָגט: דו, מענטש, טו און איך וועל דיר העלפן!

— יאָ, — האָט לייזער אָפּגעזיפצט — העלפן קרעכצן...

— אָבער, אַז מ׳זיצט אין שטוב?

— קאָן מען כאָטש ליגן, הונגערן און וואַרטן אויפן טויט...

— ווידער: „טויט"? טויט, טויט, טויט! נאָר טויט ליגט אים אין זינען!

— וועגן וואָס דען אַנדערש קען טראַכטן אַ הונגעריקער?

— וועגן ראַטעווען זיך!

— ווער זאָל ראַטעווען? אַ שטיין זאָל אַראָפּפאַלן פון הימל און...

— ווידער ט ו י ט ! — האָט לייטשע נישט געלאָזט פאַרענדיקן, איינפּרעסנדיק די ווערטער מיט פּיין צווישן די ליפּן — פאַרוואָס קריכן דיר נאָר די ווילדע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין?

— ווייל כ'האָב אַלע וועגן אויסגעטראָטן און אַלע טירן פאַר מיר געטראָפן פאַרמאַכט און ס'איז גאָרנישט געבליבן, ווי נאָר...

— עס איז יאָ געבליבן! — האָט לייטשע נישט געלאָזט פאַרענדיקן — דערמאָן זיך, לייזער טייערער! האָב רחמנות אויף דעם קינד, אויף מיר, אויף דיר...

— רחמנות? צו וואָס קאָן נוצן מיין רחמנות?

— צום לעבן!

— אַ לעבן פון רחמנות? קענסטו פאַר מיין רחמנות קריגן ברויט?

— אַז מען האָפט, קריגט מען. מען דאַרף די האָפנונג נישט פאַרלירן!

— די האָפנונג? אויף וואָס זאָל איך האָפן? גיי איך נישט אַרום חדשים-לאַנג און זוך, האָף און זוך?

— איז נישט נעכטן, איז היינט, איז מאָרגן...

— אָבער איך האָב מער קיין כוח נישט. שוין אומעטום אויסגעווען. געווען צו צען מאָל, צו הונדערט מאָל.

— גייט מען צום הונדערט און ערשטן מאָל!

— דער קאָפּ ברענט, האַקט. די פיס דינען נישט. פון דריי טעג, זינט מיר האָבן פאַרקויפט דאָס לעצטע בעטל...

ער האָט נישט געענדיקט.

לייטשע האָט זיך צו אים צוגעשאַרט. איר געזיכט צו זיין געזיכט צוגעלייגט. און מיט פאַרטרערטער שטים געפליסטערט:

— לייזערל... טייערער לייזערל... האָב רחמנות... דאָס קינד... נישט אויף מיר, נישט אויף דיר, אויף דעם קינד האָב רחמנות!

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די טיכער.

— וואָס וועט פון אונדז זיין, לייזער, וואָס וועט פון אונדז ווערן?

לייזער איז געוואָרן גערירט. ער האָט די פרוי אַרומגענומען, אירע ברוסטן צו זיינע צוגעדריקט און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. נאָכדעם זיך אויפגעהויבן, געשווינד אָנגעטאָן און אַרויס איז גאַס. עס האָט געפלאַמט ביי אים אין

קאָפּ. אונטערן האַרצן געריסן, געקלעמט, די אינגעווייד גע־קאַרטשעט און די פּנים אונטערגעהאַקט.

ער האָט נאָכגעקוקט אין די פרימאָרגן־צייטונגען, אַוועק־געגאַנגען אויף אַן אַדרעס און זיך געשטעלט פאַר אַ שוועל פון אַ קליט. הינטער אים האָט באַלד זיך אַוועקגעשטעלט אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צענטער און אַ פופציקסטער. אַלע האָבן געוואַרט. ביז דער באַלעבאָס איז אַרויס.

— עפּאַ! — האָט ער אויסגערופן, דער באַלעבאָס, דער־זעענדיק אַזאַ לאַנגע רייע, און ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרזויערטן פּנים, פּונקט ווי עס וואָלט אים גע־קאָסט טייערער, וואָס עס וואַרטן אַזוי פיל — איך דאַרף נישט האָבן קיין הונדערט. איך דאַרף האָבן נאָר איינעם, דאַרף איך.

דער באַלעבאָס האָט אַ קוק־געטאָן אויף לייזערן, וועל־בער האָט זיך אויסגעשטעלט פאַר אַלע אַנדערע, דער ערש־טער, און געזאָגט:

— מיר איז נישט געלעגן, צי איר זיינט געקומען דער ערשטער אָדער דער לעצטער. ווען איר מיר טויגן, וועל איך אייך צונעמען, מעגן טויזנטער אַנדערע קומען פאַר אייך.

— ווער עס קומט דער ערשטער, — האָט אָבער לייזער שטיל־שעמעוודיק געענטפערט, ווי אויף צו דערווייזן, פאַר־וואָס ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, — יענער נייטיקט זיך מערער. כ'האָב אַ ווייב מיט אַ קינד...

האָבן אַנדערע פּראָטעסטירט און מיט געבייזער זיך צו־גערוקט צו לייזערן:

— איך האָב אויך אַ ווייב מיט אַ קינד!

— און איך האָב פינף מיילער צום טיש!

— און איך...

— און איך, אַז איך הונגער איינער אַליין, האָב איך נישט קיין רעכט אויף אַרבעט? און, אַז איך בין איינער אַליין, האָב איך נישט קיין רעכט צו לעבן?

האָבן זיך אייניקע דערפרייט פון דעם טומל און גענומען זיך לוסטיק־מאַכן, שרייענדיק גלאַט אַזוי, מיט קולות אָן אַ זין, מיט ווערטער אָן אַ געדאַנק, נאָר אויף אָפּצולאַכן פונם גאַנצן אַרויסשטעלן זיך מיט דער אָרימקייט.

— שאַ-אַ-אַ-אַ-אַ! — האָט דער באַלעבאָס אויסגע־שריען, צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט ביי די אויערן — וואָס פאַר אַ גוואַלדן זיינען דאָס?

האָט ס׳געזעמל זיך איינגעשטילט און די, וואָס זיינען געשטאַנען פון הינטן, האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, כדי צו ווייזן דרך־ארץ דעם באַלעבאָס:

— אדרבה, לאָמיר הערן!

— וואָס מאַכט איר דאָ אַזאַ „באַרוזשע"? — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט אַן אָנגעברוגזטער — אַז איך וועל אַ מענטש מיט אַ פאַמיליע סיי־ווי נישט צונעמען!

— אַז איך וועל אַרבעטן פאַרן זעלביקן געלט! — האָט לייזער גלייך זיך אָנגעבאָטן.

— איר? — דער באַלעבאָס האָט אָפּגעמאָסטן לייזערן, גלייך ווי דאָס אויסזען וואָלט געווען דאָס וויכטיקסטע — אַזאַ מענטש, ווי איר, איז נישט פאַר מיר. איר פּאַסט צו זיין אַ בוכהאַלטער און נישט קיין פּיאָן.

— אָבער, וואָס אַרט אייך? — האָט לייזער נישט אָפּגע־לאָזן און זיך געדונגען — איך וועל טאָן, וואָס נאָר איר וועט מיר הייסן, און צאָלט מיר, וויפל איר ווילט. איך וויל אַרבעטן. אַבי אַרבעטן!

— אַן איינגעשפּאַרטער ייד איר זייט! — האָט דער באַ־לעבאָס זיך געוואונדערט — אַז איך האָב פּופציק מענטשן פאַר זיך, קאָן איך דאָך נעמען וועמען א י ד וויל. איך דאַרף האָבן אַ פּיאָן און נישט קיין יונגנמאַנטשיק!

און דער באַלעבאָס, ווי אויף צו ווייזן, וואָס פאַר אַ מוסטער ער האָט זיך אויסגעקליבן, האָט מיטן פינגער אָנגע־וויזן אויף איינעם פון געזעמל:

— קומט נאָר, איר, רויטער, „דיסקולפּע", איר מיט דער פלאַטשיקער נאָז!

עס איז צוגעקומען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, פעסטער יונג.

— איך בין אַ בחור. — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען זיין בעסטע רע־קאָמענדאַציע, די גרעסטע מעלה זיינע.

לייזער איז אַוועק מיטן לײדיקן. אַוועק אויף נאָך עטלע־בע ערטער, אָבער פון אומעטום זיך צוריקגעקערט מיט גאָר־

נישט. זיך געשלעפט מיט די לעצטע כוחות. די פיס האָבן אים נישט געדינט. אין קאָפּ האָט זיך געמישט.

איצט האָט ער געגומען באַמערקן, אַז די גאַסן ציען זיך נישט־גלייך, נאָר קרום, אַזוי קרום, אַז אָט־אָ פאַלט אַרויף אַ לאַנגער טראָטואַר אויף אַ דורכפאָרנדיקן טראַמוויי און עס וועט נאָך טרעפן אַן אומגליק. צוקוקנדיק זיך מיט מער אויפמערקזאַמקייט, זעט ער, אַז אין אַזאַ געפאַר געפינען זיך אויך די געשעפטן. די סחורות, וואָס ליגן אין די שויפענצטער, הייבן זיך אויף מאָדנע משונהדיק, בייגן זיך אויס, שטעלן זיך כמעט פּאַפּעריק און עס האַלט שוין דערביי, אַז זיי זאָלן אַראָפּפאַלן אויף די שויבן און ס'גלאָז זאָל זיך איינברעכן און אַלע זאַכן זאָלן זיך אויסשיטן אויפן טראָטואַר. ווער עס וועט וועלן, וועט זיך קאָנען נעמען פונם שענסטן און פונם בעסטן. אויך ביי אַ קראָם פון געבעקס דערזעט דאָס לייזער. פון גרויסן געשעפט צעטראָגט זיך אַ שלאָגנדיקער ריח פון נאַשערייען איבער דער גאַנצער קוואַדרע. די אַרויסגעשטעלטע ברייטלעך, טאָרטן, קוכנס און געפילטע צובייסעכצן בייגן זיך אויס אויף די וויטרינעס, בייגן זיך אַלץ מער און מערער, ביז עס פעלט אַ קלייניקייט, אַז זיי זאָלן אַראָפּפאַלן, אַ קנאַק־טאָן אין שויב, און אַלץ זאָל זיך צעשפּרייטן פאַר זיינע פיס...

אָט אויף דעם אָרט האָבן לייזערס פיס זיך איינגעבויגן און איינגעפאַלן ווי אונטערגעשניטענע — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען לייזער איז צוריקגעקומען צו די געדאַנקען און געעפנט די אויגן, האָט אַלץ ביי אים אויסגעזען משונהדיק, ניי, גאָר אַנדערש ווי פריער. ער איז געזעסן אויפן טראָטואַר, מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט ביי אַ מויער און אַרום אים זיינען געשטאַנען מענער, פרויען און קינדער, מיט קעפּ איבער אים אַראָפּגעלאָזטע, און זייערע בליקן האָבן זיך אין אים איינגעגראָבן. מענטשן זיינען אַוועק, אַנדערע זיינען צוגעקומען, איבער פּלייצעס זיך געהויבן, אויף אים געקוקט, טייל אַ קרעכץ־געטאָן, אָפּגעזיפצט און געשאָקלט מיט די קעפּ. נאָר צוויי זיינען געווען רירעוודיקער פון אַנדערע און אַרומגעגאַנגען פון מאַן צו מאַן, פון פרוי צו פרוי, גערעדט, אָנגעוויזן אויף אים, לייזערן, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע

אַלטע באַקאַנטע, האָבן אונטערגערוקט יעדן איינעם אַ קאַ־פּעליוש און מענטשן האָבן עפּעס אַרויסגענומען פון די קע־שענעס און געוואָרפן אין הוט אַריין.

לייזער האָט ברייטער צעעפנט די אויגן. זיך געחידושט, וואָס די מענטשן דרייען זיך אַרום אים, נאָר צו אים אַליין גייט מען ניט צו און מען רעדט נישט. ער האָט געקוקט און נישט פאַרשטאַנען.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו זיך אויף די קני און נאָכמער זיך פאַרחידושט. באַמערקט, אַז דאָס רעקל ליגט נישט אויף אים, נאָר ביי דער זייט, אויפן אַספאַלט, דאָס העמד איז אויף אים אָנגעבלאָזן, אָפּגעקלעפּט און דער הויזן־פּאַסיק איז אויפגעלאָזן. ערשט איצט האָט ער דער־זען, אַז מענטשן קוקן אויף זיין אָפּגעדעקטן שטיקל בויך. ער האָט דערשפּירט אַ גראָבע נאַסקייט אויפן גאַנצן קער־פּער, ווי ער וואָלט געלעגן אונטערן וואַסער. ערשט איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן רעכענונג, וואָס מיט אים איז געשען.

איצט האָט ער שוין געהערט, וואָס מ'האָט אַרום אים גערעדט. איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מ'האָט אַזוי געשאָקלט מיט די קעפּ אויף אים קוקנדיק. צו זיינע אויערן האָבן דערגרייכט ווערטער פון צוויי יונגע מענער, וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען פון מענטש צו מענטש מיט קאַפּעליושן אין די אויסגעשטרעקטע הענט:

— גיט עפּעס פאַר אַ הונגעריקן מענטשן!

— גיט אַ נדבה פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט געחלשט פון הונגער!

לייזער האָט זיך צוזאַמענגענומען מיט אַלע כוחות. גע־וואָלט זיך קלאָרער־מאַכן, וואָס אַרום אים. ער האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט. פאַר אים האָבן דאָס די מענטשן צונויפגעמאַכט. אים, לייזערן, האָבן זיי אַפילו נישט גע־פרעגט, צי ער פילט זיך בעסער. קיינער האָט אים נישט געפרעגט, גלייך ווי נישט וועגן אים וואָלט זיך עס גערעדט. מייל האָבן בלויז געקוקט אויף אים מיט שטומער נייגע־ריקייט.

אַז ס'איז אַלץ קלאָר־געוואָרן, האָט ער געוואָלט שרייען. וואָס? דאָס האָט ער נישט געוואוסט. צו וואָס דאַרף מען

אייגנטלעך וויסן, וועז ס׳ווילט זיך שרייען? עס טוט ווי, שרייט מען. עס שרייט זיך אליין, ווי מען קען.

ער האט געגעבן א פּרואוו, ווי אזוי ס׳מויל צו עפענען. ס׳מויל איז אבער געווען פארטריקנט, שווער צום עפענען. איז אין אים באלד אויסגעגאנגען דער ווילן צו שרייען. ער האט שוין געוואלט זיך באנוגענען מיט עפּעס זאגן. זיך אליין כאטש עפּעס זאגן. די ליפּן האבן זיך אבער נישט געוואלט צוזאמענשליסן. איז ער ביי זיך געווארן נאכמער געפאלן און דער ווילן אין אים האט זיך נאכמער אראפּ־געזעצט. די אויגן־דעקלעך ווידער זיך אראפּגעלאזט, נאר אזוי, מיט פארמאכטע אויגן, האט זיך א געדאנק געעפנט. א געדאנק, אז גלייך ווי ער וועט עפענען ס׳מויל, וועט ער זאגן מיטן הארבן ווארט:

— איך בין נישט קיין בעטלער. אז ערלעכער מענטש בין איך און וויל ארבעטן. ארבעט גיט מיר, ארבעט, ארבעט! ארבעט אדער דעם טויט...

און, אויב זיי וועלן אים נישט געבן קיין ארבעט, וועט ער צו זיי האבן אזא טענה:

— ווער האט אייך געהייסן, איר זאלט מיך ראטעווען? איר האט נישט געקאנט צוזען, ווי א מענטש באפרייט זיך פון זיינע ליידן און שטארבט רואיק?!

די צוויי מענער זיינען אבער צו אים נאך ניט צוגע־גאנגען. זיי האבן געזאמלט מטבע נאך מטבע ביז זיי האבן ביי אלעמען איבערגעפרעגט. ערשט דעמאלט זיינען זיי צו־געקומען צו לייזערן, זיך איינגעבויגן, אים געהאלפן זיך אויפהייבן פון דר׳ערד, געפרעגט צי ער פילט זיך בעסער און איבערגעגעבן אלע מטבעות פון הוט.

לייזער האט גענומען לייכט שאקלען מיטן קאפּ און שטיל־שטיל געזאגט:

— ניין... א טעות... איך וויל נישט קיין נדבות... אר־בעט דארף איך, ארבעט... וועז איר גיט מיר ארבעט, זעצט איר מיר אריין א נייע נשמה...

— קיין ארבעט האבן מיר נישט. — האבן די מענטשן געענטפערט — מיר האבן געטאן אלץ, וואס מיר האבן גע־קאנט. מער קענען מיר נישט.

— אָבער... — האָט לייזער זיך געקווענקלט — איר פאַרשטייט...

— יאָ, מיר פאַרשטייען. — האָבן די פרעמדע געזאָגט — נאָר וואָס קענען מיר מאַכן? דאָ האָט איר אייערע פּאַפּירן, וואָס זיינען געלעגן ביי אייך אין קעשענע. קיין געלט האָט איר נישט געהאַט. איצטער האָט איר אַכט פּעזעס. דאָ האָט איר זיי!

— פאַר מיר... אַ נדבה...

איינער פון די דערביי־שטייענדיקע האָט זיך אָפּגערופן:

— איר דאַרפט גומל־בענטשן, וואָס מ'האָט אייך אָפּגעראַטעוועט. איר זיינט געווען גוט אין דער אַרבעט. דער דאָקטער האָט זיך דאָס מיט אייך אַ ביסל אָנגעאַרבעט!

לייזער האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דעם, וואָס האָט גערעדט, און פאַרגעסן אין די צוויי מענער, וועלכע זיינען איבער אים געשטאַנען. עס איז אים אויסגעקומען אַזוי מאָדנע אַט־דאָס פרייען זיך פון דעם יונגן מענטשן, וועלכער האָט אַזוי לוסטיק גערעדט וועגן דעם, וואָס מ'האָט אים, לייזערן, געראַטעוועט. וואָס איז דאָ די גדולה? איז דאָס אַזאַ גליק?

נאָר וואָס־מער לייזער האָט אַזוי געטראַכט און געקומען צו זיך, אַלץ־ווייניקער מענטשן האָבן אים אַרומגערינגלט. און, אַז ער האָט זיך גענומען שטעלן אויף די פיס און באַקומען אַן אויסזען מיט מענטשן גלייך, האָבן די אַנדערע איינגאַנצן אויפגעהערט אויף אים זיך אומצוקוקן. ביז ער איז געבליבן אַליין.

ער האָט זיך לאַנגזאַם געשאַרט אויפן טראָטואַר. צוקומענדיק צו אַ קראָם פון געבעקס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דער וואַרימער ריח פון שמעקעדיקן פרישן ברויט האָט אים אַ שלאָג־געטאָן אין די נאָזלעכער. ער האָט אין זיך אַריינגעצויגן דעם ריח און זיך באַלעקט די ליפּן, ווי נאָכן עסן. ערשט איצט האָט ער געשפּירט, אַז דער בויך קאָרטשעט זיך אין קראַמפּן. פון דעסטוועגן איז ער נישט אַריין. ער האָט געשפּירט אין האַנט אַ בערגל ניקל און געוואָרן ווי אָפּגעפרישט. מיט נייע כּוחות האָט ער גענומען גיין אַהיים.

אַז ער איז אַריין אין צימער, איז דאָס ווייב נאָך אַלץ געזעסן אויפן געבעטעכץ, אויף דער פּאָדלאָגע, נעבן קינד.

דאָס קינד האָט געוויינט, געוויינט. נישט מעגלעך געווען עס צו באַרואיקן. לייזער, אַריין אין צימער, איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי אַ זינדיקער ביים צוריקקומען אהיים, וואָס בעט מ'זאָל אים מוחל־זיין.

— פּאַפּאַ! — איז דאָס קינד צוגעלאָפן צו לייזערן — די מאַמאַ זייער אַ שלעכטע. איך וויל עסן און די מאַמאַ וויל ניט געבן! מעג מען אַזוי?

לייטשע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום מאַן. זי איז איבערגעראַשט געוואָרן פון זיין אויסזען. ער האָט אויסגע־זען, ווי מ'וואָלט אים געוואַלגערט אין גאַס אויף שטיינער.

— וואו ביסטו עס געווען? — האָט זי געשטוינט — דו זעסט דאָך אויס, ווי מ'וואָלט דיך פון וואַסער אַרויסגע־צויגן און אין זאַמד אויסגעוואַלגערט...

— פון וואַסער... — האָט לייזער געשטאַמלט און דער־לאַנגט דאָס געלט, אַ וואַרף־טוענדיק עס אויפן געבעטעבעך, ווי אַ זאַך וואָס וואָלט אים די הענט געבריט — נאַ! מאַך עפּעס עסן!

לייטשע איז פאַרוואונדערט געוואָרן:

— פון וואַנען?

— וואָס איז דער חילוק?

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד?

— רייד, שמייד... און אַז געגנבעט?

— לייזער!!!

ס'ווייב האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, ווי מ'וואָלט זיך געוואָרפן אויף איר לעבן.

— פאַרוואָס שרייסטו אַזוי? וואָס דערשרעקסטו זיך אַזוי?

— פאַר דיין געזיכט. דו זעסט אויס, ווי דו וואָלסט אָפּ־געטאָן עפּעס שרעקלעכס.

— שרעקלעכס? יאָ. קיין שרעקלעכערס קאָן שוין ניט זיין...

— אמת, לייזער? — האָט ס'ווייב געפרעגט שרעקעדיק און סודותדיק — אויף דיר גלויב איך נישט. ס'קאָן ניט זיין!

— אוודאי... דו האָסט דאָך נאָר מורא פאַרן וואָרט „גנבענען"... אָבער, בעטלען מעג מען? האָ?

לייטשע האָט אָפּגעזיפצט, ווי עס וואָלט איר אראָפּ א שטיין פונם הארצן.

— מסתמא ביי עמיצן געבאָרגט, וואָס?

— יאָ, געבאָרגט...

לייטשע איז ארויס פון צימער מיט א גרינגערן געמיט. ס'קינד, א נאקעטס, איז ארויסגעלאָפן נאָך דער מאמען און אונטערשפּרינגענדיק אויסגעזונגען:

— א גוטער איז דער טאטא, ער גיט דער מאמא „פּלאַ־טאַ"...

לייזער האָט זיך צוגעהערט צום פריידיקן געזאַנג פון קינד און די שווערקייט, וואָס איז אים געלעגן אונטערן הארצן, האָט גענומען זיך פאנאנדערלאָזן, ווי אייז ביים צופלוס פון ווארימקייט, און ווערן לייכטער, לייכטער.

ביים עסן, ווען ער האָט געקייט ברויט, האָט זיך ביי אים אין קאָפּ אויסגעלייטערט, ווי נאָך א לאנגן רעגן, און עס האָבן אויפגעשיינט נייע געדאנקען. קוקנדיק אויפן קינד און אויפן ווייב, ווי זייערע בליקן האָבן האָפערדיק זיך אוועק־געזעצט אויף אים, איז אין אים ווידער געשטיגן דער ווילן צו לעבן. לעבן, ווי עס זאָל זיין, נאָר לעבן.

— זעטסט? — האָט דאָס ווייב זיך בארימט — ס'איז אזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט: מען טאָר די האָפנונג נישט פארלירן. מען דארף זיין א מענטש. דאָס לעבן איז א טייערע זאך. מען דארף רחמנות־האָבן, אויב נישט אויף זיך, איז אויף אנדערע.

— יאָ, רחמנות... א לעבן פון רחמנות... וואָס פאר א לעבן!...

ער איז אנטשוויגן געוואָרן. נאָר באלד האָט ער זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט פון זיך אראָפּגעטרייסלט אן עקלדיקע זאך:

— ברירה, א לעבן! אַלץ הייסט „לעבן"... אויב אזוי, איז שוין מער רעכט צו ווערן, ווייס איך דאָרט, א רויבער, א באנדיט, וויינציקסטנס א גנב... א באנדיט, פון אזוי פיל רחמנות־האָבן אויפן לעבן...

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט. ביטער צעשמייכלט. גאַ־

ליק. ווי ער וואָלט זיך מיט עמיצן גערייצט.

ס׳ווייב האָט אים דורכגעבויערט מיט צעשראָקענע בליקן און נאָכדעם פאַרזיכטיק געפרעגט:

— וואָס איז דיר, לייזערל? ביסט קראַנק?

לייזער האָט זיך אומגעקוקט אויפן ווייב און פאַמעלעך, פונקט ווי ער וואָלט געוואויגן יעדעס וואָרט, געענטפערט:

— קראַנק? יאָ, קראַנק... איך, ווי אַ סך... ווי די גאַנצע וועלט... ס׳אַ קראַנקע וועלט...

לייטשע האָט מיט זאָרג באַטראַכט דעם מאַן און גע־קלערט, אַז ער רעדט פון היץ.

ביי אַ זאַטן טיש

עס האָט אים געצויגן צו דר׳ערד. געצונדן די קישקעס, ביז דער בויך איז געוואָרן איינגעשרומפּן. נאָר ער האָט נאָך אַלץ זיך נישט געקענט אנטשליסן.

שעהן לאַנג, אז ער האָט זיך געקליבן עמיצן אָפּצושטעלן. געוואָלט בעטן, דערציילן, אַרויסרופן רחמנות. שוין אפילו פאַרגאַנגען עמיצן דעם וועג, באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן. נאָר אין דער לעצטער סעקונדע האָט אים פערפעלט מוט. ער האָט אָנגעקוקט דעם פרעמדן מענטשן און חרטה־געקראָגן, זיך אָפּגערוקט, ווי צום אַנטשולדיקן זיך.

— איר זעט נישט, ווי איר גייט? — האָט איינער אויף אים זיך אָנגעבייזערט — איר זיינט בלינד?

— אנטשולדיקט... — האָט ער זיך פאַרענטפערט מיט מורא — נישט געוואָלט... דער קאָפּ דרייט זיך מיר...

ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און שטילער צוגעגעבן:

— כ׳פאַל פון די פיס... שוין צוויי טעג נישט געגעסן...

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, אַז דער דורכגייער האָט זיי נישט געהערט. האָבן זיי יענעמס פאַרדראָס נית געשטילט.

— איר גייט בעסער שלאָפן! — האָט יענער געזאָגט אוועקגייענדיק — מיט אַזאַ פּנים גייט מען נישט איבער די גאַסן.

ער האָט אויף יענעם נישט געהאַט קיין פאַראיבל. פאַרקערט, ער האָט אַליין צוגעגעבן, אַז יענער איז גערעכט:

— אָדער, אָדער... מ׳דאַרף ריידן, אַז יענער זאָל פאַרשטיין. יענער איז נישט מחויב צו טרעפן, אַז איך האָב

שוין צוויי טעג נישט געגעסן.

אצינד, האָט ער געטראַכט, איז בעסער צו וואַרטן ביז ס'וועט טונקל־ווערן. אין דער טונקלקייט איז קלענער די בושה.

— אין דער פינצטער איז לייכטער צו זינדיקן. יענער זעט נישט אַזוי גוט די שאַנדע און אַליין זעט מען נישט אַזוי גוט די שאַנדע, איז לייכטער זיך אויסצוטאָן...

נאָר ווען ס'האָט גענומען נידערן די טונקלקייט, האָט ער געפילט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט נאָך־שטאַרקער און העכער ווי פריער. זיינע טריט זיינען געוואָרן געפּענטעט. ער האָט זיך געשעמט אָפּצושטעלן אַ מענטשן. ער האָט געהערט, ווי מ'רעדט אים אַריין אין אויער:

— דו? אַזאַ שטאַלצער מענטש זאָל גאָר אויסשטרעקן אַ האַנט? וואָס האָסטו פריער געזאָגט וועגן אַנדערע? ווי, נישט בעסער, זיך אַריינצוואַרפן אין וואַסער, האַ?

דער הונגער, וואָס האָט אים געצווינגן צו דר'ערד, געצונדן די קישקעס און איינגעקנאָטן דעם בויך, האָט אָבער ביס־לעכווייז פאַרטויבט דאָס גערייד אין די אויערן. מיט פאַר־נעפּלטע אויגן האָט ער אויסגעפּרוּווט צו פאַרשטעלן פאַר־בייגייער דעם וועג. געפּרוּווט עטלעכע מאָל, ביז ער האָט געוואַגט. נאָר דאָס מאָל האָט ער עס געטאָן האַסטיק, מיט אימפּעט, ווי ער וואָלט געוואָלט איבערפאַלן.

— צוויי טעג נישט געגעסן. כ'בעט אייך...

דער פרעמדער האָט אים שטרענג אָנגעקוקט, אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און געזאָגט:

— ווי שעמט איר זיך נישט? אַזאַ שיינער יונגערמאַן און גייט בעטלען!

— איך... — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט און מער גאָר־נישט געקאָנט זאָגן.

דער דורכגייער האָט געגעבן אַ וואונק מיט אַן אייגל:

— מיר קענען שוין זייער־גוט די ריידעלעך. אַ גרינג לעבן ווילט זיך זיי!

און אַוועקגייענדיק האָט ער צוגעוואָרפן:

— קראַנק צו גיין אַרבעטן?

ווי שטיינער, אַזוי זיינען די ווערטער אויף אים געפאַלן. ער האָט געוואָלט נאָכלויפן, זיך פאַרענטפערן, דערקלערן,

יענער זאָל נישט מיינען, אַז ער איז פון דעם סאָרט מענטשן. יענער איז אָבער האַסטיק אַוועק און ביי אים איז דאָס לשון איינגעפאַלן. ער האָט געוואָלט צו זיך אַליין ריידן, זיך טרייסטן, דערמונטערן, אָבער נישט געקאָנט. געשטאַנען ווי אַ געשלאָגענער, וועלכער פילט, אַז ער איז ווערט די קלעפּ און דאַרף נישט נקמה־נעמען. ער האָט געהערט, ווי אַ שטים האָט אין אים אַריינגערעדט:

— אָט האָסטו דיר! גערעכט! ווער גייט עס אויף דער גאַס בעטלען? אַ בעטלער...

מיט אַזאַ צעשלאָגנקייט איז ער אַוועק איבער די גאַסן. אַוועק, אָן אָפּשטעל. זיך געשאַרט ביי די ווענט. געזען אַ סך מענטשן מיט בייזע פּנימער. מורא־געהאַט, עמיץ זאָל צו אים ניט צוגיין און אים אויסזידלען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איצט ווייסן שוין אַלע. אַלע ווייסן, וואָס ער וויל און וואָס ער איז גרייט צו טאָן. און געקומען גלויבן, אַז אַלע האָבן שוין פאַר אים פאַרטיקע רייד:

— פוי! אַזאַ יונגערמאַן, מיט אַזאַ איידעלן, שיינעם פּנים... אַ גאַנצער אינטעליגענט... ווי שעמט מען זיך דאָס ניט צו בעטלען? פוי!

ער האָט אַ גלעט־געטאָן מיט די פינגער דאָס פּנים. געוואָלט פילן די איידלקייט פון זיין אויסזען. און געוואָלט ווויסן, צי האָט טאַקע עמיץ זיך ניט צוגערוקט צו זיינע באַקן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער האָט יאָ געלייגט פינגער אויף זיינע באַקן. איאָ, אמת? די געדאַנקען זיינען דורך אים דורכגעלאָפן און איבערגעלאָזט אַ ציטער. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט, ווי אַ הונט נאָכן קריגן געשלאָגן פון באַלעבאָס, וועמען ער מוז פאָלגן און פאַרשווייגן: פאַרט אַ באַלעבאָס; ער האָט עסן; און, אַז ער וויל, קאָן ער געבן אויך אַנדערע אָפּצועסן...

— און איך, וואָס? אַז מ'האָט נישט אָפּצועסן, וואָס פאַר אַ ווערט האָט מען? קאָן מען דען האָבן מוט צו ריידן ווי אַ מענטש דאַרף ריידן, ווען מ'איז הונגעריק?

די געדאַנקען זיינען איצט אין אים אַרומגעפלויגן ווי קאָמאַרעס, געביסן, געזויגן דאָס בלוט, ניט געלאָזט צו רו. ער איז געווען פאַרמאַטערט, פון לאַנג אַרומשלעפּן זיך, און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ראָג גאַס, ביי אַ וואַנט. לכתחילה

אפילו נישט באמערקט, אז ער געפינט זיך נעבן א רעסטאָ־ראַן, ביי א פענצטער. זיך אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט, זיך אָפּגערוט און ערשט דעמאָלט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען ביים פענצטער, פון דער אַנדערער זייט, א וויים־געדעקטן טיש. א ברייטלייביקער מאַן האָט זיך געפּאַרעט ארום טעלער און געאַרבעט מיט גאָפּל־מעסער.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין די הענט פון דעם ברייט־לייביקן מאַן, זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין געפּרעגלטן עוף, אין ברויט, אין פּוטער, אין דער גראַפינקע ווייַן. ער האָט געפילט, ווי אין די קישקעס איז וואָרימער געוואָרן. ער האָט זיך באַלעקט. געוואַשן די ליפּן און אַראָפּגעשלונ־גען שפּייעכץ. ער האָט אַזש אויפגעציטערט.

דער ברייטלייביקער מאַן האָט אָנגעהויבן קנייטשן מיטן שטערן. דאָס שלינגען איז אים נישט איינגעגאַנגען ווי פריער. ער האָט אפילו עטלעכע מאָל אָפּגעלייגט גאָפּל־מע־סער אין א זייט און א ברוגזער א קוק־געטאָן דורכן פענצ־טער. לסוף האָט ער אָפּגעווישט די שמאַלץ, וואָס האָט גע־גלאַנצט אויף די ליפּן, און צוגערופן דעם קעלנער. געזאָגט עפּעס, אַ אומצופרידענער, און אריבער אין געבייזער. דער קעלנער האָט גלייך זיך א לאָז־געטאָן צו דער טיר.

— וואָס האָט איר זיך אוועקגעשטעלט אין פענצטער?

— האָט דער קעלנער זיך געווענדעט מיט כעס — צוליב אייך קאָן דער סעניאָר נישט עסן!

ער איז געווען שטרענג, דער קעלנער, געהייסן אוועקגיין און געלאָזט ווייסן, אז ער האָט רעכט צו רופן א פּאָליציי־מאַן:

— וואָס איז דאָס פאַר א פּאַסקודנע טבע, אריינצוקוקן די קליענטן אין מויל אריין? מאַלע־וואָס א מענטש זיצט און עסט!

די פינצטערע פרנסה

בעריש האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעבלאָזן מיט כעס און, ווי
אַ צערייצטער האָן, קאַסאַקע, זיך אַ לאָז־געטאָן צום קינד.
נאָר אין דער לעצטער סעקונדע איז ער געבליבן שטיין מיטן
ציטערנדיקן פּאַסיק איבערן קינדס קעפּל.

מער האָט ער ניט געשלאָגן, כאָטש דאָס בלוט אין אים
האָט געקאָכט און געטרייסלט אַלע גלידער. דאָס קינד איז
אונטער זיינע הענט געשטאַנען צונויפגעדרייט, ווי אונטער
אַ גאָס רעגן, דאָס קעפּל און פּנים מיט די הענטלעך צוגע־
דעקט, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און אָנגעשאַרפטן גע־
הער. פון די הענטלעך האָבן אַראָפּגעשריען רויטע פּאַסן
פון צעשמיסענעם בלוט. ס׳קינד האָט געשלוקערצט מיט
געוויין.

— איכ׳ל דיר... — האָט בעריש געסאָפּעט — כאַוולט
איך דיך... די מאַמע אין קבר... איכ׳ל דיך ניט לאָזן אַליין
זיך אַרומשלעפּן און...

ס׳קינד האָט געשוויגן. נאָר, אַז דער טאַטע איז שטיל־גע־
וואָרן, האָט עס פּלוצלינג, היציק, פאַרשטיקט, פון הינטער
די אָרעמס, זיך אָפּגעריסן מיט געשריי:

— איך גיין פאַרקויפן ציימונגען, איך גיין פאַרקויפן קאַ־
ראַמעלעס, איך ניט גיין אין ד׳ שטובן, איך ניט גיין!

— וועסט ניט גיין? — האָט בעריש איבערגעפרעגט און
שווין געהאַט אָטעם — ציימונגען? ווער וועט דיר געבן ציי־
טונגען? נו, גיי, נעם! אָבער, עסן? דערוויילע? וועסט וועלן
עסן, וועסטו גיין. הונגער פירט צו אַלץ, צו אַלץ. הונגער
טרייבט צו ס׳ערגסטע. וואָדען? וואָס זאָל איך מיט דיר

טאָן? אין דר'ערד אריין, צו דער מאַמען?

ס'קינד, דערהערט דעם טאַטנס רייד געלאַסן, האָט אויפֿ־געהערט זיך שרעקן און, אראָפּלאָזנדיק די הענט, זיך צע־בייזערט, טופּענדיק מיט די פּיסלעך:

— קלאַריטאַס טאַטע אויך אָרים, און קלאַריטאַ גייט אין שול! לואיסיטאַס טאַטע אויך אָרים, און לואיסיטאַ גייט אין שול. לואיסיטאַס פּאַפּאַ ניט שלאָגן...

בעריש האָט זיך צוגעקוקט, ווי ס'קינד רייסט זיך אויפֿן האַלדז, און געבליבן זיצן אויפֿן בענקל. געזעסן, געקוקט אויפֿן קינד און זיך געוואונדערט, וואָס פֿון די פֿריערדיקע שמייכל און קלעפּ זיינען געוואָרן אַזעלכע גרויסע פּאַסן אויפֿן פּנים און אויף די הענט, און דערפֿאַר אים געלאָזט זיך אַראָפּריידן פֿונם האַרצן.

— קלאַריטעס טאַטע? — האָט ער נאָכדעם באַקלערט

— קלאַריטעס טאַטע... ער איז ניט איך... ער איז אַ סטאָ־ליער... לואיסיטאַס טאַטע איז אַ שניידער... אַרבעטן זיי ווייניקער מיט אַ טאָג אָדער דריי אין דער וואָך, אָבער זיי קאָנען קריגן אַרבעט... פֿאַרשטייסט, זיי האָבן אַ פֿאַך אין האַנט? פֿאַרשטייסט? אַ פֿאַך! ווייסט, וואָס דאָס מיינט? איז גישט היינט, איז מאָרגן... און וואָס איך? אַ מענטש, וואָס איז אָרים און האָט נישט קיין פֿאַך אין האַנט, האָט אַלץ און האָט גאָרנישט... פֿאַרשטייסט? איך, גאָרנישט... וואָלטן מיר ביידע געשטאָרבן פֿון הונגער...

ס'קינד האָט פֿון דעסטוועגן נישט געוואָלט נאָכגעבן:

— אי בערנאַרדאָס פּאַפּאַ? ער ניט אַ סטאָליער, אי ניט אַ שוסטער, און בערנאַרדאַ גייט אין שול! דער טאַטע פֿאַר־קויפֿט „מאַסיטאַס" און גיט בערנאַרדאַ און מאַמע עסן.

— הער אויף צו פֿרעגן! — איז בעריש אַרויס פֿון געדולד — הער אויף, ווייל כ'וועל דיר געבן מיט עפּעס אין קאָפּ! אַז איך וועל ד י ך פֿרעגן, וועסטו מיר ענטפֿערן. בערנאַרדאָס טאַטע האָט געלט. איך האָב נישט קיין געלט.

— סי, האָסט יאָ געלט! — האָט ס'קינד עזותדיק אָפּ־געענטפֿערט.

— פֿון וואַנען ווייסטו? — האָט בעריש געפֿרעגט אַ צע־שראָקענער, נאָר באַלד זיך צוריקגעכאַפּט — וואָס האָסטו געזאָגט? דער טאַטע זאָגט ביי דיר אַ ליגן?

— איך געזאָגט, ווייל איך אַליין געזען.

— וואָס געזען?

— געזען, טאַטע האָט געלט אין בעט!

— האָסט טאַקע אַליין געזען? — איז בעריש געוואָרן פאַרחידושט.

— יאָ. — ס'קינד האָט צוגעשאָקלט מיט קעפּל — איך אויך געהאַלטן אין האַנט...

בעריש איז אויפגעשפּרונגען פון בענקל און זיך א וואָרף־געטאָן צום בעט צו. גענומען איבערזוכן אין בעטגעוואַנט און איבערטאַפּן, צי דאָס פּעקעלע איז דאָ, און דערביי גע־פרעגט א פאַרציטערטער:

— האָסט עס צוריקגעלייגט?

— יאָ, ווען טאַטע נישט געווען. ווען טאַטע אין די שטובן אוועק. איך מורא־געהאַט. גענומען.

בעריש האָט שווער אָפּגעאָטעמט. דאָס פּעקעלע איז גע־לעגן. ער האָט עס אַרויסגענומען און זיך שוין מער נישט אויסבאַהאַלטן פון קינד.

— אַהאַ! — איז ס'קינד געוואָרן געוואַגט און האָט אויס־גערופן זינגענדיק — טאַטע האָט געלט! טאַטע האָט געלט ווי בערנאַדאָס טאַטע! פאַרוואָס טאַטע א בעטלער?

— שטיל־ל־ל! — האָט בעריש א טשמעליע־געטאָן מיט א געשריי — דו, קליינער אויסוואורף, וואָס דו ביסט! אַזוי רעדט מען צו א טאַטן? דער טאַטע הייסט ביי דיר „בעט־לער"? „בעטלער", נישט אַנדערש ווי „בעטלער"?

ער האָט א שמיץ־געטאָן דאָס פּעקעלע דעם קינד אין פּנים. פון שרייען און כעס איז די שטימע זיינע מיטאַמאָל הייזעריק־געוואָרן.

— נאַ,זע! — האָט ער זיך געוואָרגן מיטן כעס, דערמאָ־נענדיק זיך אין די שכנים. וואָס קענען אַלץ אונטערהערן — צייל און זע! זע מיין אוצר! געמיינט, כ'האָב דאָ אַן אוצר! קענסט ציילן, דו, אויסוואורף איינער? אַפילו אויף צוויי טעג קלעקט דאָס ניט! און, אַז יאָ, איז וואָס? און, אַז יאָ אַ „בעטלער", איז וואָס? פאַר וועמען בעטל איך? נישט פאַר דיר? כ'בין אַרויס פון שפּיטאָל, אויף די פיס נישט געקאָנט זיך האַלטן... אַרויס אָן א סענט אין קעשענע... באַטש גיי גלייך פון שפּיטאָל אין וואַסער אַריין... האָב איך

געקענט, ווי בערנאַרדעס טאַטע, נעמען צוויי קוישן? און די אייגענע צוויי פיס קאָן איך יאָ טראָגן? האַ, רייד! וואָס רעדסטו נישט? און, אַז איך זיץ אויף דער גאַס, מאַך איך זיך? כ'קאָן דען איינשטיין אויף מיינע פיס? און צו ווער מען ריידן? וועמען בעטן? און, אַז יאָ אויסבעטן, איז אַ נפקה־מינה, צי אויסבעטלען אין אַ געזעלשאַפט אָדער אויף דער גאַס? און, אַז שוין יאָ אַ בעטלער, איז וואָס? איך גנבע? איך בעט ביי מענטשן, זיי זאָלן אויף מיר רחמנות־האָבן. כ'בין אַ קראַנקער מענטש. ווען נישט דו, וואָלט איך נישט איין מאָל נישט געקאָנט אַהיימקומען.

— און איך וויל נישט גיין! — האָט ס'קינד זיך צעקווויטשעט, טופּענדיק מיט די פיסלעך — איך וויל ניט אַ בעטלער!

— ווילסט ניט? האַ, ווילסט ניט? — בעריש האָט אַ שטעל־געטאָן אַ פוס צום קינד, עס אָנגעכאַפּט ביי די האָר און גענומען רייסן — אָדער אין דר'ערד אריין, אָדער מיט מיר! מיר אַליין איז שווער אין דער ווּיסטער פּרנסה... ביסט נישט קראַנק מיטצוהעלפן דעם טאַטן...

ס'קינד האָט אָנגעפולט דאָס אויבערשטע בלעכענע ציי־מערל מיט קוויטשיקער שרייערייי און זיך געריסן מיט אַלע כוחות פון טאַטנס הענט.

דאָס שוואַרצע קעצל, וואָס איז מיט בלישטשעדיקע אויי־געלעך געשטאַנען ביי דער טיר, האָט אויסטערליש־הויך אויסגעבויגן דאָס קערפּערל, אויפגעשטעלט די האָר פון שרעק און, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, זיך צוגעקוקט צום געשלעג צווישן פאָטער און קינד.

II

עמיץ

נאָר נישט קיין רחמנות

שטאָלץ

פאר יענעם

א הונגעריקער צווישן זאטע

ע מ י ץ

אַן איינזאַמער מענטש איז געשטאָרבן און איינזאַמקייט האָט באַגלייט זיין לויה.

ער האָט געהאַט באַקאַנטע. מיט אַ סך האָט ער אָפט גערעדט, געטרונקען און געגעסן צוזאַמען. מיט גאָר אַ סך פלעגט ער זיך גריסן אין גאַס. פון דעסטוועגן איז קיינער נאָך זיין לויה נישט נאָכגעגאַנגען. באַקאַנטע האָבן זיך דערוואוסט פון זיין טויט שוין נאָך דער קבורה. און די באַקאַנטע האָבן סיי־ווי אים נישט געקענט פון שטוביקן לעבן. זיי האָבן אפילו נישט געוואוסט גענוי, וואו ער וואוינט.

דער קוטשער, וואָס איז געפאָרן אויפן וואָגן מיטן טויטן־קאַסטן צום בית־עולם, איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט זיך אינטערעסירט מיטן מת. ער האָט שטאַרק געטריבן די פערד, זיי דערמאָנט מיט דער בייטש, אַז זיי דאַרפן זיך איילן. פאָרנדיק אַזוי, איז ער געווען צופרידן, וואָס ער וועט קענען שנעל פאַרטיק־ווערן מיט דער אַרבעט. ער איז געווען זייער־געאיילט, דער קוטשער. עס האָט באַדאַרפט קומען דער טאָכטערס חתן, אַז מ׳זאָל אין שטוב אָפּריידן וועגן אַ דאַטע אויף דער חתונה. דער חתן איז געווען אויסגעשטעלט אויפן זייגער. ער האָט זיך געאיילט צוריקצוקערן אין דער פאַבריק צו דער אַרבעט. נו, איז ער, דער טאַטע, געווען צופרידן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אַ לייכטע לויה. און, זיצנדיק אויפן הויכן געזעס, אויפן וואָגן, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט:

— פונקט ווי דער מת וואָלט געוואוסט, אַז איך דאַרף זיין פרי אין דער היים.

און ער האָט זיך געטרייסט:

— אַך, ווען איך פאַל היינט אריין אין אַ שטוב, וואו ס'איז דאָ אַ גרויסע פאַמיליע, אַ סך פריינט און באַקאַנטע, וואָלט איך טאַקע וואויל נישט געקענט קומען אין דער צייט אהיים... עס וואָלט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע חתונה מיטן קלאָגן און אריינשרייען צום מת, גלייך ווי ער וואָלט גע־הערט... און דאָ דאַרף איך גאָר זיין אין דער היים, ווייל מען וואַרט אויף מיר... ווייל ווער ווייסט, אויב נישט איצט, צי וואָלט איך געהאַט אַן אַנדערע געלעגנהייט זיך דורכ־צוריידן מיטן בחור וועגן דער חתונה... אַז יענער זוכט עס ווי מיט ליכט, אַבי זיך אַרויסצודרייען און דערווייל פאַר־ציען נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר... און וויפל איז דער שיעור? זעקס יאָר זיך אַרומגעפירט, איז ווייניק?

דער טויטן־וואָגן איז האַסטיק אונטערגעשפרונגען אויף די שטיינער און דער פּראָסטער אָרון האָט געברומט, איינ־געקלעמט צווישן גרויסע שרויפן. די רעדער האָבן איינגע־שלונגען דאָס הילכיקע קלאַפּעריי פון אייזן אויף שטיין.

ווען מ'האָט דעם טויטן אַרויסגענומען פון שטוב, האָבן שכנים זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טירן. מ'האָט זיך אי־בערגערעדט וועגן געשטאָרבענעם:

— דער נידעריקער? דער שוואַרצער איז דאָס?

— אהאַ!

— געווען אַ יונגער.

שכנים האָבן שוין איצט געוואוסט, וועמען מ'נעמט אַרויס. כמעט אַלע האָבן זיי געוואוסט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען. קיינער האָט אָבער זיין נאָמען נישט געקענט.

די באַלעבאָסטע פון הויפ, אַ צעהויקערטע איטאַליע־נערקע מיט אַ פאַרשוואַלענעם פּנים, האָט אונטערגעגע־קרעכצט, וואָס גראָד ביי איר אין שטוב האָט עס באַדאַרפט טרעפן. זי איז אַלע ווײַלע פאַרבייגעגאַנגען דעם זון און אים איבערגעלאָזט די זעלביקע עטלעכע ווערטער:

— אַז איך האָב זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל זיך אַרויס־ציען פון דאַנען...

זי איז אַוועק, ווידער זיך דורכגעשאַרט איבערן הויפ, פונקט ווי זי וואָלט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט צום זון, און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— אז איך האָב זיך ביי אים געבעטן...

דער יונגער בחור מיטן צעשויבערטן קאָפּ האָר און פאַר־געלבט־פאַרטרויערטן פּנים איז פון די רייד געוואָרן אויפ־געבעגט.

— מאַמע, הער אויף! — האָט ער זיך געבעטן — איז דען אצינד אַ צייט פאַר דיינע רייד? עס ליגט דאָך דער מת אין שטוב!

נאָר די אַלטע איז געבליבן ביי דאָס איריקע און ווידער־אמאָל איבערגעחזרט:

— אוודאי, ס'איז דיר גרינג צו זאָגן! אויך פריער, ווען איך האָב אים געזאָגט, איז עס דיר נישט געפעלן געוואָרן. „אַ קראַנקן", האָסטו געזאָגט, „טרייבט מען ניט". איז, אָט האָסטו דיר! אכט חדשים אָפּגעזעסן, קיין סענט נישט באַ־צאָלט... וואָלט ע ר כאָטש געהאַט דערפון אַ נוץ! איז וואָס? געשטאָרבן! ווי אַלע טויטע... וואָס וואָלט אים אָבער געאַרט, ווען ער שטאַרבט אין אַן אַנדער שטוב? ס'וואַרפט זיך ביי מיר געלט, האַ? אַזוי האָבן מ י ר גאָרנישט און ע ר האָט גאָרנישט... אים? וואָס איז אים דער חילוק? אַלץ איינס! וואָס דאַרף דען אַ טויטער?

דער בחור האָט אויפגעציטערט און פון הינטער פאַר־שטשירעטע ציין אַרויסגעצישעט:

— מאַ־מע! מאַ־אַ־מע! דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? דו ביסט דאָך עפּעס אַ פרומע!

שפּעטער, נאָכן אַוועקגיין פון דער פּאָליציי און אוועק־נעמען דעם מת, האָט מען גענומען אויסרייניקן דאָס אויי־בערשטע שטיבל. דער בחור האָט נישט געוואָלט אַרויפגיין.

— וועסט האָבן צייט דאָס צו טאָן אַ ביסל שפּעטער. — האָט ער פאַראיבל־געהאַט אויף דער מאַמען, ווען זי האָט אים געבעטן העלפן — ווי איז דאָס אַ מענטש אַזוי?

— און דאָס דירה־געלט? — האָט די אַלטע אַנטקעגנגע־שטעלט — אַ צענערל גייט ביי דיר צו פּוס? דו פאַרדינסט עפּעס אַ סך צענערלעך?

קערנדיק מיטן בעזים, האָט די אַלטע געוואָרטשעט און געקרעכצט, הלמאי ביי אַזאַ יונגען בחור, ווי דער וואָס איז געשטאָרבן, איז געווען אַזוי שמוציק און אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּירן.

— אַ בעלנות פון אַ מענטשן, צו האַלטן אַזוי פיל פּאַפּירן! — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקערט — אַזוי פיל מיסט...

זי האָט די פּאַפּירן ארויסגעקערט פון צימערל אויפן באַלקאָנדל ארויף און פון דאָרטן דורך די שטאַכעטן אַראָפּגעוואָרפן אַלצדינג אויף די צעשפּאָלטענע מאָזאַיקעס פון הויפל, וואָרטשענדיק און קרעכצנדיק:

— אַזוי פיל מיסט קלייבט עס אָן אַ בחור...

דער זון האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די אַראָפּפאַלנדיקע בלעטער און זיך דערמאָנט אין שפּעט-הארבסט. עס האָט אים געריסן ביים הארצן. ער האָט אויפגעהויבן אַ בלעטל, וואָס איז געווען פארשריבן מיט דריבנינקע געציקלטע אותיותלעך, און פון זיי גאָרנישט געקענט ארויסלייענען. איז ער מיטן בלעטל ארוים צו אַ שכן.

— סעניאָר, — האָט ער געפרעגט — דאָס איז „רוסאָ"?

דער שכן האָט אַ קוק-געטאָן אויפן כתב און געזאָגט:

— ניט „רוסאָ" איז דאָס, נאָר יידיש.

ער האָט גענומען לייענען, דער שכן, און גלייך פארטייטשט דעם בחור, וואָס אינם בריוו איז געשטאַנען. „מיין הייסגעליבטן חתן", איז געווען געשריבן, „נאָך וועמען איך בענק יעדן טאָג מיט הייסע טרערן און וואַרט אויף דער ליכטיקער מינוט, ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען און ארומנעמען"...

אַ ווינטל האָט אַ שוועב-געטאָן איבערן לייב פון יונגן בחור. ער האָט מיט דער האַנט זיך אויסגעווישט די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט פון זיי געוואָלט דעם שלאָף אַראָפּנעמען. ער האָט געוואָלט הערן דאָס ווייטערדיקע, אָבער ס'געהער איז אים פול-געוואָרן מיט זשום. זיין האַרץ האָט געזעצט. מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן האָט ער געקוקט אויפן בריוו און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז ער האָט דעם בחור דערזען און זיך מיט אים באַקענט ערשט נאָכן טויט.

נאָר ניט קיין רחמנות

צום ערשטן מאָל, ווען ער איז אַריבערגעקראָכן אויפֿן שכנותדיקן דעכל, האָט ער דאָס געטאָן פֿון נייגעריקייט וועגן, גלאַט אַזוי. ס׳איז אים נמאס־געוועז ס׳קליינע טעראַסעלע, וואָס ער האָט געקענט אויסמעסטן אין דער לענג און ברייט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און וואו ער האָט זיך געפֿילט ווי אין אַ שטייג, פּונקט ווי אין זיין שטיבל, אַ סוכהלע צונויפֿגעלאַטעט פֿון אָפּגענוצטע קעסטל־ברעטלעך און צעפּנטע פּושקע־בלעכן. די פֿרעמדע טעראַסע האָט זיך אים פֿאַרגלוסט, ווי פֿרישע לופֿט.

פֿריי איז דאָרטן געווען, אויף דער פֿרעמדער טעראַסע, פֿריי, פֿריש און געצאַצקעט. די געטינקטע ציגל אויף דר׳ערד האָבן געגלאַנצט מיט רויטקייט, ווי זיי וואָלטן געפּוצט געוואָרן מיט בלוט. און דאָס שטיבעלע, אַ געמויערטס, געקאַלכט, ווי נאָר־וואָס פֿון אונטערן פּענדזל אַרויס, האָט גערופֿן צו זיך, געלאָקט, געצויגן.

האָט ער דאָס געטאָן פֿון נייגעריקייט וועגן, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַריבערגעקראָכן אויפֿן שכנותדיקן דעכל. גייענדיק שטיל אויף די רויט־גלאַנציקע ציגל, האָט ער געוואָרפֿן אַן אויג אויף דער טיר. אַ גלעזערנע טיר געווען. די שייבלעך, בלאַנקענדיק ווי קרישטאָל, האָבן אַנטקעגנגעטראָגן זאַטקייט. געשטאַנען קעסטלעך איינע אויף די אַנדערע. פֿלעשער און גאָנשערס פֿאַרפּראָפּטע. קיישלעך אויף הענגערס און פֿאַרמאַכטע פּושקעס אויף פּאָליצעס. ווי אין אַ קראָם, אַלץ אויסגעשטעלט אין אַן אָרדנונג. אויף די ווענט אויסגעהאַנגען קרענץ ציבעלעס און קרענץ שוועמלעך. די זאַטקייט האָט פֿאַרכאַפּט ס׳אויג.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און צוגעהערט צו דער פאַר־מאַכטער טיר, וואָס צו דער שטוב אַראָפּ. און, נישט הערנ־דיק מער ווי שטילקייט, צוגעלייגט די האַנט צו דער קליאַמ־קע פון צימערל־טיר. צוערשט לייכט אויסגעפּראָבירט. די טיר איז טאַקע נישט געווען פאַרשלאָסן.

ער איז אַריין אין צימערל אויף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט מורא־געהאַט עמיצן אויפצואוועקן פון שלאָף. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין געאייל און אַראָפּגעכאַפּט, וואָס אים איז איינגעפאַלן, אונטער דער האַנט. אַרויסגעכאַפּט פון קאַסטן קאַרטאָפל און אָנגעלייגט די קעשענעס פון רעקל און פון די הויזן. אַרויסגעכאַפּט פון אַ קעסטל עטלעכע עפּל און אַראָפּגעריסן פון לאַנגן קרענצל עטלעכע ציבעלעס.

אַרויסגייענדיק, האָט ער שטיל־פאָרזיכטיק צוגעמאַכט די טיר און מיט קוראַפּאַטווע־טריט איבערגעלאָפן דאָס דעכל און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טרעפּעלע.

שפּעטער, קאָכנדיק קאַרטאָפל אויפן רויכערנדיקן פייער, האָט ער געהערט, ווי די אייזערנע טיר אויפן שכנותדיקן דאַך האָט זיך געעפנט און אַ מיידל האָט זיך נאָכדעם גע־פּאָרעט אין צימערל, צעזינגענדיק זיך מיט סענטימענטאַלע ליבע־לידער.

ער איז געווען נייגעריק צו זען, ווער איז עס דאָרטן. ער האָט אָבער מורא־געהאַט:

— און אפשר וועט זי דערקענען, אַז עס פעלט עפּעס? און טאָמער יאָ? טאָ וואָס לוינט אים צו קוקן?

נאָר, אַז ער האָט געזעטיקט דעם הונגער מיט קאַרטאָפל און דער מאָגן איז ווידער געווען אָנגעפולט, איז פון אים אַוועק די שרעק. ער האָט אפילו גענומען טראַכטן, אַז איינגנטלעך איז ער דאָ נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן, וואָס ער האָט געטאָן. וואָס האָט ער דען געטאָן? גענומען אויף אָפּצועסן? איז דאָך בפירוש געשריבן אין ספרים און אויך אין ביכער איז עס פאַרשריבן, אַז מ׳טאָר נישט אָנרופן איי־נעם מיטן נאָמען „גנב״, אויב ער גנבעט, וועלנדיק זיך אָנ־זעטיקן, ווייל ער איז הונגעריק.

— און עס זעט זיך דען אָן ביי זיי, ביי די גבירים? זיי וועלן בדלות־ווערן, טאָמער זיי וועלן האָבן מיט עטלעכע קאַרטאָפל ווייניקער? מ׳שטיינס געזאָגט...

שוין א לאנגע צייט, אז ער איז ארומגעגאנגען ארבעט־לאָז. נאָך א גליק, וואָס אין דער שטוב, וואו ער האָט געוואוינט, איז מען געווען גוט צו אים. ווען ער האָט נישט געקאָנט ווייטער צאָלן פארן צימערל, האָט מען אים דערלויבט צו מאכן זיך א סוכהלע אויפן דעכל, א סוכהלע פון אַלטע ברעטלעך און בלעכן, וואָס זיינען סיי־ווי געלעגן דאָרטן, געפוילט און גוזשאווערט. אז ער וועט אָנהייבן ארבעטן און פארדינען, האָט מען אים נאָכגעגעבן, וועט ער אויך נעמען צאָלן.

— אוודאי! — האָט ער זיך אָנגעכאפּט — נאָר נישט קיין רחמנות!

עס האָט אָבער נישט־לאַנג געדויערט, ביז עס איז אים קלאָר־געוואָרן, אז א דעכל אליין קאָן בשום אופן נישט האַלטן אין רו און שטילקייט דעם הונגעריקן מאָגן. אַלץ, וואָס איז מעגלעך־געווען צו פארקויפן, האָט ער שוין אויס־פארקויפט. נישט געווען מער, פאר וואָס מ'זאָל עפּעס באַצאָלן. ביי ווענען ס'איז נאָר מעגלעך־געווען צו באָרגן, האָט ער שוין אָנגעבאָרגט און זיך פארבאָרגט. און קיין ארבעט איז נאָך אַלץ נישט אונטערגעקומען. איז פון אים ארויס־גערונען דער חשק צו זוכן. עס האָט אים צומאָל פארפעלט מוט אָנצוקלאַפּן אין א פרעמדער טיר.

— שטייט ניט צו, יונגערמאַן! — האָט ער זיך דער־מאָנט, וואָס מ'האָט אים געזאָגט אין א סך ערטער — קיין ארבעט פאר אייך האָבן מיר נישט. אויב איר ווילט, קאָ־נען מיר אייך געבן א נדבה...

— ניין, הלילה! — האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט — דאָס נישט. נאָר נישט קיין רחמנות!

— נו, שעמט אייך נישט! — האָט מען אים אויף איין פּלאַץ צוגערעדט — איר ווילט, קאָנען מיר אייך געבן עפּעס אָפּצועסן...

ער האָט זיך געפילט באַליידיקט און מיט א שווערן גע־מיט זיך אוועקגעשלעפּט אהיים.

קומענדיק אהיים, אויפן טעראַסעלע, אין שטיבל פון ברעטלעך און בלעכן, און זעענדיק די ליידיקייט ארום זיך, האָט ער דערשפּירט, ווי ס'נעמט אים אויספעלן אָטעם אין האַלדז, פּונקט ווי עמיץ וואָלט אים געוואָרגן. א ווייטיק

האָט אים געגראבלט אין הארצן און געטריבן צו וויינען. פון וויטיק האָט זיך אים געוואָלט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט. נאָר עפּעס האָט אין אים זיך אָפּגעריסן. ער האָט געפילט, ווי מ'האַלט אים אָפּ די הענט.

— נאָר ניט קיין רחמנות! — האָט אים אריינגערעדט אַ שטימע — פאר וועמען וויינען? פאר וועמען? ביסטו אפשר שולדיק?

די געדאַנקען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און געהאַלטן כסדר אָנגעבונדן. ווי אַ שיפל אין אַ שטורעם, אזוי האָבן אים די געדאַנקען געשליידערט. אָט אזוי געוואָרפן ארויף און אראָפּ, האָט ער פון דעסטוועגן אַ טראַכט־געטאָן, אַז ווער ווייסט, צי ער וואָלט נישט באַגאַנגען קיין נארישקייט, ווען ער וואָלט ביי זיך געהאַט אַ רעוואָלווער...

מיט אַזאַ שווערקייט באַלאָדן, איז ער ארויס אויף דער טעראַסע שעפּן לופט. אָפּאָטעמענדיק שווער און טיף, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער נייטיקט זיך אין לופט מער ווי אין עסן. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויף דער פרעמדער טעראַסע איז פאַראַן מערער לופט.

שטאָלץ

מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט. גראָד דעמאָלט, ווען ער האָט עס נישט דערוואַרט, איז די באַלעבאָסטע פון שכנותדיקן הויף פלוצלינג פאַר אים דערשינען, געקומען אַ גוט־צוגעגרייטע, מיט עטלעכע עדות ביי דער זייט, מענער. ער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אַ פאַרשטיינערטער האָט ער געהאַלטן אויף ביידע הענט, ווי אויף פּאָליצעס, עפּל, קאַרטאָפל, ציבעלעס, און ס'איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן, וואָס ער זאָל טאָן מיט דעם. דאָס טראַכטן איז אין אים אָפּגעהאַקט געוואָרן ווי מיט אַ שאַרפן מעסער. די איבערראַשונג איז געווען גרעסער פון יעדער דערוואַרטונג. ווייל פונקט ווען ער איז שוין נאָכן אַרויסגיין פון צימערל געשטאַנען גרייט צום אַריבערקריכן אויף זיין דעכל, ווען ער האָט זיך שוין געפילט אַזוי זיכער, גלייך ווי ער וואָלט געווען ביי זיך אין צימערל, אין דעם סוכהלע פון ברעטלעך און בלעכן, איז פאַר אים דערשינען די באַלעבאָסטע מיט די צוויי מענער ביי דער זייט. זי האָט געשאָקלט, די באַלעבאָסטע, מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— איצט ווייסן מיר שוין, ווער עס פלעגט אונדז באַגנבענען. אַבי איך האָב חושד־געווען די דינסט און איך שוין געוואָלט ווייזן דעם וועג...

איינער פון די באַגלייטער האָט זיך צעקאָכט:

— ער וועט שוין ווויסן, דער פאַרשוין, וואָס עס הייסט קריכן צו יענעם אין שטוב אַריין! ער וועט פאַרפוילט ווערן אין טורמע, וועט ער ווייסן!

— טאָ אויף וואָס וואַרטן מיר? — האָט געפרעגט דער צווייטער — מ'דאַרף אַריינרופן אַ ווזשילאַנט.

די באַלעבאָסטע, זעענדיק די פאַרשטיינערונג פון דעם געפאַנגענעם, וועלכער איז געשטאַנען שטומשווייגנדיק און אַלעמען אָנגעקוקט מיט וואַסערדיקע אויגן, איז געווען מער־געדולדיק און האָט פאַרזיכטיק געפרעגט:

— דאַכט זיך, אַז איר וואוינט אין צווייטן הויז?

— יאָ. — האָט דער געפאַנגענער געענטפערט, אַז מ'האָט קוים־קוים דערהערט.

— דאַכט זיך, שוין עטלעכע יאָר, אַז איך זע אייך...

— יאָ.

— אין אַ צימער?

— צווישן פיר ווענט.

— וואָס מיינט איר מיטן זאָגן „פיר ווענט"?

— ווייל פיר ווענט זיינען דאָס, נאָר אַ צימער איז דאָס נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל מ'גיט אַ בלאָז, פאַלט עס איין.

די באַלעבאָסטע איז פון די לעצטע ווערטער מילדער־געוואָרן. דאָס ריידן האָט איר פאַראינטערעסירט. זי האָט געוואָלט הערן נאָכמער און דערפאַר געזאָגט:

— איך זע, אַז איר רעדט ווי אַ מענטש...

— ווי אַ מענטש? — האָט דער געפאַנגענער איבערגע־פרעגט און זיינע אויגן זיינען מיטאַמאָל וואַרימער און ליכ־טיקער געוואָרן — פון ווען אָן איז עס אַ גנב אַ מענטש?

איינער פון די צוויי מענער, וועלכער איז געשטאַנען מיט אומצוטרוי און אומגעדולדיק, האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן און אויסגערופן:

— איר וואָלט נאָך אפשר געוואָלט, מ'זאָל אייך געבן אַ קוש אין קאָפּ אַריין? איר מיינט, אַז ס'איז הפקר אַ וועלט? מיר וועלן הארעווען און...

— און... — האָט דער געפאַנגענער צעבונדן די צונג און האַסטיק זיך צערעדט — זאָגט, זאָגט, זאָגט וואָס איר ווילט! איר וועט האָרעווען... וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל האָרעווען און איך זאָל גנבענען? טאַקע! איר זיינט אַבסאָ־לוט גערעכט. איינשטימיק! איך בין אָבער נישט אַזוי שלעכט ווי איר מיינט. אָט! גיט מ י ר, וועל א י ך

האָרעוועז און איר וועט גנבענען! געמאַכט? איר בײט זיך? געמאַכט דאָס געשעפט?

— געמײנער יונג! — האָט דער באַלעבאָסטעס היציקער באַגלײטער אַרויסגעשאָסן — דו האָסט נאָך קוראַזש צו מיר אַזוי צו רײדן, דו, גנב אײנער?

— נאָר נישט „דו״! — האָט דער געפאַנגענער געענט־פערט מיט פעסטקײט — איך בין אײך נישט קײן גוטער־ברודער, וואָס איר זאָלט מיר זאָגן „דו״!

— וואָס?

— דאָס, וואָס איר הערט. איר זאָלט מיר ניט דוצן! איך בין נישט אײערס גלײכן!

— אַ חוצפה אַזאַ פון...

— נאָר נישט געזידלט! איך האָב קײן חזירים מיט אײך צוזאַמען נישט געפּאַשעט...

דער צווײטער אויסגעפּוצטער מאַן, וועלכער האָט זיך צו־געהערט די גאַנצע צײט און געשוויגן, האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס־געטאָן פון אָרט מיט געבײלטע פויסטן. די באַלע־באָסטע האָט אים אָבער פאַרשטעלט דעם וועג.

— מיט וועמען גײסטו זיך עס שלאָגן? — האָט זי אײנ־גענומען זײן כעס, האַלטנדיק אים פאַר די הענט — דו זעסט נישט, אַז ער האָט געכאַפּט די פּלאַש אין האַנט? זעסט? זע נאָר, זע! ער האָט זיך דאָך נאָפּט אויך אָנגעגאָסן אויף מיטצונעמען. וואָס זאָגט איר נישט צו דעם? מיר קויפן און ער קומט צום פּאַרטיקן... אַן אײנגעפירטע באַלעבאַטיש־קײט... איך זע, אַ טאָג, אַ וואָך, וואָכן נאָכאַנאַנד, עס פעלט און עס פעלט...

— וואָס שטײען מיר דאָ און שמירן זיך אײן די צונג?

— האָט דער עלטערער מאַן נישט געלאָזט װײטער רײדן און געזאָגט צום זון — גײ רוף אַרויף פּאָליציי!

— רופט!

— מיר וועלן טאָן, וואָס מיר וועלן געפינען פאַר נויטיק.

— טוט!

— און מ׳וועט אײך גאַנץ־גוט אַרעסטירן.

— אַרעסטירט!

— וועט איר...

דער געפאַנגענער האָט נישט געקאָנט מער פאַרטראָגן די

רייד און מיטאמאָל אַ זעץ־געטאָן די פלאַש נאַפט אויף דר'ערד. גלאָז און נאַפט האָט זיך צעשפּריצט אין אַלע זייטן.

— וואָס ווילט איר נאָך? — האָט ער אויסגעשריען און אויסגעשטרעקט דעם האַלדז — שנײַדט! קוילעט! טוט, וואָס איר ווילט, אַבי אַ סוף זאָל עס נעמען!

די דריי האָבן זיך אָפּגערוקט פאַר דעם געשריי מיט מורא, אָפּגערוקט זיך פונם צעבראָכענעם גלאָז און צע־שפּריצטן נאַפט, געוואַרט מיט שרעק אויף דאָס ווייטערדי־קע. ער האָט אָבער מער נישט גערעדט. דער געפאַנגענער, און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, די אויגן צו דר'ערד געווענדט.

די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע און אַ פאַרוואונדערטע, ווי עס וואָלט פאַר איר זיך צעשריען אַ קינד, אַן אומבאַהאָלפן קינד, וואָס שרייט, אָבער מ'קען מיט אים טאָן, וואָס מ'וויל.

— איר זײַנט שטאַרק אָרים? — האָט זי שטיל און פאַר־זיכטיק אַ פרעג־געטאָן.

— און אַז אָרים? — האָט ער אָפּגעשלאָגן — איז וואָס?

— מסתמא אַרבעטלאָז...

— און אַז אַרבעטלאָז? איז וואָס?

— כ'מיין... — האָט די באַלעבאָסטע געשטאַמלט, וועלנ־דיק אַרויסווײַזן אַ גוט האַרץ — טאָמער דאַרפט איר, קאָנט איר נעמען די קאַרטאָפל...

— ניין, כ'דאַרף נישט! — האָט ער פעסט אָפּגעזאָגט און געלאָזט אַראָפּפאַלן אויף דר'ערד אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די הענט — איך דאַרף נישט קיין נדבה. איך וויל נישט, איר זאָלט רחמנות־האָבן אויף מיר!

ער האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דר'ערד, אָבער זײַן וואָרט איז געשטיגן הויך, הויך.

פאַר יענעם

שוין עטלעכע שעה, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אין פּאַרק, ביים ברעג טייך, און מלחמה־געהאַלטן מיט די אייגענע געדאַנקען. פונדרויסן האָט אַריינגעשריען דער טויט און פון אינעווייניק האָט אַרויסגעשריען דאָס לעבן. זיי האָבן זיך געראַנגלט, ביידע, ווי צוויי ברידער, וואָס קענען זיך גוט, אָבער זיינען זיך בלוטיקע שונאים.

אַ פינצטערע נאַכט געווען. אַ נאַכט פאַר זינד און פאַר־ברעכנס. אַזאַ פינצטערע נאַכט, ווי די געדאַנקען זיינע.

— צו וואָס טראַכטן אַזוי פיל? אַ שפּרונג, איין שפּרונג... כוואַליעס... מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזטע הענט... און שוין... אַלץ אויס... געענדיקט די מלחמה...

נאָר אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, ווייט, ווייט, העט אויפן הימל, הינטער וואָלקנס, האָבן געפינטלט שטע־רן־פונקען און דערציילט פון אַ טאָג, וואָס ליגט הינטער זיי באַהאַלטן און וואָס וועט קומען.

— לוינט דען צו שטאַרבן פאַר דער צייט? טויט? וואָס איז דאָ צו פאַרשפּעטיקן?

אין דעם מאָמענט האָט אין זיינע געדאַנקען זיך אַריינ־געריסן אַ גערויש. ער האָט אָנגעשטרענגט ס׳געהער. ס׳איז געווען אַ געשריי. פון די שוואַרצע כוואַליעס איז עס געקו־מען, דאָס געשריי. אַ פרויען־געשריי.

— ראַטעוועט! ראַטעווע־ע־עט!!

אין דעם אויגנבליק האָט ער פאַרגעסן אין זיך און אין זיינע געדאַנקען און זיך געוואָרפן נאָכיאָגן ס׳געשריי. פּוסט אַרום. קיין מענטש אַרום. נאָר פינטעלעך פייערלעך אין דער ווייט. דאָס געשריי האָט זיך געוואָרגן, געגומען באַר־

כלען און איז פארשוואונדן אין דער פינצטערניש.

אצינד, פלוצלינג, איז אין אים אנגעלאפן גבורה. די גבורה האט אים א שטויס-געטאן צום ברעג, אין דער טי־פער פינצטערניש.

די כוואליעס האבן זיך צעקושט מיט געשרייען, אראפ־געשלונגען די קראמפן און ווידער זיך רוישיק צעוויגט אין דער אימהדיקער פינצטערניש.

◆

אַ הונגעריקער צווישן זאַטע

ערשט פאַרטאָג, ווען עס האָבן זיך גענומען ציען מוטנע־גרויע פעדים פון אָנקומענדיקן פרימאָרגן, האָט בערל איינגעדרעמלט. אַ פיבערדיקן שלאָף געהאַט. געצוקט זייער־אָפט און אַ פיר־געטאָן מיט אַ האַנט איבערן פּנים, ווי עס וואָלטן זיך אויף אים פליגן געשטעלט און געשטערט די רו.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אַ צעטראָגענער. אין קאָפּ האָט געזשומעט און זיך עפּעס געמישט. איז ער געלעגן אויפן בעטל, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט. עס זאָל לייכטער־זיין איינצושלאָפן און פאַרגעסן אין אַלץ. אָבער די אויגן האָבן זיך נישט געקלעפּט, דווקא געוואָלט זיך עפענען. ער האָט געפּרואווט, בערל. נאָר האָט ער זיי געוואָלט עפענען, איז אים שווער־געווען. די אויגן האָבן געשטאָכן. די שטעכעניש איז אַריבער אין קאָפּ, אין מוח און אָנגעהויבן קלאַפּן ביי די שלייפן, ווי מיט העמערלעך, „טיק־טיק־טיק־טיק", ווי דאָס קלאַפּן פון אַ זייגער. דאָס קלאַפּן איז געוואָרן וואָס־אַ־מאָל שאַרפער און שנעלער און האָט זיך איינגעשניטן אין מוח ווי מיט אַ דין־שאַרפן זעגעלע.

בערל האָט געוואָלט טראַכטן, אָבער נישט געוואוסט וועגן וואָס און ווי אַזוי אָנצוהייבן, כאָטש ער האָט געפילט, אַז ער מוז אומבאַדינגט טראַכטן, ווייל אַן דעם וועט ער קיין רעטונג נישט געפינען. ער האָט געוואָלט, נאָר נישט געקענט. געווען אויסגעשעפּט פון צערייצטקייט און קיין שום געדאַנק האָט זיך אין אים נישט אויסגעלייגט. אַ סך געדאַנקען האָבן זיך געשטויסן אין קאָפּ, נאָר פון צופיל געדאַנקען איז קיין איינער נישט אַרויסגעקומען קלאָר.

— אבי מען זאָגט, אַז הונגעריקערהייט איז דער קאָפּ ניכטער און די געדאַנקען קומען אַרויס קלאָר און שאַרף ווי שפּיזן...

ער האָט געהערט, ווי עמיץ האָט אַריינגערעדט אין אים די דאָזיקע ווערטער און דערביי געשמייכלט, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן באַווייזן, אַז נישט אַלעמאָל איז אמת דאָס, וואָס מענטשן האַלטן פאַר אַן אמת.

— מען זאָגט...

ער האָט געהערט, ווי מ'ענטפערט אים פון אַלע זייטן, שטיל און שמייכלענדיק:

— מען זאָגט... מען זאָגט... מען זאָגט...

די ווערטער, איבערגעחזרטע, נאָכאַנאַנד, האָבן זיך געהויבן אין בערלס קאָפּ און איינגעלייגט, ווי ס'וואָלט דאָרטן געווען דאָס פּלאַץ פאַר זיי, אין דעם איינזאַמען בחור, וואָס האָט נישט אין לאַנד קיין פאַמיליע און וועלכער זעט אויס אין די אויגן פון אַנדערע ווי אַ גליקלעך־זעלבסטצופרידענער מענטש.

— מען זאָגט... מאַלע וואָס „מען זאָגט"!

דאָס שעפּטשען האָט נישט אויפגעהערט. די ווערטער האָבן זיך צעטאַנצט איבערן צימער, געקראָכן אויף די גלייַבע ווענט, זיך צעשאָטן אויף אותיות, אויסגעוואַקסענע, מאָדנע־גרויסע אותיות, אַז וואו ער האָט זיך אַ דריי־געטאָן, איז דאָס צימער פול־געווען מיט זיי. ווי זיי וואָלטן געווען פון אַ שרייענדיקן שילד איבער אַ קראָם. ווי זיי וואָלטן אויסדערציילט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דער געפּוצטער בחור, וואָס וואוינט אין שיינעם צימער, ביי די רייכע לייט, איז גאָר אַליין אַן אויסגעלייזדיקטער, אַ הונגעריקער און פאַרמאָגט שוין ניט זינט צוויי טעג קיין סענט אין קעשענע.

בערל איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. אויפגעשפּרונגען, גלייך ווי ער זאָל וועלן אַראָפּטרייסלען פון זיך די אָומעטיקע טראַכטענישן און פון זיי אַנטלויפן.

— צום טייוול! כאַפּט זיי דער וואַטע־מאַכער...

אַראָפּגייענדיק פון געלעגער, האָט בערל דערזען, אַז דער סופיט און די ווענט זיינען עפּעס נישט גלייך, אַז זיי וויגן זיך, און עס קומט אים אויס צו גיין אויף אַ קרומער פּאָדלאָגע, פון אונטן אַרויפצו. און נאָך עפּעס. פון אַלע ווענט,

פון דער פאַרלאָגע און פון סופיט האָט געשלאָגן נאָכאַנאַנד, ווי אַ זייגער, „טיק־טיק־טיק־טיק"...

קוים־קוים, מיט אָנשטרענגונג, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף דער לייסט. אַ ריח פון פרילינגדיקער בליאונג האָט אים אַ שלאָג־געטאָן אין פּנים, ווי אַ ווינטל, און אָפּגעפרישט. ער האָט מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז ער אָטעמט. די טונקלקייט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אויסגע־דרייט און געזען, ווי די ווענט שטייען גלייך און דער סו־פיט ליגט גלייך און עס קוקן אַראָפּ אומבאַוועגלעך מיט קאַלכיקער ווייסקייט אויסגעשניצטע בלומען.

איצט האָט ער זיך דערפילט אַ געזונטער און אַ פרישער און דערשפּירט די פוסטקייט פון מאָגן. שוין העכער אַ טאָג, אַז ער האָט נישט געגעסן, האָט נישט קיין סענט אין קעשענע און ביי וועמען צו נעמען איז אויך נישטאָ.

— כאָטש לייג זיך און שטאַרב!

ער האָט אויסגערעדט די ווערטער און באַלד חרטה־גע־קראָגן, פאַרוואָס ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן אפילו פאַר זיך אַליין.

— אַזעלכע זאַכן רעדט מען נישט! — האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן און מיט זיך איינגעטענהט — נישט קיין נאָ־ווינע ביי אַן אַרבעטער צו הונגערן! עס זאָל אַזוי נישט טרעפן, ווי עס טרעפט. מען דאַרף אָבער ניט זיין אַליין!

די לעצטע ווערטער, „מען דאַרף אָבער ניט זיין אַליין", זיינען פאַר אים געווען אַ טרייסט. טאַקע נישט קיין אַנט־פּלעקונג, אָבער דאָך אַ טרייסט. די טרייסט האָט אָנגעצונדן אין אים אַ געדאַנק, צעשאָטן פונקען, אָנגעהייבן ברענען העל, העל:

— אָט איז דאָס אומגליק: „מען דאַרף ניט זיין אַליין!". געאַרבעט און פאַרט קיין אַרבעטער נישט געווען. ווייל אַן אַרבעטער דאַרף זיין מיט אַנדערע אַרבעטער, צוזאַמען, אין אַ פאַריין, ווי אַ משפּחה פאַרבונדן. אַז מ'האָט משפּחה, איז ווי אָרים די משפּחה איז, האָט מען צו וועמען צו ריידן. פאַרט משפּחה! נו, איז ווען איך בין איצטער אין אַ פאַריין, אין מיינעם אַ פאַריין, וואָלט איך געקאָנט בעטן הילף, שטי־צע, איינזען, אַ טובה ביי אַ חבר, וועלכער האָט יאָ אַרבעט.

אָבער, אזוי? וואָס? כ'קען ביי קיינעם נישט בעטן. כ'קען צו קיינעם קיין טענה נישט האָבן. קיינער איז מיר ניט שולדיק. קיינער נישט, נאָר איך, איך, איך אַליין...

בערל האָט זיך אַליין געפּרואווט באַשולדיקן און אַליין פאַרענטפערן און געוועט דערפון צופרידן, ווי ער וואָלט מיט דעם אויסטענהן זיך אָפּגענאַרט דעם מאָגן און דער־ווייל פאַרטריבן די צייט. די צייט לויפט, לויפט. אין אַ שווערער צייט איז דאָס שווערסטע דעם טאָג צום פאַר־יאָגן. זאָל נאָר דער טאָג אַריבערגיין, וועט אָנקומען האָפ־נונג. מען דאַרף גלויבן. מאָרגן קען אָנקומען ארבעט. מאָרגן קען געלינגען ביי עמיצן צו באָרגן אָדער קריגן אויף אַן אנדערן אופן. און ער האָט זיך אַליין אויסגעמוסרט:

— פע, זיך אַנידערלייגן און שטאַרבן! שטאַרבן קען מען קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן.

אַז דאָס טראַכטן האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט בערל גע־נומען זיך אָנטאָן. איצט האָט איז קאָפּ ווידער אָנגעהויבן שטעכן, דיין און שאַרף. האָט בערל נאָכאַמאָל זיך צוגע־שפּאַרט. נאָכדעם זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן, אַראָפּגענומען דעם שפּיגל פון וואַנט און גוט זיך איינגעקוקט. דאָס פּנים איז געווען אויסגעבלייכט. אונטער די אויגן פאַרגעלבט. די ליפּן איינגעטריקנט. זיינע פינגער האָבן געציטערט. בערל האָט פאַר זיך אַליין זיך דערשראָקן, געקוקט אויף די צי־טערנדיקע הענט און די אויגן זיינען ביי אים פאַרצויגן געוואָרן מיט גרויע בעלמעלעך.

אַ צעטראָגענער איז ער אַזוי געלעגן אַ לענגערע צייט און האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען אַ מיידל־שער קול האָט אים גערופן:

— סעניאָר בערנאַרדאָ! סעניאָר בערנאַרדאָ!

בערל האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ רעקל און איז אַרויס.

— אַזוי שפּעט שלאָפט מען? — האָט אים אויפגענומען אַ יונג מיידל מיט אַ ווינקענדיק־שמייכלענדיקן פּנים — שיין אַזוי, סעניאָר בערנאַרדאָ?

— אמת... — האָט בערל געפּלאָנטערט מיט דער צונג, געוואָלט אויך שמייכלען, נאָר נישט געקענט — איר פאַר־שטייט...

— יאָ, פאַרשטיין, ניט פאַרשטיין! — האָט דאָס מיידל אָפּגעשלאָגן — איר ווייסט דאָך, וואָס די פראַנצויזן זאָגן? „דאָרמיר ס'ע נ'ע פּאַ וויוור", שלאָפן הייסט נישט לעבן...

בערל האָט זיך פאַרענטפערט:

— געקומען שפּעט...

— איר זיינט דאָך געווען דעם גאַנצן אָוונט אין שטוב!

— האָט דאָס מיידל געפּרואווט כאַפּן ביי אַ ליגן.

— אָבער... יאָ, שפּעטער בין איך אַרויסגעגאַנגען...

— אויף אַ באַילע געווים, הע?

בערל האָט נישט אָפּגעלייקנט.

— פאַרבריינגען מיט מיידלעך?

בערל האָט נישט אָפּגעלייקנט.

— אוי, זיינט איר אַ פייגעלע, סעניאָר בערנאַרדאָ...

בערל האָט געשוויגן. זיינע גלאַנציק־שוואַרצע וואָנצעלעך האָבן אין מיידלס אויגן איצטער אויסגעזען נאָכמער־פאַרשייט. אויך דאָס אויסגעמאַטערט, פאַרכמורעט פּנים און דאָס שוויַגן האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי מידקייט נאָך אַ גרויסער אָנשטרענגונג, מידקייט און גלייכגילט נאָך פאַרלאָפענע פריילעך־פאַרבראַכטע שעהן, וועלכע זיינען נישט קיין נאָווינע און נאָך וועלכע מ'האָט זיך נאָך נישט אויסגערוט, כדי צו גלוסטן נאָך נייע אַזעלכע שעהן.

— אוי, קען איך אייך, מענער! — האָט דאָס מיידל געוואונקען מיט אַן אייגל און שמייכלענדיק געסטראַשעט מיט אַ פינגער — אַ נייס ביי אייך אָפּצוהוליען אַ נאַכט? אַ מיידל טאָר נישט. אַ מיידל דאַרף גיין מיט אַ מאַמען און זיך האַלטן לייטיש. אָבער, איר? אַ מאַן מעג אַלץ, קען פון אַלץ הנאה־האָבן...

בערל האָט אויסגעהערט דעם מיידלס רייד און זיך געשעמט איר צו קוקן גלייך אין פּנים. הערנדיק אַזוי און שווייגנדיק, האָט ער געפילט, אַז עס ווערט אים גרינגער פון דעם ריידן.

— גוט אַזוי! — האָט ער געטראַכט — מען זאָגט... מען מיינט...

עס איז אים גוט־געווען, וואָס דאָס מיידל האָט אַזוי גערעדט און אים צו ענדע איינגעלאַדן:

— קומט, סעניאָר בערנאַרדאָ, וועט איר זען, ווי עס

איז איינגעאָרדנט אויף ביינאַכט, אויף מיין שוועסטערס תנאים!

בערל איז געגאַנגען. זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז נאָך נישט רעכט אַנגעטאָן, און געגאַנגען.

אין גרויסן זאַל איז געווען אַ לאַנגער טיש באַדעקט מיט צובייסעכצן און וויינען. גלעזלעך און באָקאַלן האָבן צעשאָטן איבערן טיש ווייס־קרישטאָלענע פונקען. דער ריח פון צוקערוואַרג און פרישן געבעקס האָט זיך תאוהדיק צעלייגט ווי אַ געדיכטע פּאַרע.

בערלען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, ווי ער וואָלט אריין אין אַ דומפּיקן קעלער. די תאוהדיקע ריחות פון צוקערוואַרג, אַלקאָהאָל און געפּילטן געבעקס זיינען געקראָכן אין די נאָזלעכער און געלעקט, ווי לאַשטשענדיקע קעץ. בערל איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשיכורטער, ווי אַ מידער, וואָס האָט געפונען אַ ווייך־געבעט געלעגער אין אַ וואַרימער שטוב נאָך אַ טאָג אָפּזיין אויפן פראָסט.

— איאַ, ס׳איז שיין? — האָט דאָס מיידל איבערגעריסן די שטילקייט.

— זייער־שיין.

— פאַרזוכט אַ גלעזעלע!

ס׳מיידל איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך געפּאָרעט.

בערל איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. אַלץ אין אים האָט געשריען: „יאָ, פאַרזוך! זיי נישט קיין נאַר! נוץ אויס די געלעגנהייט!". ער האָט אָבער מורא־געהאַט, אַז ער וועט זיך פאַרלירן און מ׳וועט עפּעס אויף אים מערקן. און ער האָט אָפּגעזאָגט:

— ניין, אַ דאַנק. איך וויל נישט אָנהייבן דער ערשטער. ווען אַלע וועלן קומען, וועט איר אויך מיך איינלאַדן.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען. דערהערנדיק בערלס ענטפער, איז זי געוואָרן אַ דערפרייטע:

— אַ שיינער ענטפער, כ׳לעבן! בראַוואָ, סעניאָר בערנאַרדאָ! זייט אָבער ווייסן, אַז היינט זיינט איר אונדזער גאַסט.

— אַנטשולדיקט...

— ע, איר טאָרט נישט אָפּזאָגן!

— אָבער...

— נאָר נישט קיין „אָבער"! — די באַלעבאָסטע האָט נישט צוגעלאָזט קיין טענות — היינט דאַרפט איר אַלע אייערע באַשטעלונגען אָפּלייגן און זיין ביי אונדז! איר הערט?

— כ'בין אָבער היינט פאַרנומען... — האָט בערל זיך געוועדט — אוממעגלעך אָפּצולייגן...

— וועמען דערציילט איר מעשיות? — האָט די באַלע־באָסטע זיך געמאַכט גאָר־היימיש — איר מיינט דאָך אוודאי, ווייל איר האָט נישט באַוויזן צו געבן אויספּרעסן אייער אָנצוג?

— ניין, חס־ושלום! מיר פעלט קיין שום זאַך נישט.

— און איך ווייס דען נישט? — האָט די באַלעבאָסטע אויסגערופן טריומפירנדיק — פאַרוואָס זאָל אייך יאָ פעלן?

בערל האָט זיך געזעגנט און אַרויס אַ צעפּיבערטער.

שפּעטער איז ער אַרוים אין גאַס. די טראָטואַרן, גע־דיכט־באַדעקטע מיט אויסגערוטן געלאַסן־יום־טובדיקן עולם, האָבן אין זיינע אויגן אויסגעזען שוואַרצע און פאַרחושכ־טע, ווי אין אַ טרויער־פּראָצעסיע. ער האָט נישט געזען קיין פּנימער, נאָר פיגורן אין טונקלקייט. שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס.

ער האָט געטראָפן אַ באַקאַנטן און אים אָפּגעשטעלט.

— איר אַרבעט? — האָט יענער געפרעגט.

— ניין. פאַרלאָרן דעם פּאָסטן.

— טויג נישט. — האָט יענער באַדויערט — אין אַ קריי־זיס־צייט איז אַרבעט לייכט צו פאַרלירן און שווער צו געפינען.

און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, צו־קלאַפּנדיק מיטן גומען, וויינדיק מיטגעפיל ווי פאַר אַן אבל, באַלד זיך אַוועקגע־איילט:

— טשאַו!

בערל האָט געוואָלט נאָך עפּעס ריידן, אָבער יענער איז שוין געווען עטלעכע טריט אַוועק.

— כ'האָב איצט קיין צייט נישט. — האָט יענער צוגע־

וואָרפֿן — מיר'ן זיך טרעפֿן אַ צווייט מאָל און זיך ברייטער דורכשמועסן.

בערלען האָבן די רייד געשטאָכן:

— „דורכשמועסן"... „אַ צווייט מאָל"... איצט האָט ער זיך דערשראָקן. דערהערט, אַז איך אַרבעט נישט, האָט ער געמיינט...

אויף אַן אַנדער גאַס האָט ער געטראָפֿן אַ צווייטן באַקאַנטן. יענער איז געווען פֿריינטלעכער, אויסגעפֿרעגט וועגן געזונט און וועגן אַרבעט און געוואָלט וואָס־לענגער פֿאַרציען דעם שמועס. נאָר איצט איז בערל געווען דער, וועלכער האָט זיך געאײַלט, געזוכט וואָס־גיכער איבערצוהאַקן די רייד און אַוועקגיין. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק. בערל. געדאַרפֿט נאָך מיט טעג פֿריער אָפּצאָלן אַ גמילות־חסד און נישט אָפּגעצאָלט.

— אַזוי איז עס שוין. — האָט בערל אַצינד געטראַכט, דערמאָנענדיק זיך אינם פֿריערדיקן באַקאַנטן — אַלעמאָל איז פֿאַראַן אַזאַ איינער, וועלכער אַנטלויפֿט פֿון גוטע ברידער...

ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט. געפֿילט, אַז עס עקן זיך אין אים די כּוחות. געטראָפֿן נאָך אַ באַקאַנטן און יענער האָט שוין אים אָפּגעשטעלט, נישט ער יענעם. אַ פֿריינטלעכער, אַ געדולדיקער, האָט יענער זיך נאָכגעפֿרעגט, אויסגעהערט און שטאַרק באַדויערט, וואָס איב, בערלען, וועמען אַלע האָבן שטענדיק מקנא־געווען, גייט עס אַזוי שלעכט.

— און מסתּמא פֿעלט אײַך אויס געלט?

— ע... ווי קען מען זאָגן, אַז ניין?

דער באַקאַנטער איז שטיל־געבליבן.

אַ דערוואַרימטער פֿון דער פֿריינטלעכקייט, האָט בערל אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע, אָנגעקליבן מוט, ווי ער וואָלט אָנגענומען לופֿט, און געזאָגט שעמעוודיק:

— אַנטשולדיקט... ס'איז... ניט אַזוי באַקוועם... נאָר... אפֿשר... קען איך טאַקע קריגן בײַ אײַך אַ קליינע הלוואהלע? אויף געציילטע טעג בלויז...

דער באַקאַנטער האָט זיך ברייט צעשמייכלט:

— א הלוואהלע? — כ'וואָלט אייך געגעבן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! ניט בלויז א קליינע, נאָר אפילו א גרעסערע... וואָלט איך נאָר געהאַט ביי זיך געלט!

בערל, דאַנקבאַר פאַר די וואַרימע רייד, האָט געזאָגט:

— אנטשולדיקט! איר דאַרפט עס ניט דערקלערן. ס'איז מעגליך איז, וואָס אַלע גוטע מענטשן זיינען קבצנים.

זיי האָבן זיך געזעגנט. אָפּגייענדיק, האָט דער באַקאַנטער נאָכגעשריען פריינטשאַפטלעך:

— אַז איר וועט עפּעס באַדאַרפן, און איך וועל אייך קענען מיטהעלפן, בין איך גרייט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

דאָס האָט בערלען געטרייסט און צוגעגעבן מוט צו גיין ווייטער, נישט געקוקט אויף דער מידקייט. אַזוי עטלעכע שעה זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, זיך אָפּגעשטעלט ביי געציילטע אָפענע געשעפטן. געקוקט, ווי מענטשן וואַרפן זיך מיט געלט און געשפּירט, ווי דער מוט ווערט אין אים איינגעשרומפּן, אויסגעטריקנט.

צוריקגייענדיק אַהיים, האָט ער דערזען זיין צוגעלאָזטן פריינד שטיין ביי א לאָטעריי־קיאָסק. ער האָט אָפּגעקליבן, דער צוגעלאָזטער באַקאַנטער, עטלעכע צעטעלעך פונם פענצטער אַראָפּ און באַצאָלט א סך געלט. בערלס אויגן האָבן מיטאַמאָל זיך אָנגעצונדן און צעשפּריצט פייער. א היץ, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם, האָט א שלאָג־געטאָן איבער זיין קערפּער. ער האָט זיך צוגערוקט צו א טויער, אַז דער באַקאַנטער זאָל אים ניט דערזען.

איצט איז ער אַוועק אַהיים ווי א געפּירטער חולה. די טרייסט אין פון אים אַראָפּגעפאַלן, ווי פוך. ער איז געווען צעבראָכן, ווי מ'וואָלט אים געשלאָגן אָן רחמנות, א געבונדענעם. קריכנדיק, איז ער צוריקגעקומען אַהיים.

אין הויז זיינען אַלע ווינקלען געווען באַגאָסן מיט ליכט. אין הויף איז געשטאַנען א לאַנגער טיש אויף קאָזלעס און א גוי האָט געשנורעוועט פלאַנדעקעס צו האַקעס, וואָס אין די ווענט.

אריינקומענדיק, האָט בערל ארויפגעצויגן אויף זיך א יום־טובדיק פּנים און כוח און, שפּרייזנדיק צו זיך אין צימער, באַגריסט די שטוביקע.

— סעניאָר בערנאַרדאָ, — איז דער באַלעבאָס אים פאַר־גאַנגען דעם וועג —, גיסט אָן אַ כוסה!

בערל האָט געפּרוּווט אָפּזאָגן, אָבער דער באַלעבאָס האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און צוגעפירט צום טיש:

— אַנו, ניט גערונגען זיך! נעמט אַ כוסה! האַלט! אָט־אַזוי־אָ... וואָס איז עס מיט אייך? איר קענט נישט האַלטן קיין גלעזל אין האַנט? פע, שעמט זיך! נו, וואָס ציטערן ביי אייך די הענט? נו... נו... אַריינגעגאָסן!

בערל האָט געשפּירט, אַז די קישקעס האָבן זיך אין אים אָנגעצונדן. ער האָט אַ קוק־געטאָן אויפן באַלעבאָס, וואָס האָט צוגעטראָגן אַ זילבערנע טאַץ, אויף וועלכער ס'איז גע־לעגן באַפּוטערט ברויט מיט ווייסע קעז און הערינג, האָט אַראָפּגעכאַפּט עטלעכע שטיקלעך און אַריינגעשלונגען. די אויגן האָבן זיך געצויגן צו דער טאַץ, געוואָלט נאָך, אָבער מער האָט אים נישט געפּאַסט. ער האָט באַדאַנקט און אַריין צו זיך אין צימער.

ערשט איצט האָט בערל דערשפּירט, ווי אַלץ האָט זיך אין אים געריסן צום ברויט. די פיס האָבן געבריט, די אויגן האָבן געבריט, דער בויך האָט געבריט, און אַלץ האָט אים געטריבן צו דער טיר, צום עסן. האָט ער שטיל אָפּגעשפּאַרט די טיר און געוואָרפן אַ בליק צו די טישן. קיינער איז אַרום זיי נישט געווען. האָט בערל מיט גנבישע טריט, אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַרויסגערוקט אין הויף, זיך דערנענטערט צום טיש און געוואָלט אַראָפּכאַפּן עטלעכע שטיקלעך גע־בעקס. נאָר אין דעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט טריט. האָט בערל אַ כאַפּ־געטאָן אין ביידע הענט די זילבערנע טאַץ, זי צוגעדריקט צום האַרצן און מיט לאַנג־אויסגעצוי־גענע שפּרייזן אַריינגעשפּאַנט צו זיך אין צימער און צו־געמאַכט די טיר.

ער האָט אַ ווײַלע געוואַרט. אַז אַלע זיינען שוין געווען אין הויף און זיך געפּאַרעט ביי די טישן, האָט ער זיך סור־דותדיק צעגעזעצט אויפן בעט, אַרויפגעשטעלט די זילבערנע טאַץ און גענומען שלינגען שטיקער באַפּוטערטע ברויט. דאָס עסן האָט אים פאַרטויבט די אויערן. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין עסן, אַז ער האָט נישט געהערט, וואָס

מ'האָט גערעדט אויפֿן הויף. נאָר פּלוצלינג איז צו זיינע אויערן דערגאַנגען דאָס בייזע קול פֿון באַלעבאָס:

— אויף אַ מינוט זיך אַוועקגעדרייט, האָט דער ערל צו־געגנבעט די זילבערנע טאַץ!

— מ'טאָר עס ניט שענקען דעם גוי! — האָט ס'ווייב זיך געקאָכט.

דערהערנדיק די ווערטער, האָט בערל מיט שרעק האַס־טיק זיך אויפגעהויבן פֿון בעטל און גיך אַראָפּגעשטעלט די טאַץ אונטערן בעט. נאָר ער האָט נישט באַוויזן זיך אויס־צוגלייכן, בערל, ווי עמיץ האָט הויך אָנגעקלאַפּט אין טיר און אין צימער איז אַריינגעלאָפן דער באַלעבאָס, ווי אַ קליין קינד, וואָס לויפט צום טאַטן פּאַרמסורן:

— וואָס זאָגט איר צו דעם, סעניאָר בערנאַרדאָ? מיר האָבן בלויז אויף איין מינוט זיך אַוועקגעדרייט, האָט דער ערל אַוועקגעגנבעט די זילבערנע...

דער באַלעבאָס האָט נישט פּאַרענדיקט. דאָס לעצטע וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט דער־זען, ווי פֿון אונטערן בעט האָט אַרויסגעגלאַנצט אַ בריעג פֿון דער זילבערנער טאַץ. ער האָט געקוקט און זיינע אויגן זיינען געוואָרן גרויס און גרעסער, צעגלאָצט. פֿון איבעראַ־שונג האָט ער נישט געקענט ריידן. ער האָט געווענדעט די אויגן צעטומלט, דאָ צו דער טאַץ, דאָ צום בחור.

— אי־י־ר גאָר?! אי־י־י־ר???

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דעם זעלביקן אָוונט האָט מען אין בחורשן צימער פֿון יום־טובדיקן הויז געפֿונען אַ פּאַרסמטן מענטשן. עס איז געווען בערל.

דער באַלעבאָס פֿון הויז האָט געהאַט גרויס צער, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט פֿאַרשטערן די שמחה. ער האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פֿון די געסט די נייס, אָבער נישט געקאָנט. האָט ער דערציילט די פֿאַרזאַמלטע, אַז דאָס האָט דער בחור אַליין אויף זיך גענומען אַ שטראָף פֿאַר אַ באַגאַנגענע גנבה.

III

האַרץ אויפֿן אייזן
לופֿט
נאָר נישט קיין נדבה!
אַז רייד
שווער און ביטער
שריי נישט, נאָלד מיינס!...
נישט ביים זינען
אין פֿלאַמען

האַרץ אויפֿן אייזן

די בשורה, אַז ער וועט אָפּגעזאָגט ווערן פֿון דער אַר־בעט, איז אויף בייניש ארויפגעפאלן ווי א דונער. אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. אַז דער באַלעבאָס זאָל זיך אויף אים נוקם־זיין פאר זיין פארלאנגען א העכערונג, און אים דערפאר אין גאנצן אָפּזאָגן פון דער פאבריק, האָט ער נישט דערוואַרט. שוין אַזוי לאַנג געארבעט אויף דעם זעלביקן פּלאַץ. די מאַשין איז צו אים געווען צוגעוואוינט און ער צו דער מאַשין. ער האָט שוין געקענט אַלע טענער פון דער מאַשין און געשפּירט אין ערשטן מאָמענט, ווען זי האָט גענומען ברומען אומצופרידן אָדער כאָרכלען ווי א פּאַרקילטע. זיינע אויגן פלעגן דעמאָלט אומרואיק ארומזוכן איבערן אייזן, זוכן דעם סוד פון כריפּען און כאָרכלען, ווי עס וואָלט געווען איינער פון זיין הויז־געזינט. מיט זאָרג פלעגט זיך באַקלאָגן פאַרן מעכאַניקער, ער זאָל אים ארויס־העלפן, אַז די מאַשין זאָל ווידער נעמען זינגען מיט איר גע־זונטן, אייזערנעם געזאַנג. נו, און איצטער? טאַקע פארלאָזן דאָס פלאַץ? איז ווי־זשע, זיך געזעגענען מיט דער מאַשין נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין גאַנצענע טעג צוזאַמען זייט ביי זייט?

— צום טייוול...

ער האָט געקריצט מיט די ציין. געפילט, אַז די פיס האַקן זיך אונטער. דער גוף איז אים מיטאַמאָל שווער געוואָרן ווי אייזן. אַזוי שווער האָט דער האַס אין אים זיך אראָפּגעזעצט. די מאַשין, ביי וועלכער ער האָט געארבעט, איז איצט אויס־געוואַקסן אין זיינע אויגן, געוואָרן גרויס ווי די גאַנצע פאבריק, פארנומען די גאַנצע האַלע פון עק ביז עק, זיך

געשטעלט איבער אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פאַר־טאָן אין די מאַשינען און געוויגט די הענט איבערן אייזן הין־און־הער. אַ סך פון די אַרבעטער האָבן אים באַמערקט. געפרעגט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ: וואָס איז? ער האָט זיי נישט געענטפערט. ער האָט זייערע קעפּ געזען אין זיין אייגענער גרויסער מאַשין. אויף זייערע פּנימער האָט זיך געוויזן באַדויערן. זיי האָבן געוואוסט. מסתמא פון פריער געוואוסט, אַז מ'וועט אים אָפּזאָגן, נאָר געשוויגן. געשוויגן הילפסלאָז. האָבן זיי דען געקענט ריידן? האָבן זיי דען גע־לאָזט אַנדערע ריידן? אַז זיי, וויפל מ'גיט זיי, איז פאַר זיי גוט. זיי באַקלאָגן זיך נישט און וואַרפן זיך אונטער. זיי האָבן דען מוט קעגנצושטעלן זיך? אפילו אים לאָזן זיי נישט זיך קעגנשטעלן. זאָגן, אַז די צייטן זיינען ביטערע. זאָגן, אַז דער באַלעבאָס קען אין גאַנצן אָפּשטעלן די פאַבריק. ער לאָזט דען אַרבעטן, דער באַלעבאָס, ווייל ער דאַרף די סחורה? ניין, האָבן זיי געזאָגט. פון זיינעטוועגן וואָלט די פאַבריק געמעגט אין גאַנצן שליסן די טירן. די סחורה ליגט סיי־ווי אויף די פּאָליצעס און מ'לייזט קיין סענט נישט. איי, די פאַבריק אַרבעט? איז עס בלויז דערפאַר, ווייל דעם באַ־לעבאָס פּאַסט ניט צו שליסן די טירן. אַלטע אַרבעטער. דאַרפן לעבן. זיינען געווען ביי אים באַשעפטיקט אַזוי פיל יאָרן, האָט ער זיי, דער באַלעבאָס, געזאָגט און זיי האָבן עס איבערגעחזרט, צוגעבנדיק אים רעכט, ווייל ער זיי נישט לאָזן אָן ברויט. אָבער, גיין זיך נאָך בונטעווען? פאַרלאַנגען העכערונגען? זיי האָבן בפירוש געוואוסט, אַז ביים באַלע־באָס וועט פּלאַצן די געדולד און ער וועט ביינישן ווייזן די טיר. סטייטש, ער, ביינישׂ, גייט אין אַזאַ צייט, ווען אַלע ריידן קיין וואָרט נישט, גייט ער גאָר בעטן אַ העכערונג?

אַצינד, אַז ביינישׂ איז געגאַנגען פון באַלעבאָס' ביורא אָן אָפּגעזאָגטער, איז די מאַשין אויסגעוואַקסן איבער דער גאַנ־צער פאַבריק און ער האָט געזען די קעפּ פון אַלע אַרבעטער צוגעקוועטשט צו די אייזערנע שינעס, און אַ קול האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין אים און אַראָפּגעשלעפּט צו דר'ערד. עס האָט אים געשטיקט און געוואָרגן:

— צום טייוול!

אין דעם מאָמענט האָט געדאַנק זיך דורכגעשניטן אין זיין

מוח: זיך גוזעגענען מיט דער מאַשין... ביי זיין אוועקגיין לאָזן וויסן, אַז די מאַשין איז נאָר אים טריי־געווען, בלויז אים האָט זי געדינט און פאַר אַנדערע קען זי נישט און מאָר נישט דינען... איז דען דאָס אַ שווערע זאַך? נאָר איין מאָל דורכגיין מיט דעם קעפּל פון דער מאַשין הין־און־צוריק איבער די געעפנטע שינעס, אַז אַלע נאָדלען זאָלן צערייסן די אינגעווייד פון דער מאַשין... איין מאָל בלויז...

— צום טייוול!

ער האָט געפילט, בייניש, אַז דער געדאַנק צעוואַרימט אים דעם קאָפּ, מאַכט הייס די געהירן. ער האָט דערפילט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ מאָרד, צו אַ פאָרויס־באַ־רעכנטן מאָרד.

שטייענדיק ווידער ביי דער מאַשין, האָט ער זיך אַרומ־געקוקט. דער ווערקפירער איז געווען ווייט. דער ווערקפּי־רער איז סיי־ווי געשטאַנען מיט דער פּלייצע אויסגעדרייט. האָט בייניש אויף גיך געגעבן אַ צעעפן איין שינע און די צווייטע און מיט האַסט אָנגעכאַפּט דאָס הענטל. נאָך איין רגע, נאָר איין ריר מיט דער האַנט...

די האַנט האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן, פּונקט ווי עמיץ וואָלט איר אָנגעכאַפּט און נישט געלאָזט רירן. ער האָט גע־פילט, בייניש, אַז אינעם האַרצן האָט זיך אים עפּעס אָפּגע־ריסן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרלאָפענע אויגן. פּנימער האָבן אים אָנגעקוקט באַדויערנדיק. פּנימער פאַר־בלייכטע און פאַרגעלבטע פון מאַטער און פון שוויים. ביי־ניש האָט צו די פּנימער געענטפערט מיט מיטגעפיל. און, נישט וויסנדיק וואָס ער טוט, האָט ער גענומען גלעטן דאָס אייזן פון דער מאַשין. פון אָנהייב געגלעט און געצערטלט, ווי דאָס פּנימל פון אייגענעם קינד. נאָכדעם לאַנגזאַם גע־נומען פאַרמאַכן די שינעס איבער די נאָדלען און אוועקגע־שטעלט דאָס קעפּל אין אַ זייט, עס זאָל נישט אומפאַלן און זיך ניט צעקלאַפּן...

אוועקגייענדיק פון דער מאַשין, האָט בייניש געפילט, אַז ער לאָזט איבער אַ שטיק האַרץ אין דעם אויסגעריבענעם גלאַנציקן אייזן.

לופט

ער האָט זיך געשעמט צו גיין אהיים שלאָפן. נישט גע־האַט קיין מוט ווידעראַמאָל צו געבן דער באַלעבאָסטע א תירוץ אַנשטאָט דירה־געלט. האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אין די גאַסן, מיטן קאָפּ איינגענורעט אינם קאָלנער פון מאַנטל, און איינגעזאַפּט אין זיך די דומפּיקע פייכטקייט פון דער בליי־פאַרוואָלקנטער נאַכט.

— סעניאָר סאַלאָמאָן? — האָט ער פּלוצלינג דערהערט הינטער זיך — וואָס גייט איר עפּעס אַזוי?

ס'איז געווען די באַלעבאָסטע, וועלכע איז געגאַנגען מיטן מאַן אהיים.

סאַלאָמאָן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, ווי א שטרויס, און א שטאַמל־געטאָן:

— לופט... כאַפּן לופט...

— לופט? — האָט די באַלעבאָסטע זיך געוואונדערט — ס'איז דאָך איצט אין דרויסן אַזוי פייכט, אַז עס קריכט אין די ביינער!

— יאָ... — האָט סאַלאָמאָן געשטאַמלט — אָבער פּאַרט בעסער ווי אין שטוב... ווייל... דער קאָפּ... דער קאָפּ טוט מיר וויי...

די באַלעבאָסטע האָט אים אָנגעקוקט שפּיזלדיק און מער נישט געפרעגט.

◆

נאָר נישט קיין נדבה!

ער איז צוגעשטאַנען מיטן אויפגעעפנטן קעסטעלע אויף דער האַנט, עס אונטערגעטראָגן ווי אַ טעלער עסן און מיט אַ רחמנותדיקן פּנים געבעטן, מ׳זאָל ביי אים עפּעס קויפן.

— אַ גוט זייפל, אַ קראַוואַטל, אַ קעמעלע, ראַזיר־מע־סערלעך, אַ פּאַסיק, ספּינקעס, זאָקן־בענדלעך... גיט עפּעס צו לייזן!

באַהאַנגען מיט פּאַסקעס אויף אַ שטריקל, ווי אַ גענעראַל מיט מעדאַלן, איז דער קערפּער זיינער געווען אויסגעבויגן, פּונקט ווי די לאַסט וואָלט אים אַראָפּגעצויגן צו דער ערד. דאָס פּנים פאַרגעלבט, באַוואַקסן, פאַרשוויצט, איז געווען צעקאַרבט מיט גראָבע קנייטשן. און די אויגן האָבן רחמנות־דיק געבעטן, רופנדיק די מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביים פאַרויבערטן קאַפע־טישל, צום אויפגעעפנטן קעסטעלע אויף דער האַנט, אונטערגעטראָגן ווי אַ טעלער עסן:

— יידן, קויפט עפּעס!

די מענטשן, וואָס ביים טישל, זיינען געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס און האָבן זיך געמאַכט נישט־הערנדיק. דער פאַר־קויפער איז אָבער געשטאַנען געדולדיק און געוואַרט, נאָ־כאַמאָל איבערגערעדט און געוואַרט.

איז איינעם פון די מענטשן, וואָס ביים טישל, געוואָרן אומבאַקוועם פון פאַרקויפערס שטיין איבערן קאָפּ און ער האָט זיך אָנגעבייזערט:

— לאָזט אונדז צו רו, ר׳ ייד! לאָזט אונדז ריידן און שטערט אונדז נישט! וויפל איז דען דער שיעור, איך זאָל אָנקויפן זייפלעך? כ׳האָב שוין אין שטוב אַ גאַנץ זייפן־געַ־שעפט...

— טאָ קויפט אַ קעמעלע! אפשר אַ שיין קראָוואַ... ראַ־זיר־מעסערלעך, אַ פּאַסיק, זאָקן־בענדלעך, ספּינקעס...

איז דער, וואָס ביים פּאַרוויכערטן טישל, אַריין אין כעס, האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעכאַפּט אַ מטבע און, וואַרפנדיק זי בייז אויפן צעעפנטן קעסטל, אויסגערופן:

— נאַט אייך, כ׳וויל גאָרנישט און לאָזט אונדז צו רו!

דער צעבויגענער, פאַרמאַטערטער פאַרקויפער האָט אינם אויגנבליק האַסטיק זיך אויסגעגלייכט, מיטן אַרבל אַ וויש־געטאָן דעם שווייס פון פּנים, פונקט ווי ער וואָלט פון שלאָף אויפגעשטאַנען, אַרויסגעגראַבלט די מטבע פון צווישן די זאַכן אין קעסטל און, צוריקגעבנדיק זי, שטיל געזאָגט:

— קיין נדבות נעם איך נישט. איר ווילט נישט קיין זייפל, טאָ נעמט פאַר די צוואַנציק סענט עפּעס אַנדערש! איך האַנדל... מאַך טאַקע קנאַפּע געשעפטן ביי דעם נדבה־דיקן האַנדל, אָבער אַלץ נישט קיין נדבות... נאָר נישט קיין נדבות!...

דער מענטש, וואָס ביים פּאַרוויכערטן טישל, האָט אַ ברוגזער אויסגעהערט די רייד און דערנאָך מיט אומגעדולד אַרויסגעכאַפּט אַ באַקאַנט זייפל פון אויפגעעפנטן קעסטל.

אַ ר י י ד

דער שמועס איז געווען אַ קורצער. עטלעכע ווערטער בלויז. ער האָט געבעטן עפּעס טאָן. וואָס ניט איז. אַבי עפּעס פאַרדינען. זי האָט אָבער זיך געחידושט. ווי קומט צו איך געבן עמיצן ארבעט? אַז איר מאַן איז אַליין אַן אָנגעשטעלטער ביי יענעם! נאָר פון דעסטוועגן, האָט זי געזאָגט, קען זי אים עפּעס געבן. און געפרעגט, צי ער איז הונגעריק. האָט ער געענטפערט, אַז יאָ. אַז נישט בלויז ער אַליין איז הונגעריק, נאָר פאַראַן ביי אים אַ שטוב מיט קינדער און אַלע זיינען הונגעריק. פינף קינדער, איינס קלענער פונעם צווייטן. און ער פאַרדינט גאָרנישט. דערצו איז דאָס ווייב קראַנק.

— געלט — האָט די באַלעבאָסטע אויף דעם געענטפערט — קען איך נישט געבן. נאָר, אויב איר ווילט עסן, איז מיט פאַרגעניגן...

און ער האָט געגעסן. זשעדנע געגעסן. און אַ ביסל האָט ער אויך אָפּגעלייגט אין קעשענע.

— זיי וועלן זיך מחיה־זיין! — האָט ער שטיל געזאָגט — אַ דאַנק...

ער האָ[illegible] שוין געהאַלטן ביים ארויסגיין.

דער באַ[illegible]עבאָסטע איז אָבער פּלוצלינג איינגעפאַלן:

— ה[illegible]! איר קענט קומען אַ צווייט מאָל, וועל איך אייך געבן אַ [illegible]ל פאַר דער פאַמיליע. אין אַ שטוב איז שטענדיק דאָ. קי[illegible]ט קען איך נישט, אָבער עסן יאָ...

דער [illegible] האָט זיך אויסגעדרייט און פאַרזיכטיק געפרעגט:

— [illegible]

די [illegible]אָסטע האָט אַ טראַכט־געטאָן און געענטפערט:

— איר ווייסט וואָס? איר דאַרפט נישט קומען צו אונדז אין שטיב.

דער מאַן האָט אויף דער פרוי נישט געקוקט.

— איז וואו? — האָט ער געפרעגט, האַלטנדיק די אויגן צו דר׳ערד אַראָפּגעלאָזט.

— איך וועל פאַר אייך אוועקלייגן — האָט די פרוי געענטפערט — ביים אריינגאַנג פון הויז, אונטן, הינטער דער ווינדע, וואו עס שטייט אַ קאַסטן. דאָרטן, אויף דעם קאַסטן, וועל איך פאַר אייך אוועקלייגן אָנהייב אָוונט אַ פּעקל עסן. איר ווייסט דאָך, אין אַ שטוב, וואו אַכט עסן, קענען עסן נאָך עטלעכע...

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

— איר פאַרשטייט? — איז די באַלעבאָסטע געוואָרן נאָכמער־צוגעלאָזן — איר קענט קומען יעדן טאָג, אין אָוונט... יאָ, יעדן טאָג... וועל איך פאַר אייך דאָרט איבערלאָזן אַ פּעקל...

דער מאַן האָט שטיל באַדאַנקט און אוועק. נאָר יעדן אָוונט, פאַרזיכטיק, איז ער געקומען אין הויז און פון הינטער דער ווינדע אוועקגענומען אַ פּעקל. אַ פּעקל עסן. און שטיל אוועק. נישט ער האָט געזען די באַלעבאָסטע, נישט די באַלעבאָסטע האָט אים געזען. אַזוי גאַנצע צוויי יאָר.

צוויי יאָר האָט אַזוי אַ פּעקעלע עסן פאַרבונדן יעדן אָוונט צוויי מענטשלעכע געפילן. ביז ער איז אין אַ טאָג מער נישט געקומען. מער דאָס פּעקעלע נישט גענומען און אויך נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין איין וואָרט.

שווער און ביטער

פראַנסיסקאַ האָט די גאַנצע משפּחה אַריינגעפּירט אין זיין נייער פּרנסה. די קינדער האָבן מיט אים זיך געוואַל־גערט צווישן די וואַגאָנען. ער האָט זיי אויסגעלערנט אויפ־צושטיין אַזוי פרי ווי ער. פּאַרטאַג. אויסגעזופּט עטלעכע מאַטעס און גיך צו דער באַן־סטאַנציע.

אין די פרימאָרגנס איילט זיך פראַנסיסקאַ. ווי ער וואָלט מורא־געהאַט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן צו פאַרלירן דעם פּאָסטן.

— מ'טאָר ניט זיין פויל! — מוסרט ער די קינדער פון קליינוויז אָן — וויל מען האָבן אין מויל, טאָר מען ניט זיין פויל.

ער סאָפּעט שווער, פראַנסיסקאַ, איילנדיק די טריט אין דער גרויקייט פון נעפּלדיקן פרימאָרגן. סאָפּענדיק, רעכנט ער אויס די יינגלעך, וואו אַלץ ער האָט באַשטעלונגען אויף קוילן. ער זאָגט אָן די יינגלעך, וועלכע טראָגן זעקלעך אונ־טער די אָרעמס, זיי זאָלן אומבאַדינגט געבן די קליענטן אַ גוטע וואָג, ווייל אַ קליענט דאַרף מען היטן. און באַקלאָגט זיך פאַר זיי, פאַר די יינגלעך, אַז די פיס טוען אים ווי, ברעכן. אוודאי וואָלט ער זיך שוין באַדאַרפט אויסרוען, אין זיין עלטער. ניט פאַר זיינע יאָרן נאָך צו האָרעווען אַזוי שווער און ביטער.

— אָבער, וואָס קען מען טאָן?

אַזוי קומען אַלע דריי אַרוים אויף די באַן־ליניעס. דער אַלטער קוקט זיך אַרום, ווי עס וואָלט געווען זיין פאַבריק, זיין געשעפט. ער גיט זיך אָפּ רעכענונג, וועלכע וואַגאָנען מ'האָט אָוועקגענומען פון די רעלסן און וועלכע זיינען צו־

געקומען. ארומקוקנדיק זיך, מאַכט ער אַ פּלאַן, ווי צו אַר־בעטן. דאַן געפינט ער אויס, אַז ס'איז בעסער צו גיין אַ היפּש שטיקל וועג צו אַ ניי־צוגערוקטן צוג. דאַכט זיך, אַז קוילן.

— וויסענטע! — גיט ער צוליב זיכערקייט ווענן אַ שיק־אונטער ס'יינגל — גיב נאָר אַ גיי אַהין און זע, וואָס איז דאָרטן דאָ!

וויסענטע פאַרשטייט זיך שוין אויפן וואונק און גייט. איבערן וועג קוקט ער זיך אום, צי ס'איז קיין פּאָליציי נישטאָ. דערזעענדיק באַן־באַאַמטע, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ. ער וויל זיי ניט זען, די באַאַמטע, ער וויל אפילו ניט זיין אין זייערע ד' אמות. נישט אומקוקנדיק זיך אויף זיי, גייט ער אַזוי, אַז ער זאָל אויסקומען ביים פאַרבייגיין וואָס־ווייטער פון זיי, און האַלט ס'פּנים איינגעגראָבן אין דר'ערד. און ער אָטעמט אָפּ לייכטער, ווען ער ווערט פאַרפאַלן צווי־שן די וואַגאָנען.

דאַן קוקט ער זיך אַרום, צי קיינער פון „יענע" זעט אים נישט. דער לאָקאָמאָטיוו שטייט ווייט און דער מאַשיניסט איז ערגעץ אינעווייניק. כאַפּט ער זיך אַרויף, וויסענטע, אויף אַ וואַגאָן. יאָ, קוילן! דרייט ער זיך אום אויף צוריק און פאָכעט מיט דער האַנט צום טאַטן און יינגערן ברודער. ער רופט זיי צו זיך.

וויסענטע וואַרט נישט. דערווייל הייבט ער אַליין אָן צו אַרבעטן. ער שפּרייט אויס אַ זעקל און שטופּט אַריין קוילן. קומען אָן די אַנדערע, דראַפּען זיי זיך אויך אַרויף אויפן וואַגאָן און די אַרבעט גייט צו שנעלער. זיי גראַבלען אין באַרג קוילן, ווי שטשורעס, און קוקן זיך אַרום שרעקעדיק, ווי די קליינע שטוב־מייזלעך, וועלכע ווייסן שוין, אַז די באַלעבאַטים קענען אַ ליאַדע מינוט אונטערקומען אָדער אונטערשיקן די קאַץ...

פּלוצלינג, ווען די זעקלעך זיינען נאָך בלויז אין דער העלפט אָנגעפולט — אַהאַ, אויגן! מ'האָט זיי דערזען. די אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אַ דראָענדיקע האַנט הייבט זיך אויף.

— אַ משוגענער הונט... — גיט דער טאַטע אַ קריץ מיט די ציין, פון כעס, און באַפעלט — אַראָפּ!

ער קריכט אַראָפּ דער ערשטער. נישט ער שפּרינגט, נאָר ער קריכט. און, שטייענדיק אונטן, שטעלט ער אויס די הענט, ווי אַ מאַמע וואָס גייט צערטלעך איבערנעמען אַ קליין קינד. פאַראייננוועגס קוקט ער זיך אום, ווי עס האַלט דאָרטן מיט יענעם פּאָליציסט, וועלכער האָט זיי געשיקט זיינע אויגן און דראָענדיקע האַנט.

— שנעלער! — גיט פראַנסיסקאַ אַ קאָמאַנדעווע — דער הונט לויפט שוין צו אונדז...

די יינגלעך שלעפּן אַראָפּ די זעקלעך. גליטשן זיך אַראָפּ. דער אַלטער כאַפּט זיי אונטער איינציקווייז. פאַרוואַרפן זיי די זעקלעך אויף די פּלייצעס און קריכן אַרונטער אונטער די רעדער פון די וואַגאָנען.

— פּאַרזיכטיק, ווי איר קריכט! — זאָגט אָן פראַנסיסקאַ די יינגלעך, וועלכע רוקן זיך אויף אַלע פיר, אויף דר'ערד, אונטער די וואַגאָנען, צווישן די רעדער — אָך, די קאַנאַליע...

אַרויסקריכנדיק אויף דער אַנדערער זייט, קוקט זיך אום דער אַלטער אויף אַהינטער, לויפט מיט אַלע כוחות און שטייט פאַרט אָפּ פון די יינגלעך, כאָטש ער טראָגט דאָס קלענסטע זעקל קוילן. ער קריצט מיט די ציין און שעלט פאַרביטערט:

— אַז געהרגעט זאָל ער ווערן! זאָל ער זיך אַזוי מוטשען פאַרן שטיקל ברויט, ווי מיר, וואָלט ער געוואוסט פון אַ לעבן! אַזאַ משוגענער הונט... זאָל ער האָבן אַזוינע געשוואָלענע פיס, ווי איך, און אַזוי שווער און ביטער האָרעווען, וואָלט ער געוואָרן אַ מענטש...

און, סאָפּענדיק שווער, האָט ער אַלץ נישט געקענט זיך באַרואיקן.

— טאַטע, רייד נישט! — האָט דער עלטערער זון געבעטן, הערנדיק ווי דער אַלטער קען נישט ריכטיק אָפּדעכען — רייד נישט, טאַטע! ס'קאָסט דאָך דיר געזונט.

— אוודאי קאָסט עס געזונט! — האָט פראַנסיסקאַ געענטפערט — פאַרוואָס זאָל דען נישט קאָסטן קיין געזונט? זיין באָבעס דאגה, טאָמער וועט דער קוילן־מיליאָנער האָבן מיט אַ האַלבער פּעזע ווייניקער... אַ פּאַסקודניאַק, פּפו!

פאַרדינסטו דיר דיין פּרנסה? טאָ מאַך אַ שווייג! מאַך זיך ניט זעענדיק! וואָס אַרט דיר? איז, ניין, ניין...

פראַנסיסקאָ האָט דעם גאַנצן וועג, ביז ער האָט מיט די יינגלעך זיך איבערגעגנבעט דעם פּאַרקאַן און אַרויסגעקראָכן אויף אַ שטילער גאַס, נישט געקענט זיך באַרויקן. עס האָט אין אים געזאָטן, ווי אין אַ קעסל. ער האָט די קינדער איבערצייגט מיט אַלע זיינע רייד, אַז קיין ערגערע מענטשן, ווי די פּאָליציי, זיינען אויף דער וועלט נישטאָ.

◆

שרייַ נישט, גאָלד מייַנס!...

פון די קינדער־יאָרן
אין אַ וואַרשעווער הויף

געהייסן האָט ער הערשל — און אפשר אַנדערש — נאָר גערופן האָט מען אים לייבעלע, כאָטש אין זייַן אויסזען איז געווען די מגושמדיקייט פון אַ לייב.

געוואוסט האָט מען, אַז קרעמעניצקי צאָלט לייבעלען ביז צום מויל צו. האָט מען זיך דערפאַר געוואונדערט, ווי עס קומט צו אים אַזאַ אָנגעפּולטער גוף און אַזאַ לייבן־כּוח.

מען האָט נישט געדענקט, ווען ער איז צו קרעמעניצקין אָנגעקומען, פּונקט ווי מען האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. קיינער איז צו אים נישט געקומען און ער איז צו קיינעם נישט געגאַנגען. זייַן איינציקער באַגלייטער איז געווען קרעמעניצקיס צווייִרעדערדיק וועגעלע.

נאָר קינדער האָט ער ליב־געהאַט. אוי, ווי ליב! און קינדער האָבן אים פאַר זייַנס גלייכן געהאַלטן. זיי פלעגן מעגן טאָן מיט אים, וואָס זיי האָבן געוואָלט. בלויז מיט זיי פלעגט ער שמועסן. מער מיט קיינעם נישט.

אייַנגעשפּאַנט אין וועגעלע, פלעגט לייבעלע מיושבדיק הייבן אַ פוס נאָך אַ פוס, לאַנגן שפּאַן, און די רעדער פלעגן זיך וואַקלען ווי לײדיקע וואָג־שאָלעכלעך, ווי זייַנע שיכּורע טריט. זייַן ברייטע פאַדעשווע פלעגט זיך אָוועקשטעלן אויף אַ שטיין און באַלד, נאָך איידער זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעטאַנצט, ווי זי וואָלט חרטה־געקראָגן.

און מען געדענקט נישט ווען און מען געדענקט נישט ווער עס האָט אים אַ נאָמען־געגעבן: „טענצער".

ער פלעגט זיך פאַר דעם צונאָמען נישט באַליידיקן. און אפשר האָט ער בלויז נישט אויסגעזאָגט.

— לייבעלע טענצער!

ער פּרוּווט זיך אַ הייב־טאָן פון נידעריקן קעסטל, אויף וועלכן ער זיצט. די פיס טרייסלען זיך אָבער צו־שטאַרק. דאָס צעכליאַפּעטע ברוינע פּנים מיט די געלע פלעקן גע־לאַטעט איז דורכגעאַקערט מיט טיפע קנייטשן, וואָס פאַל־דעווען זיך, ווי שליאַם־באַדעקטער וואַסער בשעת אַ ווינטל. צוויי האַלב־פאַרלאָשענע שוואַרצע אויגן זיינען קאַלביש אויפגעריסן. כאַפּט ער זיך אָן מיט די הענט אין די קליאַ־פּעס פון דער קאַפּאָטע, וואָס הענגט אַראָפּ, פאַרצויגן אויף די אַקסלען, און טענטלט זיך שטיקערווייז, אַרויסשפּאַרנ־דיק שטיקער פאַרקאַפּטשעטע וואַטע, כאַפּט ער זיך אָן, קרעכצט, ברומט שווער־סאָפּענדיק און שטעלט זיך אויף מיט מאַטערניש:

— אַאַאַ... האָפּ!

* *

*

קליינוואַרג, זעענדיק טענצערן אַראָפּשטייגן פון די פיר אייזערנע געשטענגלטע טרעפּלעך, הייבט אָן שרייען מיט זאַרגלאָזע מלא־שמחהדיקע שטימעלעך:

— לייבעלע טענ־צער! לייבעלע טענ־צער!

קינדער לויפן פון אַלע זייטן אַנטקעגן, כאַפּן שטיקער פון זיין קאַפּאָטע און ציען צו זיך, גלייך יעדער איינער וואָלט זאַרגלאָזע מלא־שמחהדיקע שטימעלעך:

— מ י ך נעם אויף דער האַנט, מ י ך!

לייבעלע, פאַרטאָן אין די טאַנצנדיקע טריט, הייבט אויף דעם קאָפּ און אויף זיין געל־געלאַטעטן פּנים גיסט זיך אויס אַ קופּערנער שמייכל, מילד און קינדיש. די קינדער שטו־רכען אים אונטער פון אַלע זייטן מיט די קליינע פויסטעלעך. טענצערן ווייזט זיך אויס, אַז עס ווערט אים פון דעם לייב־טער צו גיין. און פון זיין מויל רייסט זיך אַרויס אַ שטומ־פּיק הירזשען, ווי פון אַ פייכטער לײדיקער פאַס.

צעהירזשען זיך אויך די קינדער און מיט די אָרעמלעך הענגען זיי זיך גאָך אויף טענצערס אָרעמס:

— אַ צוקערל, לייבעלע! אַ צוקערל...

בייגט זיך טענצער איין אין דרייען, גראָבט איין צוויי פינגער אין דער כאַליעווע און ציט אַרויס אַ שמוציק זע־קעלע.

— עפנט אויף די מיילעכלעך! — כריפּעט ער צום קליינ־וואַרג.

צופרידענע שלעפן זיך נאָך אים די קינדער, דאַנקבאַרע, מיט געשפּאַנטע אייגעלעך.

קוקט טענצער מיט קופּערנעם פאַרגעניגן־שמייכל אויף דעם קליינעם גופל, וואָס הענגט זיך אויף זיינע אָנגעשוואָלע־נע פינגער, און זיינע שוואַרצאַפּלען ווערן אָנגעצונדן. נעמט ער פאַרזיכטיק, ווי אַ דינע גלאָזוואַרג, זיין קעפּעלע און קושט עס אוים אויף אַלע זייטן, אין שטערן, אין די האָר, אַרום העלדזל.

דערזעט דאָס די שוסטערקע. עפנט זי אויף דאָס פענצ־טער און צעשרייט זיך מיט אַ קוויטש:

— לייזיקער טענצער! גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר און טשעפּע נישט מיין יאַנקעלען!

לאָזט טענצער אַרויס דאָס יינגעלע פון די אָרעמס אין רוימט אים איין:

— קום ביינאַכט, יאַנקעלע!

הינטער לייבעלען שטייט קרעמעניצקיס גימנאַזיכטל. דאָס וואוילגעלערנטע זונדל זעט, ווי טענצער צאַצקעט זיך מיטן שוסטערס יינגעלע, צערעדט ער זיך.

— אידיאָט! — בייזערט ער זיך, ווי אַ באַלעבאָס, אויף לייבעלע טענצער — טויגעניכץ, וואָס דו ביסט! איכ׳ל זאָגן דעם טאַטן, אַז דו ווילסט נישט אַרבעטן און שפּילסט זיך אויף אונדזער געלט...

טענצער קוקט אָן דאָס פערצניאָריק אָנגעבלאָזן, שמאַל־ציק יינגל, וואָס מיט פאַרגאַסענע אייגעלעך, קוקט מיט קאַלביש־אויפגעריסענעם בליק, מעסט אים אָפּ עטלעכע מאָל פון קאָפּ ביז פיס און זיין באַוואַקסן געזיכט ווערט באַצויגן מיט נאַכמער טונקלקייט. און, נישט־אויסריידנדיק קיין וואָרט, שלעפּט ער זיך שווער צוריק, אונטערטאַנצנדיק אויף די אייזערנע שטענגל־טרעפּלעך, פאַרהייבנדיק צעשויבערט, דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס, די ברייטע אויפגעדראָ־לענע אַקסלען.

* *
*

שוין עטלעכע וואָכן, אַז טענצער איז נישט אַרויסגעגאַנ־ גען אויפן הויף. ער איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין ווינקל פון גרויסן שפּייכלער אויף דער פּאַרקאָפּטשעטער וואַטע, וואָס קרעמעניצקי האָט נישט געקענט פאַרקויפן, אונטערקרעכצנ־ דיק ווי דער סקריפּ פון אַ פאַרזשאַווערטער טיר. די פיס זיי־ נען ביי אים נאָך־שטאַרקער אָנגעשוואָלן און די אָדערן האָבן בלוי־קישקלדיק זיך געשלענגלט. אָט בלאָזן זיי זיך נאָך איין קליין ביסל אָן און פּלאַצן.

קרעמעניצקין האָט אויסגעפעלט די „האַנט" ביי דער אַר־ בעט און קיין אַנדערע האָט ער נאָך דערווייל נישט צוגעי־ נומען. איז ער אין אַ נאָכמיטאָג געקומען צו טענצערן, אים אָנגעקוקט און אַ זאָג־געטאָן:

— אַנו, לייבעלע, פּרוואו נאָר זיך אַ שטעל־טאָן!

— כ'קען נישט. — ווערט זיך לייבעלע.

— אויף מיין אחריות! — זאָגט קרעמעניצקי מיט זי־ כערקייט, האַלטנדיק מעשה־באַלעבאָס די הענט אין די הויי־ זן־קעשענעס — פּרוואו! אויף מיינע אחריות...

טענצער פּרובירט זיך אויפהייבן, שטעלט אונטער די הענט, וואָס זיינען אויך מיט בלויע קישקעלעך באַצויגן, און גיט אַ כריפּע־אַרויס. ווי נאָר ער דערפילט דעם אָנריר פון פוס אויף דר'ערד, און זיין פליישיקער גוף פאַלט אַני־ דער מיט אַ טראַסק אויף דער וואַטע.

— אוי!

זעט דאָס קרעמעניצקיס ווייב, וואָס שטייט די גאַנצע צייט דערביי, גיט זי דעם מאַן אַ צי פאַרן אַרבל און צישעט אַרויס מיט בייזקייט פון צווישן די ציינער:

— ווי דאָס גלייבט נישט יענעם! אַז איך האָב געזאָגט, עס האַלט מיט אים שלעכט...

טענצער הערט זיך איין און איז צו דעם גלייכגילטיק. עס אַרט אים נישט. ער ווייסט, אַז מיט קרעמעניצקיס הייל־ מיטלען וועט אים נישט בעסער־ווערן. און אין שפּיטאָל גיין האָט ער מורא. ער שרעקט זיך פאַר דעם מער ווי פאַרן טויט.

— קיין געזונטער — קלערט ער ביי זיך — וועל איך דאָך שוין סיי־ווי נישט אַרויס.

אין שפּיטאָל איז טאַקע גוט צו ליגן. אָבער עסן? סיי

ווי זאָגן די קרעמעניצקים, אַז „נאָר אוים רחמנות" האַלטן זיי אים אויף די פּליִיצעס צען יאָר צייט. ווייל וואָס? שמענדיק איז ער אַ צעטומלטער, שפּילט זיך מיט די קינדער און קוים וואָס ער גיט זיך אַ ריר. דאָך וועט נאָך־ערגער זיין אין שפּיטאָל. דאָרט וועט ער אין גאַנצן שטאַרבן פון הונגער. טאָ וואָס וועט אים אַרויסקומען פון די מעדיצינען? נאָך מוטשען... נאָך אָפּציען... פּאַמעלעך... צו וואָס?

אָט ליגט ער, טענצער, אויף אַ שניי־ווייסן געלעגער. שוין צוויי טעג נישט טועם־טעם־געווען. די וועכטער לאָזן אים נישט אויסריידן אַ וואָרט. אפילו צו די דאָקטוירים לאָזן זיי נישט עפענען ס׳מויל. זיי, די וועכטער, ריידן.

בייינאַכט. עס שלאָפט זיך נישט. דער מאָגן איז אויסגעליידיקט. ער קאָרטשעט זיך און בורטשעט. די אויגן זיינען צעפּראַלט. זיי זוכן עפּעס. דערזעט ער, טענצער, אַ פּעקעלע, דאָרט, אויף דעם ווייסן מירמלנעם טישל. מסתמא עסן. שפּאַרט ער זיך אָן מיט די הענט אין געלעגער, שטיל, שטיל, אַז קיינער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן. ער בייגט איין אַ פוס. נאָר באַלד דערפילט ער אַ שטעכן פון נאָדלען און — באַץ! — אַראָפּגעפּאַלן אויף דר׳ערד.

ער הערט גאָרנישט. נישט ער פילט. נאָר דאַכטן דאַכט זיך אים, אַז עס ברענען ליכט ביי זיין קאָפּ און שטיל און קאַלט איז אַרום.

פּאַמעלעכקע הייבט ער אויף דעם קאָפּ און עפנט אַ קאַפּיטשקע די אויגן. אַ פראָסט גייט אים דורך איבער די ביינער. אַרום אים ליגן פּאַרגליווערטע קערפּערס מיט משונהדיק־פּאַרגלייזטע אויגן. צעפּראַלט ער דאָס מויל און לאָזט אַרויס אַ ווילד געשריי, ווי אַ פּאַרוואונדעטע חיה.

— וואָס גוואַלדעוועסטו? — האָבן די קרעמעניצקים פּאַראיבל, הלמאי מען נעמט זיי צו בחינם צייט — פּאַרוואָס לאָזסטו גאָרנישט טאָן?

קאָרטשעט זיך טענצער איין, פּאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן און די אויגן זיינען ביי אים אויפגעריסן, ווי ביי אַ געבונדענעם אָקס, וואָס ווייסט, אַז ער וועט זיך בשום אופן נישט קענען באַפרייען פון די שטריק. ער קוקט קאַלט אויף זיינע באַלעבאַטים און שווייגט.

זיינען די קרעמעניצקים געוואָרן געריִרט פון טענצערס

אָפּהענטיקייט און איינגעשטימט, אַז די יסורים וועלן דעם מענטשן אַראָפּפירן פון זינען.

שעפּטשעט דאָס ווייב צום מאַן:

— אַז איך האָב שוין לאַנג געהייסן ברענגען אַ דאָקטער...

— איך האָב דאָך געוואָלט, — האָט קרעמעניצקי זיך געבייזערט —, נאָר דו האָסט נישט געלאָזן!

הערט זיך טענצער צו און שווייגט. נאָר פּלוצלינג, ווי מ'וואָלט אים באַפאַלן אַ משוגעת, גיט ער מיט רוגזה אַ שלעפּ די קאַפּאָטע אויף דער פּלייצע און דרייט זיך אויס צו דער וואַנט.

האָבן די קרעמעניצקיס באַשלאָסן אָפּצואוואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז די קרענק וועט זיך אויסשיילן... און זיי זיינען אַרויס, אַנזאָגנדיק טענצערן, ער זאָל וואַרפן אַן אויג אויף די פרישע באַלנס סחורה.

*　　*

*

אין אַ פאַרנאַכט האָט אויף דער שוועל פון שפּייכלער זיך צונויפגעקליבן קליינוואַרג פון הויף. קרעמעניצקי האָט די קינדער עטלעכע מאָל אָפּגעטריבן:

— אַ יאַריד, ביין וואונדער, קאָזשעליקעס ווייזט מען, האַ?!

די קינדער האָבן זיך אָבער אָנגעזעצט אויף דער שוועל, ווי פליגן, אויף די שפּיץ פינגער זיך אויפגעהויבן און די אייגעלעך אין גרויען ווינקל אַריינגעשפּאַרט.

טענצער איז געלעגן אויף דער פאַרויכערטער וואַטע אין געבראָמטשעט. אויפן פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ מאַטע געלקייט. די באַקן זיינען איינגעפאַלן און די אַקסלען האָבן זיך ווי אויסגעצויגן.

— אַ רחמנות. — האָבן די קינדערלעך געזיפצט, אַראָפּשלינגענדיק טרערן — אַ ביטערע רחמנות!

אַצינד האָבן זיי נישט געפּילדערט. שטיל־טרויעריק זיינען זיי געשטאַנען און טרערן, טראָפּן נאָך טראָפּן, האָבן אויף די שמענגלעך טרעפּ אַראָפּגעקאַפּעט.

— מ'נעמט אים מאָרגן אין שפּיטאָל! — האָבן די קינדער צווישן זיך גערעדט — טאַטע געזאָגט, ער איז געשוואָלן פון הונגער...

די קינדער זיינען געשטאַנען ביים שפּייכלער און שטיל געוויינט, ווי נאָך אַן אייגענעם, וואָס איז געשטאָרבן.

*   *
*

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. וואו נישט וואו האָט בלייך געפינקלט אַ שטערן. געדיכטע, מיט רחבות, האָבן די וואָלקנס זיך צעשפּרייט איבערן הימל. די הויך־אָנגעשאָטענע שניי־קופּעס האָבן זיך געהאַרטעוועט און מיט אייזגלאָז זיך באַצויגן. ווייט אין הויף האָט טרויעריק געוואָיעט אַן איינזאַמער הונט. אויף אַ לאַנגער קאַנאַווע, וואו עס איז פריער וואַסער געפלאָסן, האָט געגלאַנצט אַ גליטש.

מיט שנעלע גנבישע טריטלעך האָט יאַנקעלע געטאָפּטשעט אין טיפן שניי. ער איז צוגעלאָפן צו די אייזערנע, געשטענגלטע טרעפּלעך. פאַרביי אים איז דורכגעלאָפן אַ שטשור, באַלד אַ צווייטער און כמעט מיט שפּיציקן פּיסקל די שיך אָנגערירט. דאָס ייִנגל האָט אויפגעציטערט, געוואָלט אַרויסלאָזן אַ געשריי, נאָר האָט זיך דערמאָנט אין פּעקל, וואָס אונטער דער האַנט, און אין דעם, אַז טאַטע־מאַמע וואָלטן געשלאָגן. שטאַרק געשלאָגן. איז ער שטילערהייט אַרויפגעשפּרונגען אויף די ווייטערדיקע טרעפּלעך.

— לייבעלע! עפן די טיר! לייבעלע! — האָט ער אַריינגעהויערט.

ער האָט געהערט, ווי עס סקריפּעט עפּעס הינטער דער טיר. דאַכט זיך טענצערס קול. פון דעסטוועגן איז אים באַפאַלן אַן אימה און ער האָט שוין נישט געוואָלט מער רופן, נאָר צוריקלויפן אַהיים. דאָך האָט ער זיך באַלד אַריינגעדרענגט צו טענצערס געלעגער.

— ווייסט, לייבעלע? — האָט יאַנקעלע אויסגעציטערט
— מען נעמט דיך אין שפּיטאָל. מאָרגן...
— איך ווייס, גאָלד מיינס.

דאָס ייִנגל האָט זיך פאַרקלערט. פאַריסן ס׳קעפּעלע צום פענצטערל, דורך וועלכן עס איז אַריינגעפלאָסן אַ מאַטבלוי זייגל ליכט, און געפרעגט:

— לייבעלע! און דו וועסט דאָרטן שטאַרבן? אויף אַן אמת? אויף אַלעמאָל?...

טענצער האָט זיך צוגעהערט צום געבראָכענעם קינדערשן

קול, געוואַלט עפּעס זאָגן, נאָר עס האָט אים פאַרקלעמט, טרערן האָבן זיך אויף די ברעמען ארויסגעפּרעסט, און האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

דערנאָך זיינען ביידע, נישט־אויסריידנדיק קיין וואָרט, לאַנג געלעגן פיבערנדיק מיט ארומגעוויקלטע אָרעמס.

*　*
*

די לבנה איז שוין געווען אָפּגערוקט אויף א ווייטן מהלך. אין א סך פענצטער איז דאָס ליכט געווען אויסגעלאָשן.

— כ'וועל דיך אָפּפירן. — האָט טענצער איבערגעהאַקט די שטילקייט — צייט אהיימצוגיין. מאַמע קלערט אַוודאי איבער.

ביים יינגל האָט דאָס הערצל גענומען שטאַרקער קלאַפּן. דאָס פנימל איז פאַרבלייכט געוואָרן. עס האָט דערזען דער מאַמעס אויפגעהויבענע האַנט און דעם טאַטנס פעט־גלאַנציקן פּאַסיק. נאָר יאַנקעלע איז ווי א גרויסער שנעל צוגעלאָפן צו דער טיר. די גאַנצע שרעק איז פון אים מיטאַמאָל אַראָפּגענומען געוואָרן. און מיט די קליינע הענטלעך האָט ער פאַרשטעלט דעם וועג: „ער, לייבעלע, וועט נישט גיין, ער איז קראַנק".

— זיי נישט קיין קינדעלע! — האָט טענצער זיך איינגעשפּאַרט — וואָס הייסט? הויכע קופּעס שניי... שטשורעס...

— כ'האָב נישט קיין מורא! — האָט דאָס יינגל זיך געמאַכט העלדיש — איך שוין אַליין גיין!

און ביי זיך האָט ער געטראַכט, אז ס'איז בעסער צו קריגן פון טאַטן מיטן פּאַסיק איידער א שטשור זאָל אָנרירן מיטן פיסקל דעם אָפּצאַס...

נאָר טענצער איז נישט נתפּעל געוואָרן, מיט די שמאַטעס די פיס ארומגעוויקלט און דאָס פינפיאָריקע גופל אויף די הענט גענומען, ווי א ליאַלקע.

ביים ערשטן טראָט האָט די הויט אויף זיין פּנים זיך איינגעצויגן, ווי גומע, און די אויגן זיינען געוואָרן קלענער. זיין גוף האָט זיך געהוידעט, ווי ער וואָלט געפּרוואווט גיין אויף א שטריק. ער איז אַרוים אויפן ערשטן אייזערנעם טרעפּ. געוואָלט די האַנט אויסציען, נאָר זי איז געווען שווער.

האָט זיין אויפגעבלאָזענער קערפּער זיך איינגעבראָכן און ווי א שטיק ליים אראָפּגעפאַלן אין דער קופּע שניי.

יאַנקעלע האָט אויסגעשריען. ער האָט פאַרגעסן אין דער שרעק פאַר טאַטע־מאַמע און געשריען מיט אַן אימהדיקן געשריי.

— שריי נישט... — האָט טענצער קוים פון צווישן די פאַרבלוטיקטע ליפּן אַרויסגעזיפּט — ניט שרייען... לאָמיר שטאַרבן... בעסער שטאַרבן... טויט איז בעסער...

און, צוטוליענדיק דאָס גופל צו זיין אַנטבלויזטער ברוסט, קושנדיק, קושנדיק ווייטיקלעך און מיט די לעצטע כיהות דאָס בלאָנדע קעפּל, זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אויפן שניי זיינע לעצטע ווערטער:

— שריי נישט, גאָלד מיינס! איידער אזא לעבן, איז דער טויט א סך בעסער...

נישט ביים זינען

ער האָט זיך געשאַרט האַרט ביי דער וואַנט. אָט, און ער פאַלט פון די פיס. אַ העלער שיין פון אַ פּאָליציי־קאָמי־סאַריאַט איז געקומען אַנטקעגן. ער האָט זיך צוגעשאַרט און אַריינגעקוקט. אין הויף זיינען געשטאַנען עטלעכע ברייטע בענק. עס האָט אים אַ קניפּ־געטאָן אין האַרצן:

— ליידיקע בענק!

אין איין אויגנבליק האָט דער שלאָף און די מידקייט פון אים זיך אָפּגעטאָן. די בענק האָבן אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, זיך צורוקן צו דער גאַס און דערנענטערן צו אים.

אין טויער איז אָבער געשטאַנען אַ פּאָליציסט. אָנגעלענט ביי דער וואַנט. קענטיק, זייער מיד. די אויגן־דעקלעך צוגעמאַכט. און קעגן אים, פּונקט קעגן אים, אַזאַ ברייטע, ליידיקע באַנק, אונטער אַ דעכל, געשיצט פון רעגן.

דער פּאָליציי־מאַן האָט דערשפּירט די בליקן אויף זיך און אויפגעעפנט די אויגן. ער האָט אויפגעציטערט. אפשר געמיינט, אַז עמיצער פון די העכערע האָט אים דערזען אַ שלאָפנדיקן? נאָר דערזעענדיק דעם אומבאַקאַנטן, האָט ער אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס. האָט דער אומבאַקאַנטער זיך דערשפּירט אומהיימלעך און אַוועק פון טויער. נאָר אין גאַנצן אַוועק איז ער נישט. די מידקייט איז אים ווידער באַפאַלן. די פיס אונטער אים האָבן זיך געבראָכן. דער גאַנצער קערפּער ווי אַ בינטל ביינער, וועלכע זיינען קוים־קוים צוזאַמענגעטשעפּעט. האָט ער זיך צוגעזעצט אויף דער שוועל פון דערבייאיקן הויז, פּאַמעלעכקע אויסגעצויגן די פיס, ווי אַן אַלטיטשקער ווען די פיס דינען שוין נישט,

די פּלייצע איז ווינקל אָנגעשפּאַרט און דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט צו דער ברוסט צו.

איז צוגעקומען דער אַגענט. געווען נייגעריק אָנצוקוקן, ווער דאָס איז דער, צוליב וועמען ער האָט זיך עס אַזוי דערשראָקן.

— איז דאָ אַן אָרט צו זיצן? — האָט ער אַ פרעג־געטאָן נאָכן אָנקוקן דעם פרעמדן מענטשן.

דער מאַן האָט אויפגעהויבן דאָס טונקל־פאַרגעלטע פּנים, געקוקט מיט האַלב־פאַרשמורעטע שלעפעריקע אייגן און שטיל געענטפערט, לאַנגזאַם, מיט אָפּגעריסענע ווערטער:

— נישטאָ קיין כוח. גאַנץ איינפאַך. נישטאָ קיין כוח מער צו גיין.

— איך האָב אייך נישט געפרעגט, צי איר האָט כוח! — האָט דער פּאָליציי־מאַן אויפגעהויבן די שטימע — איר ענטפערט נישט צו דער זאַך.

— זאַך... וועלכע זאַך? יעדער האָט זיין זאַך...

— וואָס?

— אַט־אַ־דאָס! יעדער האָט זיין שפּראַך...

— וואָס? רעדט, מען זאָל אייך פאַרשטיין!

— וואָס? וואָס? איך וויל, מען זאָל מיך אַריינגעמען אי־נעווייניק, אַריינעמען... גאַנץ איינפאַך.

דער פּאָליציי־מאַן האָט נישט פאַרשטאַנען.

— ענטפערט אויף וואָס איך פרעג אייך! — ער איז גע־וואָרן אומגעדולדיק — איר ווייסט, וואָס עס געפינט זיך אין דעם הויז?

דער מידער מענטש האָט זיך געפּוילט צו ענטפערן. ער האָט געקוקט צום פּאָליציסט אַרויפצו, אָבער די אויגן זיינע האָבן זיך געקלעפּט, דאָס מויל קוים זיך געעפנט. עטוואָס. עס האָבן זיך באַוויזן פאַרדאַרטע ליפּן.

— איר פאַרשטייט? — דער אַגענט האָט אַ טרייסל־גע־טאָן דעם מאַן מיטן טונקל־געלן פּנים, אַ טרייסל־געטאָן ביי די קני, וועקנדיק אים — דאָ איז נישט קיין האָטעל! פאַר־שטאַנען? גייט פון דאַנען! געגאַנגען!!

דער פרעמדער האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט דעם שלאָף, ווי מען טרייסלט זיך אָפּ פון אָנגערעגנטן וואַסער איידער מ׳גייט אַריין אין אַ טרוקענער שטוב, און שטיל געפרעגט:

— פון דעסטוועגן... וואָס אַרט אייך, אַז איך זיץ און פאַרוואָס זאָלט איר מיך נישט אַריינלאָזן אינעווייניק? פאַר־וואָס זאָלט איר מיר נישט לאָזן זיך אַוועקלייגן אויף דער באַנק? וואָס טויגן אייך ליידיקע בענק?

— וואָסערע בענק?

— נישט קיין בענק מיט געלט! איך מיין די פּראָסטע, הילצערנע באַנק...

— עפּעס אַ גאַנצער פילאָזאָף!...

— איך ווייס נישט, וואָס דאָס הייסט, סעניאָר. איך ווייס נאָר, אַז איך וויל שלאָפן, שלאָפן, און דאָס אַלץ. איר ווילט דאָך אויך שלאָפן! איך זע דאָך. לאָזט־זשע מ י ר און איך וועל א י י ך לאָזן!

די לעצטע ווערטער האָבן אויפגערעגט דעם פּאָליציי־מאַן, ווי מ'וואָלט אים באַליידיקט מיטן אויפדעקן זיינע געדאַנ־קען, און ער איז געוואָרן שטרענגער:

— נו, אָן פילאָזאָפיעס! גייט פון דאַנען!

— וואוהין?

— אהיים.

— איך האָב נישט קיין היים.

— טאָ וואָס קען איך אייך טאָן?

דער מאַן מיטן טונקל־געלן פּנים האָט נאָכאַמאָל אָפּגע־טרייסלט דעם באַפאַלנדיקן שלאָף און געבעטן:

— סעניאָר, זייט ניט קיין שלעכטער... טוט וואָס איר ווילט, נאָר נעמט מיך אַריין! מ'גיט אויך אינעווייניק עסן?

— גוטער ברודער, — האָט דער פּאָליציסט געזאָגט מיט זיכערקייט, ווי אַ קענער אויף אַזעלכע זאַכן —, וויפל גלע־זער ריידן פון אייך אַרויס?

דער מידער מענטש האָט נישט געענטפערט גלייך אויף די לעצטע ווערטער, געוואַרט, און אין אַ ווײַלע אַרום, ווי באַדענקענדיק זיך, געזאָגט:

— יאָ, כ'האָב מיך אָנגעזויפט... שיכור... נו? טאָ פאַר־וואָס אַרעסטירט איר מיך נישט? איר היט דאָך די אָנ־שטענדיקייט!

— איר ווילט דווקא? וויל איך אייך דווקא נישט אָנטאָן דאָס פאַרגעניגן. בע, אַז אַרימער טייוול! איר וועט זיך אויסשלאָפן און ס'וועט אייך אַריבערגיין.

— אַריבערגיין... ע! און וואָס, אַ שטיינער, דאַרף איך טאָן, אַז מ'זאָל מיך יאָ אַרעסטירן?

דער פּאָליציי־מאַן האָט אַ טראַכט־געטאָן: „דער מענטש איז נישט אין אָרדנונג". נאָר פאַר אים האָט ער זיך באַנוגנט מיטן זאָגן:

— טראָגט אייך אָפּ! נו, שנעלער!

דער מאַן האָט זיך אָבער איינגעעקשנט:

— און אַז איך וועל אייך שלאָגן, וועט איר מיך אַרעסטירן?

דער אַגענט האָט געמאַכט אַ שפּרייז, אָנגענומען דעם צוזאַמענגעבראָכענעם מאַן, אים אַ דריק־געטאָן פאַרן אָרעם, אַז ער זאָל זיך מוזן אויפהייבן און אים גענומען אַראָפּשטויסן פון טראָטואַר.

— סעניאָאָר! — האָט דער מידער מענטש זיך געבעטן, ווי אַ בעטלער וועלכער שטייט צו עמיצן צו נאָך אַ נדבה — פאַרוואָס אַרעסטירט איר מיך נישט? איך בין טויט־שלעפעריק און די גאַסן זיינען פול מיט בלאָטע.

— מאַרש! — דער אַגענט האָט נישט געוואָלט הערן — דער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט איז נישט קיין האָטעל!

— אָבער, סעניאָר, וואו איז יושר?

— יושר? אַ פאַרברעכער לערנט מען יושר.

— טאָ לערנט מ י ך ! אַרעסטירט מיך!

— איר זייט גיט קיין פאַרברעכער!

— יאָ, איך בין יאָ אַ פאַרברעכער!

— איר זיינט נישט ביים זינען און דאָס איז אַלץ.

— און איך זאָג אייך: אַ פאַרברעכער!

— מיט וואָס?

— שוין צוויי טעג נישט געהאַט קיין ביסן אין מויל: איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן? חדשים לאַנג נישט דורכגעשלאָפן זיך אַ נאַכט: איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן? אַרעסטאַנטן אין די טורמעס, אַז זיי ווילן פאַסטן, צווינגט

מען זיי צו עסן: פאַרוואָס־זשע האַלט מען מיך נישט ווי־ ניקסטנס ווי אַן אַרעסטאַנט? אַרעסטירט־זשע מיך און איר וועט מיר געבן ברויט מיט יושר, צו שלאָפן מיט יושר, יושר, גאָר ווי מ׳וויל דאָרטן!... אַז איך וואַרף זיך אונטער!

— וואָס? א י ר זיינט א פאַרברעכער?

— יאָ, איך בין אַ פאַרברעכער! אַ פאַרברעכער קעגן מיי־ נע קישקעס, וועלכע שרייען, פאָדערן עסן, און איך לאָז זיי פאַרדאַרט ווערן... איז דאָס אַ קליין פאַרברעכן?

דער פאָליציי־אַגענט האָט געוואָלט זאָגן:

— הונגערן איז נישט קיין פאַרברעכן.

נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און די ווערטער אַרויס־ געבראַכט בלויז אין זיך. און אין דער הייך געזאָגט:

— סעניאָר, איר זיינט נישט ביים זינען.

דער מידער מענטש האָט מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ גלייך־ אויס, ווי ער וואָלט גאָר נישט מיד געווען, און דעם פאָלי־ ציסט אין פנים אַריינגעשריען:

— א י ר זיינט משוגע און נישט איך!

— אַזוי גאָר? — איז דער אַגענט געוואָרן שטרענג — זיינט איר, הייסט עס, אַ געפערלעכער פאַרשוין? איז אויב אַזוי, איז נו, געגאַנגען!

— מיט פאַרגעניגן! איר דאַרפט מיך נישט שלעפן, ב׳וועל אַליין גיין.

— איך זיינט אַרעסטירט.

— מיט פאַרגעניגן. אַ דאַנק!

אַ פאָליציי־אינספּעקטאָר איז אָנגעקומען אין טויער. דער אַגענט האָט אויפגעהויבן אַ פינגער צו דער שלייף, גע־ מאַכט אַ סימן פון בויערן, ווי עס וואָלט דעם פרעמדן מאַן געבויערט אין קאָפּ, און צוגעגעבן:

— נישט ביים זינען.

דער אינספּעקטאָר האָט אָנגעקוקט דעם הילוך פון אַרעס־ טירטן און געפרעגט:

— אויפגעהויבן אַ האַנט?

— נאָר געוואָלט...

— טאָ לאָזט אים אָפּ! עס פעלן משוגעים? נישטאָ קיין געלט זיי צו געבן עסן אין שפּיטאָל. באַלד שוין דאָ מער משוגעים ווי געזונטע!

דער פּאָליציי־אַגענט איז ווייכער געוואָרן, האָט רחמנות־דיק אָנגענומען דעם מידן מענטשן, וואָס איז פאַר אים שוין געווען באַקאַנט, אים אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער גאַס, אַרויסגעפירט פון טויער און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, באַדויערנדיק:

— באַלד שוין דאָ מער משוגעים ווי געזונטע...

אין פלאַמען

ער האָט אויסגעזען ווי אַ צעפלאַקערטער בוים מיט ברייט־צעלאָזטע צווייגן. פייער־צונגען האָבן געלעקט זיין קערפּער. זיינע האָר האָבן זיך געטרייסלט, ווי בלעטער אויפן ווינט, און די גלידער זיך געראַנגלט אין קאַנוואַלסיעס מיט די לעצטע געשרייען פון לעבן — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אין יודלס אויגן האָבן זיך געלאָשן די פייערלעך און די הענט אַראָפּגעלאָזט.

ווי טוי־טראָפּנס אויף דער קעלט, אַזוי זיינען אין יודלען איינגעפראָרן די האָפענונגען און צווייפל, און ווי זשאַווער געגעסן דאָס האַרץ. וויפל איז דען אַ שיעור צו גלויבן און דערוואַרטן? אַזוי פיל יאָרן שוין אַריבער און גאָרנישט. אַ טוץ יאָרן. ס'ווייב און די קינדער אין דער אַלטער היים זיינען מיט אַ טוץ יאָרן עלטער געוואָרן. אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג! ער האָט זיך שוין געשעמט פאַר די יאָרן. זיך געשעמט צו שרייבן ווייב־און־קינדער שטענדיק די זעלביקע רייד מיט די זעלביקע צוזאָגעכצן, אַז ער וועט זיי אַראָפּברענגען צו זיך, ווי נאָר ער וועט קענען. ווי לאַנג איז דער שיעור צו־צוזאָגן? האָבן אים די קינדער געפּיקט, הלמאי ער שיקט זיי דערווייל אַזוי ווייניק אויפן לעבן. אַלע אַנדערע שיקן מער, נאָר ער אַליין שיקט אַזוי ווייניק. אַלע אַנדערע האָבן פון לאַנג שוין אַראָפּגענומען זייערע פאַמיליעס, נישט בלויז ווייב־און־קינדער, נאָר אַפילו ווייטערע קרובים, בלויז ער איינער איז דער אויסנאַם. פאַרוואָס? האָט ער זיך געשעמט אויסצוהערן די קלאָג־רייד פון די צוויי דערוואַקסענע טעכ־טער:

— אַ פּיגצטערע בושה פאַר מענטשן, אַז אַן אַמעריקאַנער טאַטע זאָל לאָזן הונגערן זיינע קינדער מיט דער מאַמען!

זיי האָבן געשריבן, די קינדער, ווי דאָס שטעטל קוקט אויף זיי און באַרעדט זיי. מער ווי די נויט פּייניקן די שכנישע מיילער. מ'טייטלט מיט די פינגער אויף די צוויי דערוואַקסענע טעכטער:

—שפּילט אַ ראָלע אין אַמעריקע, אַריינצושיקן אַ פּאָר טאָלער? איז נישט אַנדערש, אַז ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדערע... אַ שיין פּנים האָט ביי זיי, אין אַמעריקע, אַן אַלט ווייב מיט גרויסע קינדער! קענען נישט געפינען קיין יינגערע, קיין שענערע?

די דאָזיקע ווערטער האָבן יודלען פון אָנהייב געשטאָכן, ווי שפּילקעס. נאָך אַזאַ בריוו האָט ער זיך נאָכדעם קיין אָרט נישט געפונען. נאָר אויך צו דעם האָט ער זיך בײַס־לעכווייז צוגעוואוינט, אויסטענהנדיק זיך מיט זיך אַליין:

— איז ער דען אַ שלעכטער טאַטע? ער האָט און וויל זיי נישט געבן? וואָס? שניידט ער דען נישט אָפּ פון זיך אַ פּאַס, אַבי זיי צו שיקן אויף לעבן?

נאָך אַזאַ אויסטענהן זיך איז ער געקומען צום אויספיר, אַז סוף־כל־סוף קען מען אויף זיי, אין דער אַלטער היים, קיין פאַראיבל נישט האָבן:

— אַלע מיינען זיי דאָרט, אַז אין אַמעריקע שאַרט מען נאָלד אין די גאַסן. אַ קלייניקייט: אַמעריקע!

דערצו איז אַנדערע, טאַקע פון דעם זעלביקן שטעטל, גוט אוועק אין דעם נייעם לאַנד. מ'האָט פון זיי ווייניקער גע־האַלטן ווי פון אים און דאָך האָבן זיי שנעל זיך אַרויפגע־אַרבעט און אַראָפּגענומען די פאַמיליעס. האָבן זיי צו דעם זיך צוגעקוקט. ס'ווייב מיט די קינדער און אַלע פון שטעטל דאָרטן, און געוויכ זיך געוואונדערט:

— וואָס זאָל עס זיין מיט דעם יודלען? אַלע ווערן דאָרטן אויפגעריכט, נאָר ער איינער קען נישט...

האָט יודל געטראַכט, אַז מ'קען איבעריקנס קיין פאַראיבל נישט האָבן אויפן הויזגעזינט, וואָס זיי זיינען אַזוי פאַר־בימערט:

— אַז די צרות ריידן פון זיי אַרויס! אוודאי וואָלטן זיי

געוואַלט, דער טאַטע זאָל זיי מאַכן פאַר מענטשן... אַ צו־קונפט... חתונה־מאַכן... איז דען אַן עוולה?

אַלע זיינע חלומות זיינען אָבער אויסגערונען אין דער טוץ יאָרן. וואָס ער האָט געפּרואווט, איז אים נישט גע־ראָטן. ער איז שטענדיק געבליבן אונטערוועגנס. געפּלאָנט, געאַרבעט, געהאַנדלט און זיך נישט געקענט אַרויסאַרבעטן, בלייבנדיק מיטן בּיסן ניט צו דער זעט.

אַרומפאָרנדיק מיטן וועגל בּרויט איבער די גאַסן, האָט ער אַזוי צעפּירט זיינע טעג, חדשים און יאָרן. געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט ווייב און קינדער אויפן אָרט, וואָלט ער זיך געקענט טיילן מיטן מאָגערן בּרויט. נאָר ווי נעמט מען זיי אַריבער?

— שיפסקאַרטן פון פּוילן קאָסט דאָך אַ ים מיט געלט! פון וואַנען נעמט מען אַזוי פיל געלט?

ער איז געגאַנגען צו מענטשן, אָפּגעטראָטן און אָפּגעריבן שוועלן פון אינסטיטוציעס. און גאָרנישט. אַ קליינע הילף וואָלט ער געקענט קריגן, אָבער נישט אַזאַ גרויסע, ווי ער האָט באַדאַרפט. מ'האָט אים דערקלערט:

— מ'פאַרשטייט: אַ נדבה... אַ קליינע הלוואה... מאַ! זיינען מיר דאָך עפּעס יידן! אָבער געבן געלט אויף אַראָפּ־נעמען אַ פאַמיליע פון פיר מענטשן, ווער קען עס געבן אַ פרעמדן מענטשן? ס'איז דאָך אַ פאַרמעגן!

— מאָלט אייך, — האָט יידל איין מאָל געפּרואווט אַ זאָג־טאָן —, אַז מ'האָט געמאַכט אויף מיין פאַמיליע אַ פּאָ־גראָם... וואָלט איר זיי דעמאָלט געהאָלפן אַרויספאָרן?

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן! — האָט מען אים גע־ענטפערט אין דער אינסטיטוציע — אַ שיינער פאַרגלייך! וואָס איז וויכטיקער: אַרויסראַטעווען מענטשן פון די הענט פון פּאָגראָמשטשיקעס אָדער ברענגען אַ ווייב צו איר מאַן?

אין יודלען האָט געקאָכט דאָס בלוט, פון אויפרעגונג, עלנט און באַליידיקונג. דאָך האָט ער זיך באַהערשט און פאַרשוויגן, טראַכטנדיק, אַז די אינסטיטוציעס זיינען באַ־שאַפן געוואָרן, ניט אַזוי צו העלפן נויטליידנדיקע, ווי צו געבן פאַר זאַטע אַ פּלאַץ אויף צו קהלן זיך און זאָגן אַ דעה. ווען ער האָט איבערגעלייגט די געדאַנקען, זייענדיק ביי זיך אין צימערל, איז ער אַפילו געקומען צום אויספיר, אַז

אזוינע פאריינען זיינע בבלל איבעריק, צומאָל שעדלעך, ווייל זיי גאָרן אָפּ מענטשן, וועלכע ריידן זיך איין האָפ־נונגען. די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אין אַ סך נעכט אויפגע־געסן זיין שלאָף און צערייצט זיין רו.

אַז די דאגות האָבן גענומען אויפעסן זיין שלאָף ביינאַכט און צערייצן די רו ביי טאָג, האָט די צייט אָנגעהויבן שווינד־לען פאַר זיינע אויגן. פון אָנפאַנג האָט ער אויסגעשטעלט די האָפנונגען אויף וואָכן, גאָכדעם אויף מאָנאַטן, שפּעטער אויף יאָרן.

אין אַ טאָג, קומענדיק אַהיים אַ צעברימטער פון דער גליענדיקער זון און טרעפנדיק אויפן טישל אַ נייעם בריוו, האָט ער אַ מאַך־געטאָן כעסדיק מיט דער האַנט, גלייך ווי דאָס פּאַפּיר וואָלט געווען שולדיק אין זיין אומגליק. ער האָט אויסגעמיטן דאָס טישל, ווי מען מיידט אויס אַ גע־פערלעכן הונט, און אָנגעטועגערהייט זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן צעקנאָדערטן בעטגעוואַנט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, אָבער דאָך קלאָר געזען די ווערטער, וואָס דאָס ווייב האָט אים געשריבן אין אַ פריערדיקן בריוו. „נישט אַנ־דערש״, האָבן אירע ווערטער אַרויסגעשריען פון פּאַפּיר, „נאָר דו האָסט זיך דאָרטן זניובעט מיט אַן אַנדערער און פאַרגעסן אין מיר און אין די קינדער. מיר זעען, ווי די גאַנצע וועלט מענער נעמען אַראָפּ ווייב און קינדער, נאָר דו איינער האָלסט אין איין שיקן תירוצים״...

איז יודל געלעגן אויפן בעט ווי אַ צעהרגעטער שיכור און די ווערטער זיינען אויף אים געפאַלן ווי שטיינער. די משא איז אויף אים געוואָרן אַלץ־שווערער און די קופּע גרעסער. אין זיין קערפּער האָט זיך אָנגעצונדן פיבער און געפּרואווט אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערקייט, אָבער אוממעגלעך. די ווענט האָבן זיך אַרום אים געדרייט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ, אים צוגעדריקט און צעקוועטשט.

פאַרטאָג האָט דער וועק־זייגער אים אַראָפּגעשלעפּט פון געלעגער. ער איז אויפגעשטאַנען מיט בליי אין די גלידער און אַרוים אין הויף. גייענדיק צום שטעלכל, וואו דאָס פערד איז געשטאַנען, האָט ער דערזען אַ בלעך נאַפט. זיי־נע אויגן האָבן צוגעשלעפּט דעם קערפּער און די הענט אַראָפּגעשלעפּט צו דער בלעך.

ער איז מיט דער משא אריין אין צימער. אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. זיך איינגעקוקט, ווי דאָס קליינטשיק קעפּעלע חלב צעווארימט זיך ארום ברענענדיקן שטעקעלע. געווארט ביזן לעצטן צאַפּל פון פלעמעלע און ביים לעצטן פונק עס אַראָפּגעוואָרפן אין דער בלעך נאַפט.

יודל האָט באַלד אויסגעזען ווי אַ צעפלאַקערטער בוים מיט צעוויגטע צווייגן, וואָס בייגן זיך צו דער ערד אונטער דער בייזער לאַסט פון שטורעמווינט — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אין עטלעכע טעג ארום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אַ באַנק מיט אַן אָנפראַגע, פאַרוואָס יודל איז נישט געקומען אָפּנעמען די שיפסקאַרטן און דאָס געלט, וואָס אַ קרוב האָט אים צוגעשיקט, ווען וואָס זיי האָבן אים שוין געמאָלדן מיט עטלעכע טעג צוריק אין אַ ספּעציעלן בריוו.

◆

IV

פֿונקען

געוויסן

אַ גליקלעכער

פֿאַר פֿרעמדע ציין

יוֹשר

פֿאַרוואָס באַלייִדיקט איר?

דער וועג צום דערפֿאָלג

פֿון אַלע גליקן

גרויסע אויגן

ווי פֿאַר וועמען

צוויי

מזל

קאַמף

יאָ און ניין

נאָך יום־טובֿ

בילדער אויפֿן קאָפּ

פּונקען

אַ דריבנער, לאַנגווייליקער רעגן פּייקלט שטיל אין בלעכענעם דאַך, גליטשט זיך אַראָפּ פון די זייטן־רינעס און שפּריצט אַריין אין קאַמער, וואו עס טריפן פון די ווענט טראָפּנס פון אָנגעזאַמלטן נעפּל. די עלעקטרישע לעמפּלעך, איינגעהילטע אין דומפּיקער פּאַרע, שפּרייטן פּוילבלעך אַרום זיך טונקעלן ליכט, זויגן שלעפּעריק די דיקע, נאַכטישע פינצטערניש און באַלייכטן בלייך די שוואַרצע, אייזערנע מאַשינען, וואָס לאָזן פון זיך אַרויס שווערע, שטומפּיקע ציין־קריצעניש. פאַרגעלבטע פּנימער יאָגן נאָך מיט פאַרגליווערטע אויגן אייזערנע קעפּלעך און די אייזערנע קעפּלעך שאַרן זיך געשווינד, מיט קראַנצנדיקער טעמפּקייט, איבער די קאַם־שינעס, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. מיט יעדן שאַר פון אייזערנעם קעפּל שפּרינגט אַרויס פון הויכן קלעצל אַ לאַנגער פּאָדים, שלייפלט זיך אַריין אין די אַרויסשטאַרצנדיקע נאָדלען און באַלד רוקט זיך אַראָפּ פון אונטער דער מאַשין נאָך אַ שטיקל אויסגעשטריקטער געוואַנט. דער פּאָדים שפּרינגט קונציק און די קלעצלעך ווערן נאָכאַנאַנד איינגעשרומפּן און געוואַנט ציט זיך אַראָפּ אונטערן טיש און לייגט זיך אויס אין אַ בערגל. העגט און פינגער לויפן דורך, וויקלען, בינדן איבער פעדים, איין מאָל און צען מאָל, שטעלן איבער די געוויכטער, ווען זיי זעצן זיך אַראָפּ אויף דר'ערד, און די אייזערנע קעפּלעך קריצן ווייטער טעמפּ איבער די שטאָלענע ציינער, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. און קריצן אויס אַ מוזיק פון שטאָל און פון אייזן.

דער זייגער פון דערבייאיקן קלויסטער קלינגט צוועלף.

שטיל אויף די גאַסן. נישט קיין טריט. בלויז הינט און קעץ רייסן איבער וועג־נישט־וועגן די שטילקייט, צערייסן די רו מיט אַן אומעטיקן בילן און מיאַוקען אין דער נאַכט אַריין און ווערן איינגעשטילט. נאָר די שטומפּיקע ציין־קריצעניש פון די מאַשינען זייַנען פאַרביסן, ווילן נישט אַנטשווייגן ווערן, ווי זיי וואָלטן זיך גערייצט מיט דער שווערער מי אין דער נאַכט, אין נעפּל, אין רו.

אין ווינקל שטעלט זיך אַ הויכע פיגור. קוקט מיט האַלב־אָפענע, גלייכגילטיקע אויגן און אָנגעשטרענגטן שטערן. קוקט אויפן טאַנצנדיקן פאָדים. אין ביידע דלאָניעס די הענטלעך פון דער שטאַנג. שטייט שווייגנדיק און אומבאַ־וועגלעך.

דער יונג צאַפּלט אויף, גיט אַ יאָג די שטאַנג. די מאַשין הייבט אָן קריצן איבער די שינעס. דער פאָדים נעמט שווינדלענדיק שפּרינגען אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, און געשטריקט געוואַנט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דר׳ערד. דאָס קלעצל ווערט איינגעשרומפּן, איינגעשרומפּענער, ביז דער לעצטער שפּיץ פאָדים שפּרינגט אַראָפּ און טאַנצט אַריין אין די נאָדלען. די מאַשין לאָזט אַרויס אַ שווערן קרעכץ און פאַרהאַקט זיך מיט אַ טויבן זעץ.

קעפּ הייבן זיך אויף. יונגען קוועטשן מיט די פּלייצעס, קוקן מיט מיטגעפיל, ווי עס גייט נישט דעם שכן אין דער אַרבעט, און זיי גייען צו אים צו.

— וואָס איז מיט דיר, בערל?

— עפּעס פאַלט דיר היינט אַלץ פון די הענט!

— באַלד נאָך דער חתונה — גיט איינער שעלמיש זיך אַ ווייצל — גייט נישט אַזוי אין דער אַרבעט... איאָ?

בערל מעסט אָפּ די חברים מיט גלייכגילטיקע אויגן און ענטפערט נישט.

ער שטייט אַ ווײַלע. בייגט זיך נאָכדעם ראַפּטעם איין, פּעדימט אייַן מיט דער זעלביקער גלייכגילטיקייט אויפסניי, הענגט אויף געוויכטער און נעמט טרייבן די שטאַנג. גלאַנ־ציקע פעדים טאַנצן. די פעדים דרייען זיך און פאַרשיידנ־קאָלירקע פייער־פונקען בליצן אויף, מישן זיך איינע אין די אַנדערע און שפּילנדיק שיטן זיי זיך אַראָפּ. די פעדים גלאַנצן און גיסן זיך צונויף מיטן ליכט פון די הענגענדיקע

לעמפּלעך, וואָס איבער די טישן. ווערט דאָס ליכט צע־טיילט אין ליכטעלעך און פייערלעך, און אַלע שיטן זיך אריין גלייך אין די אויגן, בלענדן, בריען און שווינדלען אין מוח.

בעריש שטייט אַ צעמישטער פון דער בלענדעניש. ער פילט, ווי ער וואָלט איינגעדרימלט. דאָס ליכט שפּריצט אויף אים ווי פייערווערק. און אין דעם געדיכטן אָנגעלאָף פון פונקען בלאַנדזשען צוויי גרויסע, מילדע, פארבענקטע און אָנגעצונדענע אויגן. די אויגן רופן, וואַרטן, גלעטן און צינדן דעם מוח. פון אָנהייב אַ פלעמל. דאָס פלעמל לאָזט אַרויס לאַנגע און שמאָלע צונגען. און די פייער־צונגען כאַ־פּן־ארום אייפעריק דאָס גאַנצע לייב, די הענט, די פיס און נעמען בריען, ברענען.

אַ נייער כריפּ. אַ ווילדע ציין־קריצעניש. און אַ טעמפּער זעץ. די מאַשין האָט זיך רציחהדיק פארהאַקט און די גע־וויכטער זיינען ווידער אַראָפּגעפאַלן מיט אַ טויבן קלאַפּ אויף דר׳ערד.

בעריש ציטערט־אויף. דאָס האַרץ רייסט זיך אין אים אָפּ. עס אַרט אים מער ווי אַלץ דער קלאַפּ. וואָלט עס כאָטש נישט געקלאַפּט! צו וואָס דאַרפן אַנדערע וויסן, אַז ער שטייט ביי דער מאַשין ווי אַ גולם?

— בעריש, — ווענדן זיך צו אים חברים, שכנים ביי די מאַשינען, — אפשר ביסטו קראַנק?

בערל ענטפערט נישט. ער קוקט אויף זיי און ווייסט נישט, וואָס ווילן זיי פון אים. ער זעט אָבער, אַז זיי גייען נישט אַוועק און ווילן אומבאַדינגט אַן ענטפער. פארענט־פערט ער זיך:

— אַ שרעקלעכער קאָפּ־ווייטיק. מער גאָרנישט.

און שטעלט זיך ווידער ביי דער מאַשין. דאָס אייזן נעמט קריצן אויפן שטאָל און ווידער טאַנצן גלאַנציקע פעד־דים, באַשאָטענע מיט פארשיידנקאָליריקע, שפּילעוודיקע פונקען, און דאָס טונקעלע ליכט פון די פארנעפּלטע לעמפּ־לעך שווינדלען אין די אויגן מיט קופּעם פינקלענדיקע שפּריצן.

* *

*

די מאַשינען זיינען שטיל געוואָרן. די אַרבעטער זעצן זיך אויס צום עסן. אויף קופּקעס שמאַטעס זיצן זיי, מיט קני־ען אַרויסשטאַרצנדיקע און איינגעבויגענע פּלייצעס. אויגן־דעקלעך קלעפּן זיך. עס ווילט זיך שלאָפן. רעדט מען אומ־וויליק, מיד. נאָר עפּנדיק האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס פעלט בערל.

בערל איז נישט געווען.

מיט שטילע טריט האָט בערל זיך צוגעשלייכט צום אַרויס־גאַנג, מיט גנבישער פּאָרזיכטיקייט אויפגעריגלט די טיר און זיך אַרויסגעגליטשט אויף דער גאַס. און גענומען לויפן אויף דעם פּייכטן טראָטואַר, האַרט ביי די ווענט. ער האָט אפילו פאַרגעסן, אַז ער טראָגט אויף זיך דינע, בלויע הויזן און רעקל און צעריסענע שטעק־שיך.

*   *
*

דער הימל איז צוגעדעקט מיט געדיכטע בלייענע וואָלקנס. די לבנה און די שטערן באַהאַלטן זיך הינטער די כמאַרעס.

בערל קוקט צום פינצטערן פאַרהאָנגענעם הימל און דער־זעט דאָרטן, אין דער ווייט, צעשאָטענע ליכטיקע פונקען. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דר'ערד, אויף די אָפּגעשוואַרצטע טראָטואַרן, און אויך דאָ צעשפּילן זיך פּאָר זיינע אויגן, אין אַלע זייטן, רינגען פייערדיקע שפּריצן. זיי בלענדן די אויגן, אַזוי פיל זיינען זיי. פאַרמאַכט ער די אויגן און גייט פון ראָג ביז ראָג מיט פאַרמאַכטע אויגן. נאָר אויך איצטער, ווען ער האַלט די אויגן פאַרמאַכט, בלענדט אים אין די אוי־גן. פון די אַלע שפּריצן און פונקען ווערט איין גרויסער פייער־קראַנץ און אין דעם פלאַם, אין דער מיט, ליגט איינ־געראַמט זי, בלימעלע...

ערשט פיר טעג, אַז זי איז זיין ווייב, בלימעלע. נאָר, ווי אויף צו־להכעיס, ווי מ'וואָלט זיי בכיון געוואָלט צעשיידן, אַרבעט זי אין פאַבריק בייטאָג און ער מוז אַרבעטן ביי־נאַכט. איז זי ביינאַכט אַליין אין שטוב. וואָס טוט זי איצ־טער? געוויס זיצט זי אַצינד, בלימעלע, אויפן נייעם גע־לעגער און חלומט וועגן אים, בערלען. אירע האָר זיינען צעפּאַטלט, די ברוסטן אויפגעגאַנגען, ווי קנאָספּן נאָכן ערשטן זונען־קוש, און אונטערן האַרצן שטיקט אַ פאַרדראָס

ביז ווייטיק. זי ווייסט, אז איר בערל שטייט אַצינד ביי דער מאַשין, רייסט די עלנבויגנס אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, צען שעה נאָכאַנאַנד, צען שעה פון דער נאַכט. פון דער רו, פון גליק. עס פאַרדריקט אים ביים האַרצן. „פאַר־וואָס אַזוי?" — שרייט עס אין אַלע אירע גלידער. זי וויל צו עמיצן אויסלאָזן דעם פאַרדראָס. נאָר קיינער אין שטוב איז נישטאָ, בלויז זי אַליין. דערפילט זי זיך אָנמעכטיק, פאַלט מיטן קאָפּ אויפן קישן און עס קייקלען זיך אַראָפּ פון אירע באַקן טראָפּנס טרערן אויף דעם נייעם, פרישן גע־לעגער.

אין בערלען פאַרהאַקט זיך דער אָטעם. ער שטייט ביי דער טיר. איז צוגעלאָפן, ווי ער וואָלט זיך געאײַלט עמיצן ראַ־טעווען. ער האַלט שוין דעם שליסל אין האַנט, גרייט אַריינ־צושטעקן אין טיר. נאָר די האַנט פאַרהאַלט זיך. ער פילט, ווי עמיץ וואָלט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, און דער שליסל בלייבט שטעקן צווישן די פינגער. ער האָט זיך צו־געהערט. עס האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט אָנגעשמעלט דעם אויער צו הערן די שטימע אין זיך אַליין.

— און געלט? — האָט עמיץ אין אים געפּליסטערט און געשטאָכן אין די שלייפן, ווי ער זאָל צווינגען, מען זאָל אים אויסהערן — נאָך היינט גאָר נישט געאַרבעט! און חובות? חובות איבערן קאָפּ! און טאָמער לאָזט זיך אויס די אַר־בעט? טאָמער וועט מען טאַקע דערקלערן אַ שטרייק און מ'וועט נישט פאַרדינען אַ סענט?...

ער האָט געפילט, ווי מען וואָלט אים אָנגענומען פאַרן קאַרק און אָפּגעטרייסלט פון אַלע בענקענישן, ווי מ'וואָלט אים אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער, אין וועלכן ער האָט זיך געטרונקען. ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעוועקט, ווי מ'וואָלט אים אומגעריכט אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שעפל וואַסער. איצט האָט ער דערשפּירט, אַז ס'איז אים קאַלט, אַז אויפן לייב שלאָגט אַרויס אַ שוויים און די פיס זיינען דורכגע־נעצט.

— זאָל איך? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, כאָטש ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער וועט נישט אַריינגיין.

און, ווי צו דערמוטיקן זיך, האָט ער זיך אַליין אָפּ־געענטפערט:

— פארפאלן! מיר, ארבעטער, האָבן אַ סך עוולות. דאָס איז נישט די ערשטע און נישט די לעצטע. נישט פאַר אונדז זיינען סענטימענטן און בענקענישן! ס'וועט קומען אַ צייט... עס וועט קומען...

ער האָט זיך געפילט געטרייסט און איז נישט אריין.

ער האָט דעם שליסל צוריק אין קעשענע אריינגעלייגט און געמומען גיין, פויל און טרויעריק, פּאַמעלעך און דער־שלאָגן. ער איז געגאַנגען צוריק אין קאַמער, וואו די אייזערנע מאַשינען האָבן אויפן שטאָל געטריבן עקשנותדיק טעמפּע ציין־קריצענישן אין דער רואיקער נאַכט אריין.

ער האָט געקוקט אויפן פאַרוואָלקנטן הימל, ווי עס טריפן אַראָפּ דריבנינקע רעגן־טראָפּנדלעך און מישן זיך אוים מיט דער פוילער נעפּלדיקייט, און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער פאַרשטייט, פאַרוואָס די שטערן קענען נישט אַראָפּשיקן אויף דער ערד זייערע ליכטיקע פונקען.

געווים ן

די מאַמע אין איר האָט שוין מער נישט געוויינט, נאָר אין דער שטיל מלחמה־געהאַלטן פאַרבים ן מיט זיך אַליין. דער געדאַנק, אַז ווענן קינד מוז עפּעס געטאָן ווערן באַ־צייטנס, האָט איר נישט געלאָזט רוען, איז איר נאָכגעגאַנ־גען און זיך איינגעגעסן ווי אַ שאָטן. ביז זי איז צוגעוואוינט געוואָרן צו אים, אַזוי היימיש און צוגעלאָזן, אַז די שרעק האָט איר מער נישט געשראָקן און זי האָט מער נישט גע־פילט קיין באַדערפעניש אויפצודעקן איר צער און איר וויי.

זי האָט אַ סך מאָל געטראַכט, אַז ווען דאָס קינד גייט אַליין אוועק פון דער וועלט, וואָלט עס געווען אַ גליק פאַר זיי אַלעמען, אי פאַרן פּיצעלע קינד, אי פאַר טאַטע־מאַמע.

— וואָס קען דען דערוואַרטן אַ בלינד קינד? וואָס פאַר אַ צוקונפט?

וואָלטן זיי גבירים געווען, וואָלט נאָך געווען צו דער־ליידן. גבירים קענען באַזאָרגן ס'קינד מיט דינסטן און מיט עסן אַ גאַנץ לעבן. „מילא, אַ שטראָף פון גאָט!". וואָס קען מען מאַכן?

— אָבער, ביי קבצנים? וואָס פאַר אַ לעבן קען אַ בלינ־דער האָבן ביי אָרימע אַרבעטער? אַ בעטלער ווערן? איז נישט אַ מצווה אַזאַ קאַליקע קליינערהייט צו דערשטיקן?

פון דעסטוועגן, כאָטש די שרעק פון די געדאַנקען האָט איר מער נישט געשראָקן, האָט זי מורא־געהאַט אַרויסצו־זאָגן זיי פאַר כוואַנען. ער, כואַן, וואָלט געווים אויפגע־שפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער. ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט איר געזאָגט? ער וואָלט אפשר נישט געקאָנט באַהערשן די הענט און זי געשלאָגן, פאַר אַזעלכע געדאַנקען, כאָטש זי האָט געפילט, אַז אים בויערן אויך די זעלביקע געדאַנקען. ער האָט אָבער ס'קינד ליב־געהאַט, אַזוי ווי עס איז. מיט צעפלאַמטע אויגן האָט ער געקוקט אויפן וויגעלע. די אויפ־

געלויכטענע פרייד האָט פאַרדעקט דעם צער און זיך גע־צאַפּלט, ווי אַ זונענשטראַל וואָס אַ וואָלקן וויל פאַרהענגען. די בענקשאַפט נאָך אַ קינד האָט אַרויפגעקלעטערט איבערן צער, וואָס דאָס קינד איז געווען מיט ווייסע דעקלעך אויף די אויגן. אויך אויף דעם האָט ער לאַנג געוואַרט, לאַנג. זי, כ'ווייב, האָט עטלעכע מאָל נישט אויסגעטראָגן. אַ סך מאָל געמפּילט און איין מאָל, אַז זי האָט שוין יאָ אויסגעטראָגן ציטערדיק, איז געבוירן געוואָרן אַ טויט קינד. איז די האָפ־נונג ביי זיי אויסגערונען געוואָרן. אין די נעכט דעם שלאָף פאַרלוירן. געלעגן מיט פאַרדראָס, אָנגעברוגזטע, פּונקט ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט זיכער־געווען, אַז דער אַנדע־רער איז שולדיק אינם פינצטערן מזל. שוין געווען ביי זיי צען יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינד איז נישט געווען, כאָטש זיי האָבן דורך אַ סך נעכט געשוימט מיט בריענדיקע ליפּן אין גערייד וועגן אַ קינד, אין ווילד־צעקאָכטער אומ־אָרעמונג. נאָכדעם זיינען זיי געגאַנגען צו דאָקטוירים. זי איז געלעגן אין שפּיטאָל. און גראָד דעמאָלט, ווען די האָפ־נונגען זיינען אין זיי שוין געווען אויסגעלאָשן, האָט זי אים אָנגעזאָגט, כואַנען:

— ווייסט, כואַן? יאָ...

— טאַקע? — איז כואַן אויפגעשפּרונגען און געוואָלט איר אָנכאַפּן און זיך אוועקלאָזן אין אַ טענצל — וואָס רעדסטו?

ער איז דעמאָלט געוואָרן, כואַן, ווי אַ פּיצל קינד. ער האָט אַלעמען צעטראָגן די בשורה, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך ריינוואַשן פאַר מענטשן, ווי ער וואָלט שולדיק געווען מענטשן אַ פאַרענטפערונג:

— איר מעגט מיר אָפּגעבן מזל־טוב!

— וואָס רעדט איר? — האָבן מענטשן זיך געוואונדערט

— טאַקע אויף אַן אמתן?

— נאָר וואָס האָט איר געמיינט? — האָט כואַן שטאָל־צירט — מיט וואָס בין איך ערגער פון אַנדערע? פאַר אַזאַ שלימזל האַלט איר מיך?

אָט אין יענעם טאָג האָט כואַן נישט געקאָנט איינשטיין ביי דער אַרבעט אין פאַבריק. ער האָט יעדע ווײַלע פאַר־

לוירן „אויגן" און די מאַשין האָט זיך פאַרקלאַפּט. דער מייס־טער, צו וועמען ער איז געגאַנגען נאָך נייע נאָדלען, האָט אים אין דער אַנוועזנהייט פון באַלעבאָס אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי און געפרעגט:

— וואָס איז עם מיט אייך? די לעצטע טעג, דאַכט זיך, האָט איר פאַרגעסן, אַז נאָדלען קאָסטן געלט און נייע שי־נעס קריגט מען אויך נישט אומזיסט! איר מיינט אפשר, אַז מיר גנבענען?

— איך... — האָט כּוען געשטאַמלט — מיין ווייב איז געלעגן־געוואָרן... צען יאָר...

— נו, — האָט דער מייסטער איבערגעשלאָגן, — און אַז אייער ווייב איז געלעגן־געוואָרן, דאַרפט איר דערפאַר ברע־כן נאָדלען און אַ תּל־מאַכן פון דער מאַשין?

אין שטוב, זיצנדיק אויפן ברעג בעט און אַריינקוקנדיק אין קינד, וואָס איז געלעגן צוגעטוליעט צו דער מאַמעס ברוסט, האָט כּוען אַ סך מאָל איבערדערציילט פאַרן ווייב און זיך פאַר איר באַרימט, אַז אין יענער מינוט איז ער גרייט געווען אָנצושפּייען דעם מייסטער אין פּנים אַריין און אויסשרייען:

— קראַנק זיינט איר מיר אָפּצוגעבן מזל־טוב? וואָס, אַז דער באַלעבאָס שטייט שוין יאָ דערביי, דאַרפט איר זיך פאַר אים ווייזן פאַר אַזאַ שטרענגן צו די אַרבעטער, פאַר אַזאַ איבערגעגעבענעם, פאַר אַזאַ טרייען הונט?

ער האָט געזאָגט דעם ווייב, כּוען, אַז פאַר אַזאַ זאַך וואָלט אים נישט אויסגעמאַכט צו ליידן די גרעסטע שטראָף, אבי אָנצולערנען אַזאַ מענטשן. אפילו ווען ער זאָל דאַרפן פאַרלירן דעם פּאָסטן, וואָלט ער גרייט־געווען.

— איז דען דאָס קינד נישט ווערט אַ קרבן? און וואָס טוען דען נישט עלטערן פאַר אַ קינד? וויפל פּיין און חרפּות טראָגן עלטערן אַריבער צוליב אַ קינד?

נאָר שפּעטער, אין טעג אַרום, ווען ס'איז קלאָר־געוואָרן, אַז דאָס ניי־געבוירן קינד איז בלינד, איז די ליכטיקייט אַראָפּ פון כּוענס פּנים. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן ציי־מער ווי אַ ניט־אויסגעשלאָפענער און אָנגעזאָגט איז פאַב־ריק, אַז ער איז קראַנק. הערנדיק ס'ווייב וויינען און אויס־ריידן, פאַרוואָס דער הימל האָט איר נישט פאַרגונען ס'טראָ־

פעלע גליק און אזוי באשטראפט, האט זיך אים געוואלט פון ווייטיק זיך רייסן די האר פון קאפ. ער האט אבער נישט געוואלט איר נאכמער ערגערן און דערפאר זיך געהאמע־וועט, אריינגעלייגט א פארבויגענעם פינגער צווישן די ציי־נער און אים געביסן שטילנדיק דעם צער. ער איז פארביי־געגאנגען ס׳בעט און געוואלט איר עפעס זאגן, דעם ווייב, איינשטילן, טרייסטן, אבער דער האלדז איז געווען פול מיט טרוקעניש. איז ער אזוי אומגעגאנגען א סך מאל, ביז ער האט זיך צוגעזעצט אויפן ברעג בעט, גענומען גלעטן אירע האר, גרינג, פעדערדיק, ציטערדיק און, געבנדיק א קוש, געבעטן:

— קאטא... נו, וויין נישט, קאטא!... וואס איז דא צו מאכן? פארפאלן! נו, שא, שא! איידער אין גאנצן נישט האבן קיין קינד, זאל שוין זיין דאס, וואס מיר האבן... אפשר נאך דא א רעטונג... דאקטוירים... וואס קענען מיר וויסן?

און, אז דאס ווייב, אנשטאט זיך איינצושטילן, איז גאר אריין אין א שליוכצן מיט א שלוקעריץ, האט ער איר אנ־גענומען פאר די אקסלען, זיי צוגעדריקט און געבעטן:

— וויין נישט, טייערינקע! די מילך וועט ביי דיר נאך קאליע־ווערן און ס׳קינד וועט קראנק־ווערן. א שאד ס׳קינד! וואס איז עס שולדיק? ס׳איז דאך אזא שיין, אזא טייער קינד, כ׳לעבן...

נאר קאטא האט זיך נישט געקענט בארואיקן. ווען דאס וויינען האט זיך אין איר אויסגעטריקנט, איז זי געבליבן ליגן ווי א געליימטע, אבער אין איר אינעווייניק האט עפעס געציפט, ווי זי וואלט נאכאמאל א קינד געטראגן אונטערן הארצן און ס׳קינד וואלט זיך געווארפן. אירע אויגן זיינען געלעגן קאלט אויפן קינד, וואס האט זיך געטוליעט צו איר ברוסט, איינעסנדיק זיך מיט די יאסלעס, און געריסן דעם נאפל. זי האט געפילט, גלייך ווי א פרעמדער וואלט זיך אין איר איינגעגעסן און געריסן די ברוסט. עס האט איר אנגעהויבן פארדריסן און עקלען, וואס דער פרעמדער האט זיך אזוי צו איר צוגעטוליעט. ס׳קינד איז פאר איר איצט געווען, אי פרעמד, אי א שונא. עס איז אין איר דורכגע־

לאָפֿן אַ גערדאַנק, אַז זי האָדעוועט אַ שונא, קעגן זיך אַליין אַ שונא.

ווי מייזלעך זיינען די גערדאַנקען אַרומגעלאָפֿן אין איר קאָפּ. זיי האָבן איר נישט אַזוי געשראָקן, ווי זיי האָבן איר געעקלט. זיי זיינען אַרומגעלאָפֿן, אַרומגעשפּרונגען און זיך צונויפֿגעקלאַפּט. און פּלוצלינג זיינען זיי זיך צעלאָפֿן, ווי אַ קאַץ וואָלט אַריינגעשפּרונגען, אַרויסגערוקט גרויסע נעגל און געקראַצט די ווענט, געפּרואווט קריכן אויף די גלייכע ווענט.

— און באמת? וואָס איז ערגער? איצטער שטאַרבן אָדער זיך אָפּמוטשען אַ לעבן? האַ, וואָס איז ערגער? אָפּלעבן אַ לעבן בלינד, אויסגעשטעלט אויף פּרעמדע הענט... ביי אַר־בעטער... אין שטענדיקער שרעק פֿאַר הונגער... האַ, וואָס איז שרעקלעכער?

דער גערדאַנק האָט זיך אין איר אַריינגעבויערט און דורכ־געלעכערט דעם מאַרך. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און דער גערדאַנק נאָך־פינצטערער. דער גערדאַנק איז ווי אַ שווערער שטיין געלעגן אין איר קאָפּ, אויפֿן לייב, אין די אויגן, אויף די הענט און אויף די שפּיץ פינגער איז ער געלעגן, דער גערדאַנק, ווי אַ שווערער שטיין. זי האָט זיך צוזאַמענגעדריקט אונטער דער לאַסט און זיך צוגעדריקט צום קינד. אַ דינע ווייכקייט און אַ דינע וואַרימקייט האָט באַרירט איר צווייטע ברוסט. זי האָט אָראָפּגעבויגן ס'מויל, גענומען קושן די דינע ווייכקייט און די דינע וואַרימקייט, שטאַרק, פעסט, שטאַרקער און פעסטער, און נישט געקענט מער טראַכטן, צי דאָס איז פון ליבשאַפט אָדער פיינט־שאַפט — — —

אַ געשריי האָט צעריסן די שטילקייט פון דער נאַכט און ווי אַ מעסער זיך אַריינגעשניטן אין כוואַנען.

כוואַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און, נאָך איידער ער האָט דערהערט פון ווייב אַ וואָרט, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ.

אַ גליקלעכער

דאָס יינגל איז אַריין אין שטוב האָפּסענדיק, ווי ער וואָלט געריטן אויף אַ פערדל.

— ווּעסט נישט טרעפן, מאַמאַ, וואָס פאַר אַ שיינע זאַך איך האָב געפונען!

ער האָט אָנגעכאַפּט די מאַמע, וואָס איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער דער וואַש־ברעט און געריבן וועש, און זי געשלעפּט ביי דער טאַליע, צו גיין אַ טענצל.

— מאַמאַ, — האָט ער אויסגערופן מיט גדולה, — ווּעסט זען, איך וועל דיר סוף חודש קויפן אַ מתנה. אַ פּאָר גוטע שיך!

ביים לעצטן וואָרט האָט ער פּלוצלינג אָפּגעשטעלט ס׳גערדריי און, אַריינקוקנדיק דער אויסגעהאָרעוועטער פרוי אין די אויגן, געפרעגט:

— מאַמאַ, פאַר צוויי פּעזעס אַ פּאָר שיך זיינען גוטע שיך?

די מאַמע האָט געקוקט מיט פייכטע אויגן אויפן יינגל און געזאָגט פאַרזאָרגט:

— לאָז מיך, קינד מיינס, כ׳דאַרף נאָך היינט אַ סך אָפּטאָן. אַ ביטערע וואָך געווען. אַ גאַנצע וואָך האָט געדעגנט און מ׳האָט נישט געקאָנט צעהענגען דאָס וועש.

די מאַמע האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָס יינגל האָט נישט געלאָזט.

— זאָרג נישט, מאַמאַ! — האָט ער איבערגעשלאָגן — איך וועל פאַרדינען. זעסט, מאַמאַ: דער שכן, דאָן פּעדראָ, האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל העלפן זיין יינגל,

וואָס גייט צוזאַמען מיט מיר אין צווייטן גראַד, מאַכן די לעקציעס, וועט ער מיר געבן צוויי פּעזעס אַ חודש.

— צוויי פּעזעס? — האָט די אויסגעהאָרעוועטע וועשן זיך געוואונדערט און איר פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט פרייד.

— דאָס, וואָס דו הערסט! כ'האָב שוין אפילו היינט, נאָר־וואָס, געמאַכט מיט טיטאָן די לעקציעס און פאַרדינט אכט סענט! כ'האָב עס ריכטיק־ריכטיק באַרעכנט...

דעם יינגלס קליין קערפּערל האָט זיך אויסגעצויגן פון שטאָלץ און פון גליק.

פאַר פרעמדע צײַן

ווען ס'קינד איז אים אַנטקעגנגעלאָפן, פליעסקענדיק מיט די הענטלעך, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהערט שפּירן די משא פון וועגעלע, וואָס ער האָט געשלעפּט פאַר די צוויי דרענגלעך. מאַרטיטאַ איז געלאָפן ביי דער זייט, געשפּרונגען דעם טאַטן אין פּנים, ווי אַ טריי הינטל וואָס האָט לאַנג נישט געזען דעם באַלעבאָס, און געריסן דאָס העלדזל:

— פּאַ־פּאַ! פּאַ־פּאַ!

דערנאָך צוגעלייגט די הענטלעך צום וועגעלע און געהאָלפן שטופּן, זיך אָנגעשטרענגט, ווי דער טאַטע, אַראָפּלאָזנדיק ס'קעפּל צו דר'ערד, ווי אַ מיד, שלעפּעריק פערד.

אז ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס וועגל און אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע דעם שווייס פון פּנים, אַראָפּשווימענדיק וואַסער, האָט מאַרטיטאַ אַריינגעשטעקט ס'קעפּל אונטערן דעכל אין די קעסטלעך שיין־אויסגעלייגטע פּרוכטן. זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און געגעסן מיט די אויגן. דער ריח פון די בלוט־רויטע עפּל האָט געשלאָגן אין נעזל און צעפּנט די לונגען ווי טירן. האָט זי אַריינגעצויגן דעם ריח איז די נאָזלעכער, אין אָפענעם מײַלכל און אַריינגעצויגן טיף אין די לונגען, ווי פרישע לופט נאָך אַ לאַנגער שטיקעניש. און, צולייגנדיק די נאָז צו אַן עפּל, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ דינעם, גרינעם פּאַפּירל, האָט זי געשמעקט, ווי פערפום, און זיך באַלעקט מיטן ריח:

— אַ־אַ־אַ־אַ־אַ־אַ...

ער האָט אָנגעקוקט דאָס קינד, דער טאַטע, אָנגעקוקט עס פון אַ זייט, מיט אויפגעלויכטענע אויגן, און עס אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, קושנדיק אין די בעקלעך. נאָר ס'קינד

האָט זיך געריסן פון זיינע ליפּן, זיך אויסגעדרייט צו די קעסטלעך עפּל און געטייטלט מיט אַ פינגערל:

— פּאַ־פּאַ, גי׳מיר! אַ־דאָס...

דער טאַטע האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

— מאַרטיטאַ! — ער האָט אויף איר פּאַראיבל־גענהאַט

— ווי קומט צו דיר אַזאַ נאַרישקייט? דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידעלע! דו ווייסט דאָך, אַז איך בין צו דיר גוט און וואָלט דיר אַלץ געגעבן...

— טאַ גי׳מיר! — האָט ס׳קינד זיך געברוגזט — אַן עפּעלע! איך אַן עפּעלע, אַן עפּעלע!

— אַן עפּעלע? — האָט דער טאַטע איבערגעפרעגט, פאַר־צויגן און נאָכאַמאָל געגעבן דעם קינד אַ קוש — איי, קינד מיינס! היינטיקע צייטן אַן עפּעלע? ווער עסט דען היינט אַן עפּעלע? נישט פאַר אונדזערע קעשענעס היינט צו עסן עפּל!

ס׳קינד האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דעם טאַטנס רייד, גענומען דריגען מיט די פיסלעך און רייסן זיך פון די הענט:

— איך וויל עפּעלע! פּאַפּאַ האָט אין וועגעלע אַ סך עפּל, דאָ־אַ־אַ־אָ! איינע, צוויי, דריי, אַ סך, אַ סך...

— נאַרעלע, — האָט דער טאַטע געזוכט איינצונעמען ס׳קינד און עס געהאַלטן פעסטער, עס זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון זיינע הענט — דו ביסט דאָך נישט קיין נאַריש מיי־דעלע. איך... פאַרשטייסט? ביי מיר אין וועגעלע ליגן אַ סך עפּל, אָבער... דאָס איז נישט פאַר אונדזערע אָרימע ציי־נער... אָט, דו קענסט בערטאָס טאַטעלע? ער איז אַ שוס־טער און מאַכט אַ סך שיך, אָבער ער אַליין, דער שוסטער, גייט מיט צעריסענע שיך... פאַרשטייסט? איך אויך אַזוי. איך האָב עפּל, נאָר אַנדערע עסן זיי. איך פאַרדין נישט אויף עפּל. איך פאַרדין נישט מער ווי אויף ברויט, קוים אויף אַ שטיקל פּראָסט פלייש...

ס׳קינד האָט אָבער פון גאָרנישט געוואָלט וויסן.

— עפּל, עפּל! איך וויל עפּל! — האָט עס נישט נאָכגע־געבן און געדריגעט מיט די פיסלעך.

— עפּל? — האָט דער טאַטע געפרעגט, שמייכלענדיק

— זאָל איך דיר קויפן עפּל?

— יאָ, קויפֿן!
— און געלט?
— פּאַפּאַ האָט געלט! אין קעשענע, דאָ־אָ! אַ סך, אַ סך געלט!
— ס'איז אָבער נישט מיין געלט.
— פּאַפּאַס געלט! פּאַפּאַס געלט!
— איי, דו פֿאַרשטייסט נישט. — האָט ער געזאָגט — איך קען קיין עפּל נישט קויפֿן.
— קויפֿן! קויפֿן!!! — ס'קינד האָט נאָכגעקרימט דעם טאַטן און געמאַכט אַ צעקוועטשט פּנימל — פּאַפּאַ נישט דאַרפֿן גיין קויפֿן, פּאַפּאַ האָט אין וועגעלע...
—דו ביסט נאָך קליין, קינד מיינס! — האָט ער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אַ פּאַראומערטער — נאָך צו־קליין, אַז דו זאָלסט דאָס פֿאַרשטיין. וועסט עלטער ווערן...
ס'קינד איז אַראָפּ פֿון טאַטנס הענט און אַוועק אַ ברוגזע, אויסשרייענדיק:
— פּאַפּאַ איז אַ שלעכטער, אַ שלעכטער!

י ו ש ר

— איר זיינט אַ גנבֿ! — האָט געזאָגט דער אויספֿאָר־שונגס־ריכטער און צוגעגעבן — אַז מ'איז הונגעריק, גנבעט מען ברויט, קאַרטאָפֿל, פֿרוכט, אָבער נישט קיין שאָקאָלאַד!

מאַרטינעז, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט זיך צוגעהערט צום קראַצן פֿון דער פּען אויפֿן פּאַפּיר און געפֿילט אַ שאַר־פֿן בלאָז פֿון אַ ווינטל נאָך יעדן פּעדער־שאַרך, ווי מען וואָלט זיין הויט געקראַצט מיט אַ טעמפּן ראַזיר־מעסער. זיין קאָפּ איז געווען פֿול מיט רייד, אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט געבעטן. נאָר דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט גראָד יאָ געוואָלט, אַז מאַרטינעז זאָל עפּעס זאָגן, און דער־פֿאַר אַ פֿרעג־געטאָן, ווי ער וואָלט אויסגעפּרוואווט דעם אָנ־געקלאָגטן, באַטראַכטנדיק אים סקאָסנע מיט אַ פֿאַרזשמור־רעטן אייגל:

— און ווי איז דאָס, איר האָט טאַקע גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

מאַרטינעז האָט אָנגעקוקט דעם אויספֿאָרשער מיט אַ בייז־קאַלטן בליק און אַרויסגעבריפּעט, ווי צוליבן אויסהוס־טן זיך:

— איך... וואָס?... נישט וויכטיק... איבעריק... סיי ווי... „אַ גנבֿ!"... וואָס נאָך?

דער אויספֿאָרשער האָט זיך אַריינגערוקט טיפֿער אין פֿאָטעל, פּונקט ווי ער וואָלט פֿריער שלעכט געזעסן, און אונטערגעשפּאַרט די גאָמבע אויףביידע פֿויסטן.

— אָ, נאָ! — האָט ער געזאָגט ווייכער, צוגעלאָזטער — פֿאַרקערט, איר קענט ריידן! ס'איז פֿאַר מיר אינטערעסאַנט.

— „אינטערעסאַנט"... — מאַרטינעז האָט פּיינלעך אַ

שמייכל־געטאָן — כ'פֿארשטיי. געווים. זען א תליה איז גע־ווים אינטערעסאנטער ווי זען מענטשן עסן געבראָטענע קאַטשקע...

— אלזוי?

— יאָ, אלזוי... דאָס אנדערע ווייסט איר דאָך אליין. כ'בין א גנב. גוט! זיינט איר שוין צופרידן, וואָס איר האָט עס געהערט פֿון מיין מויל?

— אָבער, כ'וואָלט געוואָלט וויסן... — האָט דער ריכ־טער אָנגעמערקט און נישט פֿארענדיקט די פֿראַזע.

— אָך, — האָט מארטינעז אויסגערופֿן מיט אומגעדולד, — איר ווייסט בעסער פֿון מיר! מענטשלעכקייט איז נישט געווענדט פֿון וויסן, נאָר פֿון פֿילן.

— אָט טאַקע וועגן דעם...

— יאָ, וועגן דעם. לויט אייערע רייד בין איך א גנב. אָפּגעפּסקנט. לויטן געזעץ. אז מען נעמט א שטיקל שאָקאָ־לאַד אָן דעם באַלעבאָס' וויסן, איז מען א גנב. איז דען פֿאַר אייך וויכטיק צו וויסן, אז דאָס האָב איך געגנבעט פֿאַר מיינע פּיצלעך קינדער א ביסעלע פֿרייד? וואָס איז אייך געלעגן, צי איך האָב פֿאַר דאָס שטיקל שאָקאָלאַד אָפּ־גענומען עטלעכע סענט אָדער עטלעכע ווארימע שמייכלען און קושן פֿון קליינע עלנטע קינדער?

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין גאָרנישט. — האָט מארטינעז געענטפֿערט א צעפּלאָמטער — נאָר, אז איר ווילט דווקא ביי מיר אַרויס־קריגן אַלץ, זאָג איך אייך. יאָ, איך האָב געגנבעט שאָקאָלאַד אין געשעפֿט, וואו איך אַרבעט זעקס יאָר צייט. איך האָב דאָס אוועקגעטראָגן צו די קינדער. אָרימע קינדער! גאַנצע־נע טעג אליין. שוין א יאָר, אז די מאַמע ליגט אין שפּיטאָל. וויינען זיי, בענקען נאָך דער מאַמען. וואָס זאָל איך זיי טאָן? איך האָב געמוזט אַרבעטן. קומענדיק אַהיים, איז אין מיר דאָס האַרץ צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. די קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער גאַס, געשלאָגן, געוועזן שמו־ציק, אָפּגעריסן. כ'האָב זיי געוואָלט ברענגען עפּעס, אויי־פֿערן שטיקל ברויט, צו דערפֿרייען זיי און פֿארטרייבן דעם צער. נאָר די פֿארדינסטן האָבן נישט דערלויבט. פֿון דעם געהאַלט, וואָס דער סעניאָר פּערעז האָט מיר געצאָלט, האָב

איך קוים געהאַט אויף דער טרוקענער אויסקומעניש. האָב איך געבעטן אַ העכערונג. אָבער דער סעניאָר פּערעז, וועל־כער מאַכט אַ לעבן, וואָס קען געגוג זיין פאַר אַ טוץ פאַ־מיליעס, האָט מיינע רייד אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן. „אַ שלעכטע צייט!", האָט ער מיר געזאָגט, „ביטערע גע־שעפטן! היינט דאַנקט מען גאָט, אַז מ'האָט ביי וואָס צו אַרבעטן". און דערביי מיר געלאָזט אָנצוהערן, אַז טאָמער וויל איך גיין, האָט ער אויף מיין אָרט צען פאַר איינעם און פאַר וויניקער געהאַלט. טאָ וואָס האָב איך באַדאַרפט טאָן? אַ בחור גייט, זוכט, שטעלט איין. פאַר אַ פאַמיליען־מענטש איז זוכן אַ לוקסוס. פאַרפאַלן! האָב איך בלויז אין אַ מאָ־מענט אַ קלער־געטאָן, אַז דאָס געשעפט וועט נישט אומגליק־לעך ווערן, אויב איך וועל נעמען אַ שאָקאָלאַדקע, נישט פאַר מיר, נאָר פאַר די קינדער. די קינדער האָבן זיך טאַקע אַזוי געפרייט, אַזוי מיך געקושט, אַזוי געווען גליקלעך!...

מאַרטינעז האָט געענדיקט, אָבער דער אויספאָרשער, פאַר־טאָן אין הערן, איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרחלומטער, ווי ער וואָלט ווייטער זיך צוגעהערט צום ריידן. די סעקרע־טאַרן, פאַרענדיקט זייער אַרבעט, האָבן אים לאַנג אָנגע־קוקט מיט פאַרוואונדערונג, ביז ער האָט דערזען זייערע בליקן. די שטילקייט האָט אים אויפגעוועקט. האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט, ווי אַן אויפגעוועקטער פון שלאָף, און זיך געאיילט צו דערמאָנען די רייד:

— אַ... יאָ... ריכטיק... יאָ... די קינדער...

און, אָנכאַפּנדיק דעם פאָדים פון שמועס, האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אין פאָטעל און צעשלאָגן אַ געניץ מיט ערנסטע רייד:

— יאָ... לאָמיר זזז... אָגן, אַז דאָס איז אַלץ, ווי איר דערציילט. אָבער, איר פאַרשטייט דאָך, אַז דער שאָקאָלאַד, מעג ער אַפילו קאָסטן פינף סענט אַ טאָג, איז דאָך נישט געווען אייער אייגנטום. ס'איז געווען דאָס אייגנטום פון סעניאָר פּערעז. און איר, ווי גערעכט איר זאָלט זיין, קענט קיינעם ניט צווינגען, אַז מען זאָל אייך העכערן דעם גע־האַלט. און אוודאי האָט איר ניט קיין רעכט אַליין זיך צו העכערן דעם געהאַלט דורך גנבה. דאָס איז קענן געזעץ! איר פאַרשטייט? געזעץ איז געזעץ. און לויטן געזעץ האָט

איר קיין רעכט ניט, צו גיין דעם באַלעבאָס סטראַשען, אַז אויב ער וועט אייך נישט געבן מיט גוטן, וועט קומען אַ צייט, ווען מ׳וועט ביי אים צונעמען מיט בייזן! וואָס הייסט, איר רעדט אַזוי צום באַלעבאָס? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד? דאָס איז שוין אין גאַנצן אומדערלאַזבאַר! וואָס איז דאָ, אַ רעוואָלוציע, וואו מען ראַבעוועט? יאָ, סעניאָר מאַרטינעז, איר זיינט נישט אַזוי אומשולדיק. ווי איר שטעלט זיך פאָר! איר זיינט באַגאַנגען אַ פיל־גרעסער פאַרברעכן ווי איר דענקט!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט מאַרטינעז דערפילט, ווי מ׳וואָלט זיין בלוט אָנגעהיצט. זיין קערפּער איז געוואָרן אויסגעצויגן, לענגער ווי ער האָט געקענט זיין, דין, און דאָס פּנים צונטערדיק, מיט צעשפּילטע אָדערן.

— גוט! — האָט ער אויסגערופן מיט אַן אויפגעהויבע־נעם קול, גאָר מיט אַן אַנדערן קול ווי פריער, עס האָט זיך דעריבער געדאַכט, אַז עס רעדט אַן אַנדערער מענטש — איצט פאַרשטיי איך שוין! אויב שוין יאָ זיין אַ פאַרברע־כער, וועל איך בעסער זען צו זיין אַ גרויסער פאַרברעכער! איצט זע איך, אַז מיט גוטן קען מען אין דער וועלט נישט לעבן. ער, פערעז, באַגנבעט די קונים, גיט זיי אַ פאַלשע וואָג, גיט זיי פאַלשע סחורה פאַר גוטע, איז ער רייך, פיין און גייט אַרום אויף דער פריי, ווי אַ פיינער באַלעבאָס. און איך, וואָס האָב געגנבעט פאַר די קינדער אַ שאָקאָלאַד־קע, בין אַ גנב. איז גוט! נעם איך עס אָן! פון היינט אָן וועל איך וויסן, אַז עס לוינט ניט צו זיין אַ קליינער גנב, אַ קליינטשיקער פאַרברעכער. אויב זיין, דאַרף מען זיין אַ גרויסער פאַרברעכער, אָן רחמנות, אָט אַזוי!

מאַרטינעז האָט ביי די ווערטער אויפגעהויבן די לינקע האַנט און דראָענדיק אַרויסגעשטעלט אַ פאַרקלעמטע פויסט.

האָט דער ריכטער דאָס נישט געקענט צוזען, נישט גע־קענט הערן די גראָבע רייד און גלייך געהייסן אַרויספירן דעם פאַרמשפּטן.

פאַרוואָס באַליידיקט איר?

דער שיכפּוצער, ביי וועמען ס'האָט געפעלט די רעכטע פוס, האָט זיך פלינק געדרייט אויפן נידעריקן בענקעלע און געפּוצט די שיך.

דער עלטערער מאַן, וואָס האָט זיך געלאָזט פּוצן, האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון פאַרבויגענעם הויז־מאַנקעט אונטער דעם שיכפּוצערס געזעס, באַוואונדערט די געשיקטקייט פון דעם אומגליקלעכן מענטשן און דערעיקערשט זיין גרויסן חשק צו אַרבעטן. דערפאַר, אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אים דערלאַנגט, דעם שיכפּוצער, אַ פעזע, געגריסט מיטן אויפהייבן די האַנט צו דער הוט און אוועק.

— סעניאָר! — האָט דער שיכפּוצער אויסגערופן, אויסציילנדיק דעם רעשט.

דער מאַן האָט זיך אויסגעדרייט און אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט.

— ס'איז אין אָרדנונג!

— נאָ, סעניאָר! — האָט דער שיכפּוצער נישט נאָכגעגעבן — איר קומט מיר בלויז צען סענט, קומט אייך צוריק ניינציק סענט רעשט.

— אָבער, ס'איז אין אָרדנונג... — האָט דער עלטערער מאַן איבערגעחזרט — איך וויל נישט קיין רעשט...

— אָ! דאָס מיינט איר? אָ, דאָס נישט... — דער שיכפּוצער האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ אַן אומצופרידענער — איך נעם בלויז, וואָס עס קומט מיר. איך אַרבעט און פאַרדין מיר מיין ברויט.

— אָבער, — האָט דער עלטערער מאַן זיך געוואונ־

דערט —, אז איך וויל אייך געבן אַנשטאָט צען סענט צען מאָל צען? איך שענק אייך...

דעם שיכּפּוצערס אויגן זיינען געוואָרן פאַרוואָלקנט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער קוליע, וואָס איז געבן אים געלעגן, זיך אויפגעהויבן און זיך פאַרוים־געבויגן אויף צו־ריקצוגעבן דעם רעשט.

— א דאַנק אייך, סעניאָר! — האָט ער שטיל געזאָגט — איך פאַרשטיי אייך זייער־גוט... איר דאַרפט אָבער אויך מ י ך פאַרשטיין... איך בין נישט פון יענע בעטלער, וועל־כע באָרגן זיך אויס א פרעמד קינד, כדי צו קענען בעסער שנאָרען... די קוליע, וואָס איר זעט, איז מיין אייגענע קו־ליע... איך האָב מיין פּוס נישט אַרונטערגעבויגן, כדי אַרויס־צורופן ביי אייך רחמנות... איך האָב געזונטע הענט... און אזוי לאַנג ווי איך האָב געזונטע הענט, קען איך מיט זיי פאַרדינען ווי א מענטש, מיט אַלע מענטשן גלייך... טאָ פאַרוואָס באַליידיקט איר מיך? פאַרוואָס?...

דער עלטערער מאַן האָט א פאַרשעמטער צוריקגענומען דעם רעשט און, בעטנדיק אַנטשולדיקונג, אַוועק ווי א פאַר־זינדיקטער.

דער וועג צום דערפּאָלג

דער שטילער זיסיע, וועלכער איז ארומגעגאַנגען מער־אַרבעטלאָז ווי באַשעפטיקט, האָט געפונען אַ פּרנסה פאַר אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

— ווען איך וויל מיר, — זאָגט ער —, גיי איך מיר ארויס אין גאַס און פאַרדין מיר מיין פּינפּערל.

זיסיע איז אַ פאַרפאַסער פון אַ פּיעסע. אין דער שרייבער־משפּחה, אמת, האָט מען אים ביז איצט נישט געגעבן קיין פּלאַץ. שוישפּילער ווילן אים אויך נישט אָנערקענען. זיסיע איז אָבער נישט געוואָרן אָפּגעשראָקן און ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

דאָס ווייב האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן און געמאַכט סקאַנדאַלן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? וואָס האָט ער זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, אַז ער איז אַ שרייבער, און וויל נישט אַרבעטן? האָט ער שוין כאָטש אַ דרייער פאַרדינט פון זיין שרייבן?

דער הויכער, דאַרער זיסיע מיט די צעשראָקענע, צעררייצטע אויגן און איינגעפאַלענע, איינגעטריקנטע באַקן האָט זיך נישט געלאָזט איבעררײדן. ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע. יאָרן אַזוי. ביז דאָס קאַווע־הויז איז געוואָרן זיין היים. ביים קאַווע־טישל, איינגעהילט אין פּאַפּיראָסן־רויך, האָט ער דערשפּירט אַ טרייסט פאַר זיינע דורכפאַלן. ער האָט פון צייט צו צייט, ווי אַ פויגל אין שטייגל, געפּרוווט ארויסצורייסן זיך אין דער וועלט אריין, אָנגעקלאַפּט אין נאָך אַ טיר פון אַ שרייבער אָדער רעדאַקציע, אין נאָך אַ טיר פון אַ טעאַטער אָדער שוישפּילער, נאָר זיך אָנגעשלאָגן אין פעסטע צוימען.

— אַן איינגעגעסענער גראַפאָמאַן! — האָט מען געזאָגט און צוגעגעבן — איינרעדעניש איז די גרעסטע קרענק...

זיסיע האָט אָבער זיינס אויסגעפירט. אין אַ טאָג האָט

ער געקראָגן געלט און זיין נאָמען איז אינגאַנצן אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף די בלעטער פון א ביכל.

מענטשן האָבן אָנגעקוקט דאָס ביכל און געפרעגט:

— איז דאָס דרוקפּעאיק?

— דרוקפּעאיק? — האָט א קריטיקער געשמייכלט — אַלץ, וואָס מ׳רעדט און שרייבט, קען זיין דרוקפּעאיק, אַבי מ׳באַצאָלט דעם דרוקער אָדער ער מיינט, אַז מ׳וועט אים באַצאָלן...

נאָר זיסיע האָט נישט געוואָרט, אַז קריטיקער זאָלן וועגן אים ריידן גוט. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויף יענעם און אַליין גענומען זיך מאַכן באַרימט. מיט א פּעקל ביכלעך אונטערן אָרעם איז ער אַרוים אין גאַס און, טרעפנדיק א באַקאַנטן, אָנגעבאָטן:

— מיין בוך. קויפט! איר דאַרפט דאָך העלפן דעם יידישן שרייבער, דער יידישער קולטור...

דער באַקאַנטער, וועלכער האָט אים פריער ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך איצט באַצויגן מיט דרך־ארץ, געקווענקלט, דאָך אַרויסגענומען עטלעכע פּעזעס, געגעבן און געמורמלט פאַרשולדיקט:

— גאָרנישט געוואוסט, אַז איר זיינט א שרייבער און קענט מאַכן ביכער...

אַנדערע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, זאָגנדיק, אַז זיי לייע־נען ניט קיין דראַמע אָדער יידיש בכלל. פאַר זיי האָט זיסיע געקראָגן אַנדערע אַרגומענטן:

— בלויז צוויי פּעזעס... כ׳גיי אַרום אַרבעטלאָז...

קעגן אַזעלכע רייד איז שווער אַרויסצוטרעטן. האָט זיסיע דערשפּירט דעם טעם פון הערן וועגן זיך ריידן און פאַרדי־נען לייכט א פּעזע. ער האָט אויך אָנגעטראָפן אַזעלכע, וועל־כע האָבן געפילט, אַז א שרייבער האָט זיי אָנגעטאָן א כבוד; האָט ער זיי געגעבן אַן אונטערשריפט מיט א ווידמונג און דערפאַר אַרוים מיט א גאַנצן פינפערל און א יחוס בריוו דערצו:

— מיר האָבן ליב צו העלפן יידישע שרייבער!

האָט זיסיע באַקומען קוראַזש, אַרוים אין גאַס און פאַר־האַלטן אויך אומבאַקאַנטע מענטשן:

— א ייד?

— יאָ.

— טאָ קויפט אַ בוך פון אַ יידישן דראַמאַטורג, וועלכער גייט אַרום אַרבעטלאָז!

אַנקוקנדיק זיין רחמנותדיק פנים און איינגעפאַלענע באַקן, האָט מען געקויפט. איינער האָט נישט געוואָלט דאָס בוך, נאָר געגעבן אַ פעזע. האָט זיסיע געמאַכט אַ זשעסט און אָפּגעגעבן דאָס בוך פאַר אַ פעזע:

— קיין נדבה נעם איך נישט!

דאַן האָט ער פאַרטראַכט פון גיין גלאַט איבער געשעפטן, פון קראָם צו קראָם.

— איר קענט די אַרבעט! — האָט אים אפילו נישט איינער געזאָגט, ווען ער איז צו יענעם צוגעשטאַנען — איר זיינט דער אמתער שנאָרער!

דאָס האָט פון דעסטוועגן זיסיען נישט אָפּגעשלאָגן דעם חשק. ער איז אַריין אין דער ראָלע, זיסיע, און וואָס ווייטער אויסגעפונען אַלץ־נייע מיטלען. האָט ער אויסגעפונען, אַז צום בעסטן איז אַריינקוקן אין די אַנאָנסן פון די יידישע צייטונגען — צו וואָס דאַרף ער בלאָנדזשען, אַז ער האָט דירעקט די בעסטע אַדרעסן פון יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן?

און אַזוי איז זיסיע אַרויף אויף אַ וועג. דער חלום, צו זען געדרוקט זיין נאָמען איז געוואָרן פאַרווירקלעכט. ער באַרימט זיך איצט פאַר מענטשן, אַז זיין ווערק געפינט זיך אין מער יידישע שטובן ווי די גרעסטע ווערק פון די בעסטע יידישע שרייבער. ער טראַכט שוין אפילו פון אָפּדרוקן אין אַ צווייטער אויפלאַגע דאָס ביכל, איצט אונטער אַן אַנדערן טיטל, עס זאָל אויסזען ווי אַן אַנדער ביכל: זיין פרנסה...

— ווען איך וויל מיר, — שטאָלצירט זיסיע —, גיי איך מיר אַרויס אין גאַס און פאַרקויף מיר עטלעכע ביכער. היינט דערצייל איך מער נישט, וויפל אַ ביכל קאָסט. כ'נעם וויפל עס לאָזט זיך. אַ מאָל קריג איך אַ פינפערל פאַר איין ביכל... און אַ פעזע איז דען נישט קיין סחורה?

דער שטילער זיסיע איז שטאָלץ, וואָס ער האָט אַליין געפונען דעם וועג צום דערפאָלג.

פון אַלע גליקן

א מזלדיקער מענטש איז ער. פון אַלע זייטן רינגלען אים ארום גליקן. דאָ האָט מען אים אָנגעבאָטן אַ געשעפט, נאָך עס איז אָפּהענגיק פון זיין ענטפער. דאַרטן האָט ער אָפּגעוואָרפן אַ געשעפט, וואָס האָט געגעבן פאַרדינסט, נאָר ווייניק ווי פאַר זיינע השגות. די אַנדערע וואָך, אַט־אַ, האָט ער צו פאַרדינען אַ שטיין מיט געלט. ער דאַרף נאָר וואַרטן אַ פּאָר טעג און ער ווערט אַ גביר. ממש פאַרפּלייצט פון גליקלעכע געלעגנהייטן. דערצו האָט ער אַ לאַנג צעטל חור־בות. אַ צווייט צעטל האָט ער גמילת־חסדים, וואָס מ'קומט אים. איינער פון זיי האָט אים נאָר־וואָס באַצאָלט מיט אַ טשעק אַ היפּשע סומע. און ער כאַפּט זיך צום פּאָרטפעל זען, צי ער האָט אים, דעם טשעק, ביי זיך.

— אַ מערקווירדיקע זאַך! — ברומט ער אונטער צו זיך, אָבער אַנדערע דערהערן דאָס — וואו האָב איך דעם טשעק? וואו? אהאַ! איך האָב אים איבערגעלאָזט אין שרייבטיש. איך דערמאָן זיך שוין...

כאַפּט ער זיך, ווי ער וואָלט געפונען אַ זאַך, וואָס ער האָט פאַרלוירן:

— יאָ... יאָ... איר האָט אפשר ביי זיך ביז מאָרגן אַ צוואַנציק פּעזעס? ביז מאָרגן נאָכמיטיק... וואו וואָלט איך אייך געקענט זען אין דער צייט, אויף אָפּצוגעבן אייך?

גרויסע אויגן

— צו וואָס רייצן אומזיסט די אויגן, אַז קויפֿן קענען מיר סיי־ווי זיך נישט פֿאַרגינען?

אַזוי האָט דער מאַן זיך געבעטן ביים ווייב, בעת זיי זייַנען אַרומגעגאַנגען איבער די געשעפֿטן און זיך אָנגעקוקט מיט סחורות, וועלכע האָבן גערייצט און צערייצט. אָבער, ס'ווייב האָט כסדר אָפּגערעדט:

— נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ ביסעלע! אַז מ'קען נישט פֿאָרן אין די בעדער, קוקט מען ווייניקסטנס, ווי אַנדערע באָדן זיך, זייַנען פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון פּליאַזשעס אויך אַ פֿאַרגעניגן...

דער מאַן האָט געשפּירט, ווי די פֿיס ווערן אים שווער, אָנגעגאָסן מיט בליי. דער קאָפּ האָט זיך גענומען דרייען, שווינדלען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פֿאָרט לאַנג־לאַנג אויף אַ שנעל־געדרייטער קאַרוזעל, וואו מען זעט די גאַנצע וועלט און מ'זעט גאָרנישט.

ווי פאַר וועמען

לואיס איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעג־טער, האָט זיך געהאַלטן אין איין בייזערן און שעלטן, גלייך ווי דער הימל וואָלט אַראָפּגעלאָזט דעם רעגן אויף צו־להכעיס.

— כאַפּט אים דער טייוול! — האָט ער געבורטשעט — ווער ווייס, ווי לאַנג עס קען אַזוי גיסן! טאָמער האָט דער שטרייק זיך געענדיקט און מ'האָט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אַ ביסל די ביינער זיך אויסגלייכן און זיך שטעלן ווידער צו דער אַרבעט, איז האָסטו דיר! רעגנט יעדן מיט־וואָך און דאָנערשטיק, און מ'דאַרף ווידער זיצן אין שטוב און קוקן אויפן סופיט...

ער האָט זיך געערגערט, לואיס, און אין ערגערניש צו־זאַמענגעשטעלט די חובות, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אויף זיין קאָפּ אין דער צייט פון שטרייק.

— ווען וועל איך אַרויסקריכן פון די חובות? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — וועל איך ווען עס איז אַרויס־קריכן?

וואָלט ער כאָטש געאַרבעט באַלד נאָכן שטרייק אָן איבּ־בעריים, וואָלט געווען אַ האַלבע צרה. אַרבעט איז דאָ אַ סך. די מייסטערס בעטן זיך, מ'זאָל בלייבן אויף די רושטאָוואַ־ניעס נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה. אַבי געזונט, ווי אַרבעט איז דאָ. קומען אָבער אונטער רעגנס עטלעכע מאָל אין וואָך און מ'דאַרף זיצן אין דער היים און קוקן אויפן הימל, ווען וועט עס זיך שוין אויסלייטערן, וויניקסטנס אויפהערן גיסן...

— באַוולט רעגנען זונטיק! — אַמפּערט זיך לואיס

מיט זיך אַליין — אַזאַ גרויסער זונטיק... כאָוואָלט רעגענען שבת בייטאָג, ווען מ'לייגט אַוועק די אַרבעט! איז, ניין, הייבט אָן רעגענען דווקא מאָנטיק, אינדערפֿרי, ווען מ'דאַרף גיין פֿאַרדינען...

און ער דערמאָנט זיך, ער קען עס גאָר נישט פֿאַרגעסן:

— וואָס דאַרף מען מער? אַז דעם ערשטן מאָנטיק, דעם ערשטן טאָג, ווען מ'איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, נאָך אָפּשטרייקן דריי מאָנאַטן צייט, באַלד דעם ערשטן טאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַזאַ גאַס רעגן, אַז עס האָט קיין רייד נישט געקענט זיין פֿון גיין צו דער אַרבעט. אָט האָסטו דיר אַ קבלת־פּנים!

זיצנדיק אַזוי אין ערגערניש, קומט צו לואיסן דער ברו־דער זיינער. ער קומט, דער ברודער, פֿרעגן וואָס לואיסעס קינד מאַכט. קומט אַ פֿריילעכער. ער אַרבעט אויך ביי רו־שטאָוואַניעס, נאָר איז אַן אינעוויינזיקסטער מענטש פֿון דער עמפּרעסע.

— וואָס ביסטו אַזוי פֿריילעך? — פֿרעגט אים לואיס, ווי ער זעט אים אַריינגיין אַ שמייכלענדיקן, אַ צופֿרידע־נעם, פֿאַרמאַכנדיק דעם שירעם, פֿון וועלכן עס האָט אַראָפּ־געטריפֿט גראָבער רעגן — וואָס איז אויף דיר די שמחה?

— אַ פֿאַסקודנער וועטער! — ענטפֿערט דער ברודער — אָבער דערפֿאַר קען מען זיך כאָטש אָפּרוען אַ טאָג... פֿריי פֿון רעכענען און שרייבן און זיך אַרויסנעמען די אויגן...

— דיר איז גוט! — לאָזט לואיס פֿילן זיין אויפֿרעגונג אין די רייד — דו נעמסט פֿונם חודש... ביים באַלעבאָס... איז וואָס אַרט דיר?

— טאָ וואָס וואָלסטו געוואָלט? — פֿרעגט דער ברודער גוממוטיק — קריג אויך פֿון חודש! איך לאָז דיר נישט?

— קריג! ס'קריגט זיך אים אַזוי? אַ באַלעבאָס צאָלט נישט גלאַט אומזיסט... אויב ער צאָלט, ווייסט ער, וואָס ער טוט...

— וואָס?

— פֿרעג מיך נישט איבער! דו ווייסט שוין, וואָס איך מיין...

— אַזוי רעדט אַ ברודער? טאָמער בין איך געקומען צו דיר... דאָס איז דער ברוך־הבא?

— טאַ שיט נישט יענעם זאַלץ אויף די וואונדן! — האָט לואיס ווי זיך פאַרענטפערט — פאַרשטיי יענעם אויך!

— אָבער, וואָס בין איך דיר שולדיק, אַז דו פאַרדינסט פון טאָג און, טאָמער עס רעגנט, אַזוי ארבעטסטו נישט אין פאַרדינסט נישט קיין סענט, בעת איך קריג אַלץ איינס מיין געהאַלט? וואָס־זשע בין איך שולדיק? קומט מיר דערפאַר צו באַליידיקן? פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט לואיס איבערגעפרעגט, גלייך ווי ער וואָלט געזוכט די פּאַסיקע ווערטער — דו פרעגסט מיך נאָך? אַליין ווייסטו נישט? איך דאַרף דיר זאָגן? ס'איז שוין צייט, דו זאָלסט אַליין וויסן! אַז מ'זעט יענעם פאַרביטערט, שטעלט מען זיך נישט אוועק יענעם טאַנצן אין די אויגן...

— וואָס טאַנצן? ווען טאַנצן? ווער טאַנצן?

— לאָז אָפּ, זיי מיר געזונט און צי מיך נישט פאַר דער צונג!

די ברידער האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך איינע צו די אַנדערע נישט אָנגעהערט און נישט געקענט זיך דערקענען.

צוויי

וואַרטנדיק אויף אַ טראַמוויי, האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט און זיך צערעדט וועגן וויזיט ביים דאָקטער:

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז שטרענג אָפּהיטן אַ רעזשים. עסן וואָס־ווייניקער! און אייך?

— מיר? פּונקט ס׳פאַרקערטע. עסן, וויפל ס׳וועט נאָר אין מיר אַריין. פאַרגיסן דאָס האַרץ מיט שמאַלץ!

— איז דאָך גוט. הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן!

— זאָגט עס נישט! ווייל... נישט פאַר אייך געדאַכט... שוין אַכט חדשים, אַז איך גיי אַרום אָן אַרבעט און איך בין דער איינציקער פאַרדינער אין שטוב...

— אוי, ס׳אַראַ וועלט דאָס איז! האָב איך יאָ צו עסן און קען זיך פאַרגינען, טאָר איך נישט און מ׳הייסט מיר הונגערן. מעגט איר שוין יאָ עסן, און מ׳הייסט אייך וואָס־מער, האָט איר ניט וואָס צו עסן. נו, טאָ זאָגט־זשע איר אַליין: איז דאָס נישט אַ פּאַסקודנע וועלט?

◆

מזל

די מאַמע איז אַרומגעגאַנגגען איבער דער בלעכערנער שטוב ביז די קני אין וואַסער, ווי אין אַ טייך געבראָ־דזשעט, אַרויסגעשלעפּט זאַכן פון אונטערן וואַסער און גע־וויקעט איבער איר פינצטערן מזל:

— וואָס פאַר אַן אומגליק, וואָס פאַר אַן אומגליק! גע־מאַכט פון אַלץ אַ חורבן! און דאָס געשעט אין אַזאַ גרוי־סער שטאָט ווי בוענאָס־איירעס! אין פינצטערן, עלנטן קאַמפּ פּאַסירט נישט אַזוינס...

דער מאַן, פאַר דער טיר, אויך ביז די קני אין וואַסער, האָט געשאַרט מיט אַ לאַנגן אייזן, געוואָלט עפענען אַ וועג צום קאַנאַל, אפשר וועט דאָס וואַסער אַפּלויפן און די שטוב, וואָס אין דר'ערד איינגעגראָבן, באַפרייען פונם טייך.

— צו אַלדי טייוואָל! — האָט ער געשריען — עס רירט זיך נישט. דאָס איז עס אַ בוענאָס־איירעס! טאָמער האָט אַ נאַכט אָפּגערעגנט, שטייט מען שוין ווי אין מיטן ים... כּאָסע! אַמאַליאַ! כּואַן! וואו זיינט איר ערגעץ?

דאָס האָט ער גערופן די קינדער צו הילף. די קינדער זיינען אָבער ניט געקומען. זיי זיינען אין הויף נישט גע־ווען. האָט ער דורכגעבראָדזשעט דעם הויף, ביז איבער די קני אין וואַסער, און אַרויס פאַרן טויער.

די קינדער אין גאַס האָבן געשריען פון פרייד. אויף ברע־טער, אין מיטן וואַסער, האָבן מיט שטעקנס זיך געשיפט און אַרויסגעלאָזט קוויטשיקע קולות פון גרויס גדולה. און יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדער קינד זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, כמעט ביזן האַלדז, און גענומען וועסלעווען מיט די הענט ווי ביים שווימען.

— שוין אהער! — דער אַלטער האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן די שפּיל — ביי אונדז אַ חורבן און ביי זיי איז גאָר אַ שמחה! אַ שמחה אויף זיי... אין שטוב איז פון אַלץ געוואָרן אַ תל און ביי זיי איז גאָר יום־טוב... אַ גליק האָט זיי געטראָפן...

און ער האָט מיט כעס אויסגערופן:

— אהער, שוין אהער, אין דער מינוט!

אַ שכן, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט פון אַן אַלטן היל־צערנעם באַלקאָנדל, פון דער בלעכערנער הייזקע, האָט זיך אַריינגעמישט:

— סעניאָר פערנאַנדעז! — האָט ער זיך געווענדט צום אויפגערעגטן טאַטן — פאַרוואָס זאָלט איר זיין אויף זיי אין כעס? פאַרוואָס פאַרגינט איר זיי נישט? וואָס, זיי האָבן אַ סך מאָל אַזאַ געלעגנהייט, צו באָדן זיך? וואָס, איר נעמט זיי קיין מאַר דעל פּלאַטאַ? וואו קענען זיי נאָך האָבן אַזאַ געלעגנהייט צו שווימען, ווי דאָ? עס זיינען דאָך קינדער! און וואָס ווייסן קינדער? וואָס זיינען זיי שולדיק, אַז מיר זיינען גרויסע קבצנים? וואָס? וואָס זיינען זיי שולדיק? פאַרוואָס זאָלן מיר צו זיי אויסלאָזן אונדזער פאַר־ביטערט האַרץ?

דער טאַטע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר דעם שכנס רייד האָבן געבונדן זיין צונג.

קאמף

איגנאסיאָ האָט נישט געוואָלט ארויסגיין מיט די מור־ליערס אין שטרייק. זיין תירוץ איז געווען: ער האָט אַ ווייב מיט פינף קינדער און געהאט אין שטוב אַ שפּיטאָל, האָט ער זיך אויסגעליידיקט, האָט נישט אויף איין טאָג איבערצולעבן און, איידער גיין זיך אָנהענגען אויף אַנדער־רע אָרימע לייט, אויף די חברים זיינע, וועט ער בעסער בלייבן ארבעטן. קיין רייד האָבן נישט געהאָלפן. ביי דעם הויז, וואו ער האָט געאַרבעט, זיינען אויך אַנדערע גע־בליבן. נישט אַלע זיינען ארויס אין שטרייק. איז ער אויך געבליבן. די שכנים זיינע, אויך מוליערס, האָבן אין אים אריינגערעדט מיט גוטן און מיט בייזן. זיי האָבן אים שוין געוואָלט געבן קלעפּ. האָט דאָס ווייב זיך אריינגעמישט און אים פארהיט.

— לאָזט אים אָפּ! — האָט זי געשריען — ווי אַזוי האָט איר אַ הארץ נאָך אים וועלן אוועקנעמען פון דער ארבעט? איך בין שולדיק דער גאַנצער וועלט. וואָס מ׳האָט באַדאַרפט באַצאָלן אין שפּייזקראָם און דירה־געלט, איז אַלץ אריין אין אַפּטייק און פאַר דאָקטוירים. איך האָב שוין נישט ביי וועמען צו באָרגן. און פּונקט איצטער האָט זיך אייך פארוואָלט אַ שטרייק...

אַלאָנסאָ האָט אויסגעהערט די רייד און זיינע אויגן זיי־נען פארלאָפן געוואָרן ווי ביי אַ שיכור. ער האָט אַ צי־גע־טאָן דעם צעדרייטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, אויסגעשפּיגן אויף דר׳ערד און געגעבן נערוועז אַ וואָרף מיט די אַקסלען:

— אַזוי רעדט אַ ווייב פון אַן ארבעטער?!

— שפּייט נישט אויף דר׳ערד! — האָט מערסעדעס זיך געמאַכט נישט הערנדיק — איך וועל אויסגעריסן וואַשנדיק און ער וועט מיר דאָ שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע...

— אַ פּאָדלאָגע... אַ באַבע בלייבט אַ באַבע! — האָט אַלאָנסאָ ארויסגעבאָרכלט מיט זיין הייזעריק־פארזשאווער־

טער שטימע — מיר ריידן וועגן לעבן, שטרייק, מען זאָל אונדזערע קינדער נישט לאָזן אויסהונגערן, מען זאָל אונדז צאָלן ווי מענטשן און נישט האַלטן ווי די קרעציקע הינט און איר ליגט גאָר די פּאַדלאָגע אין קאָפּ! און דו, איגנאַ־סיאָ, ביסט אויך געוואָרן אַזאַ... הער זשע! מיר וועלן דיר ניט לאָזן. ווילסטו זיין אַ שטרייקברעכער, טאָ גיי! ווילסט, אַז מיר זאָלן טאָן, וואָס מיר דאַרפן, מעגסטו זיך אויף אונדז פאַרלאָזן! טויט אָדער ברויט! ווילסטו פאַרשטיין, איז גוט. ווילסטו נישט פאַרשטיין, וועלן מיר דיר די ציין אויס־זעצן און זיי דיר אַריינלייגן אין קאָפּ אַריין, אַז דו זאָלסט אָנהייבן טראַכטן, נישט ווי דיין באָבע דאָרטן...

איגנאַסיאָ האָט, ווייזט אויס, זיך איבערגעשראָקן פון די לעצטע ווערטער און געוואָרן ווייכער:

— איכ׳ל זען! — האָט ער געענטפערט — איכ׳ל אין גאַס אַרויסגיין און פּרוּוון לייען אַ ביסל געלט. אַז מען וועט מיר לייען, וועל איך אויך אַרויס אין שטרייק, ווי איר ווילט...

— וואָס הייסט ביי דיר „ווי איר ווילט"? — האָט דער שווערלייביקער, נידעריקער לוסיאָ זיך אַרויסגערוקט און ריידנדיק האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס זיך אויפגעהויבן פון אַ פּעטן מאַלצייט און זיך נישט געקענט רירן — איר הערט? „ווי איר ווילט"... ווער דאַרף וועלן? פאַר וועמען גייען מיר קעמפן? בלויז פאַר מיר? אפשר בלויז פאַר אים, אַלאַנסאָן? און פאַר דיר נישט? דאָס איז נישט פאַר דיין טובה וועגן? וואָס, איך דאַרף נישט קיין אַפּטייק? וואָס, דו אַליין האָסט אַ ווייב מיט קינדער? נו, און אַלאַנסאָ האָט נישט קיין ווייב און קינדער? נו, און איך האָב נישט קיין ווייב און קינדער? וואָס שטייען מיר דאָ קעגן אים און טענהן אין אים אַריין? זאָג! גייסטו יאָ מיט אונדז, איז גוט. וועלן מיר פּגרן און דורכפאַלן, וועסטו אויך דורכפאַלן און ליגן מיט דיין ווייב און קינדער אין דר׳ערד. וועט אונדז אָבער געלינגען און מיר וועלן אויס־קעמפן, וואָס מיר ווילן, וועלן מיר דערפילן, אַז עס לוינט צו לעבן אויף דער וועלט! איז, פאַרוואָס זאָלסטו זיין אַנ־דערש? וואָס, דו ליידסט נישט אַזוי ווי מיר?

ביי די לעצטע ווערטער האָט איגנאַסיאָ זיך אָנגעכאַפּט:

— אָ, אָט־אָ־דאָס זאָג איך דאָך צו אייך! איך לייד דאָך פּונקט ווי איר. טאָ פאַרוואָס זאָל איך מוזן טאָן פּונקט ווי איר? פאַרוואָס זאָלט א י ר נישט טאָן פּונקט ווי א י ך טו? מערסעדעס זאָגט מיר טאַקע אַזוי, און זי איז גערעכט...

— מערסעדעס, מערסעדעס! דיין מערסעדעס איז אַ נאַרישע באַבע, און דאָס אַלץ! זי איז נאָך פאַרבליבן ביי איר קינדערשן שכל...

— העי, העי! — איגנאַסיאָ האָט אַ קוק־געטאָן אויף זיין ווייב אין ווינקל און, ווי זי וואָלט אים געהייסן, אויפגעשפּרונגען — דו באַליידיק נאָר נישט מיין ווייב!

— פאַרשטאָפּ ס׳מויל און קאָך דיר נישט! — איז לוסיאַ נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער — האַלט זיך מיט דיין מציאה! ווער האָט איר אין זינען? ווער ס׳האָט קיין שענערע נישט געזען...

— דעסגראַסיאַדאַ! — האָט איגנאַסיאָ אַרויסגעדונערט — מיין ווייב וועסטו באַליידיקן, און נאָך ביי מיר אין שטוב? שוין פון שטוב זאָלסטו אַרויסגיין! אַרויס, זאָג איך אייך, איר אומפאַרשעמטע!

ער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן. אַלאָנסאָ האָט אים געפּרוּווט איינהאַלטן, אָבער דער קליינער איגנאַסיאָ האָט אַרויסגעוויזן גבורה און אים אָפּגעשטויסן אין אַ זייט. אַלאָנסאָ האָט נאָכאַמאָל זיך אַריינגערוקט צווישן ביידן און צו לוסיאַן צוגעוואָרפן:

— גיי, לוסיאַ, גיי אַרויס! ס׳ווייב לאָז צו רו און לאָז אויך אים צו רו!

נאָר, געפינענדיק זיך אויף יענער זייט שוועל, האָט ער צוגעגעבן, ווי צום געזעגענען זיך:

— אַדיאָס, מערסעדעס! איר האָט אייערס אויסגעפירט, מיינט איר? געדענקט־זשע! אויב, זאָג איך אייך, ער, איגנאַסיאָ, וועט מאָרגן וואָגן גיין צו דער אַרבעט, אַזוי וועט מען אים ברענגען אַ טויטן אַהיים! און אַצינד ווייזט, אַז איר זיינט אַ געטריי ווייב, האָט שכל און קענט אים אויסלערנען, וואָס ס׳מיינט דאָס וואָרט „קאַמף״...

מאַן־און־ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט פאַרכמורעטע.

◆

יאָ און ניין

ביילע חוזקט נישט מער פון נאַטאַנס פּאַרטיי. זי האָט אויפגעהערט צו באַריידן און מאַכן אויסצודרייען פון זיינע חברים. זי איז שוין אַפילו איינשטימיק, ער זאָל פאַר אַנדערע אוועקגעבן זיינע כוחות, ניט זיין קיינמאָל אין שטוב און פאַלן פון די פיס.

— זאָל ער! — זאָגט זי — אַז אים איז ליב, איז מיר ניחא.

ער וויל רעוואָלוציע, נאַטאַן? זאָל ער! ער וויל אוועקגעבן פאַר דער פּאַרטיי ס׳לעבן און ס׳געזונט? זאָל ער! ער איז מוחל דעם רו־טאָג פון דער וואָך? זאָל ער! ער היט נישט אָפּ די קינדער און ס׳ווייב גייט אים נישט אָן? זאָל ער!

— גוט, רעוואָלוציע... — זאָגט זי — אָבער... ברויט דאַרף מען אויך? מען דאַרף עסן? וואָס הייסט, מען קומט פון זיצונגען פיר אַזייגער פאַרטאָג און נאָכדעם קען מען נישט אויפשטיין צו דער אַרבעט? וואָס הייסט, מ׳פאַרשפּעטיקט אין פאַבריק עטלעכע מאָל אַ וואָך?

נאַטאַן שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן מיט כעס און גרינגשעצונג. זי ווייסט שוין, וואָס ער וועט זאָגן. ער וועט זאָגן שטיל, קוים אַרויסזייענדיק דורך די ליפּן. זי פילט פון די דאָזיקע ווערטער אַ סך גיפט. די ווערטער שטעכן איר ווי שפּילקעס. זי פאַרגעדענקט זיי גוט. אוי, געדענקט זי!

— יידענע, וואָס דו ביסט! — שיפּעט ער שטיל אַרויס — יאַכנע... חוץ עסן און אַרבעט ווייסט דאָס פון קיין שום זאַך נישט... פּונקט ווי אַ בהמה אין שטאַל...

זי קוקט אים אָן מיט גרויסע וואַסערדיקע אויגן. טרערן שטיקן איר. נאָר זי האַלט זיך איין. זי וויל אים נישט אָנ־

טאָן ס׳פּאַרגעניגן. זאָל ער נישט קלערן, אַז זיינע ווערטער מאַכן אויף איר אַ ווירקונג. ענטפערט זי אים פּאַרקערט, תקיפותדיק:

— שיין לערנסטו זיך אויס, איין מאָל שיין! און וואָס? דאָס לערנט קאַרל מאַרקס אַזוי צו באַהאַנדלען פרוי און קינדער? לאָמיר כאָטש וויסן, ווער עס איז דער רבי פון אַזעלכע שיינע ווערטער דיינע...

ער שווייגט. ער איז צופרידן, וואָס זי מאַכט אים נישט קיין חשבון, אַז זיין געהאַלט פון די לעצטע צוויי וואָכן איז זייער אַ קלאָגעדיקער און ס׳וועט נישט קלעקן אפילו צו באַצאָלן די לעצטע חובות. ער ענטפערט נישט. נאָטאָן. נאָר, אַז עס גייען אַריבער עטלעכע מינוט און ביילע זאָגט אים גאָרנישט, האַלט זיך בלויז אין איין ווישן די נאָז, גלייך ווי דאָס שנייצן איר׳ס וואָלט אויך געווען אַ ריידן, רופט זיך נאָטאָן אָפּ:

— פּאַרשטיי... מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... די באַוועגונג... נו, אַז מ׳האָט האָלץ, פאַלן שפּענער... מען מוז ליידן... דערפאַר זיינען מיר דאָך אַרבעטער און ליידן... דער קאַמף... די האָפנונג... די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט פאָדערט... מ׳מוז פאַרגעסן אין זיך...

ביילע האָט אויסגעהערט און גענומען מישן אין טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן בלעכענעם אויוונדל.

— איך לאָז דען דיר נישט? — האָט זי לסוף זיך אָפּגערופן און אין די ווערטער האָבן זיך אויסגעמישט טרערן — ווער האָט צו דיר טענות? ווילסט באַוועגונג? ווילסט קאַמף? ווילסט רעוואָלוציאָנערע אַרבעט? געזונטערהייט! איך לאָז דיר דען נישט? איך שטער דיר דען? אדרבה, אויב דו האָסט דערפון הנאה, איז טו דיר געזונטערהייט! אָבער, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט עסן? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דירה־געלט? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט? האָסט אַ ווייב? האָסט צוויי קינדער? עסן דאַרף מען? אַן אָרט, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, דאַרף מען? האַ?

נאָטאָן האָט צעעפנט די אויגן, ווי זי וואָלט פאַר אים

אנטדעקט גרויסע נייסן, איבער וועלכע ער דארף זיך פאר־טראכטן, און דערנאך געזאגט, דאס מאל מילד:

— ביילטשע, ביילטשעלע... שטענדיק מיט די זעלביקע זאכן דיינע... און טאמער זאג איך דיר, אז פאר א ווייב פון א באוואוסטזיניקן פראלעטאריער פאסט נישט אזוי צו ריידן, באליידיקסטו זיך און דו קלערסט וועגן מיר, ווייס איך וואס... פארוואס פארשטייסטו נישט? אט זיינען גע־ווען פרויען, וועלכע עס האט נישט געארט, נישט קיין שטוב, נישט קיין עסן, נישט קיין רו, נים זייער פרייהייט... טור־מעס, סיביר, הונגער, וואונדן, פיזישע לײדן, טויט... קיין זאך האט זיי נישט אפגעשראקן, ווייל...

— ווייל, שמייל... — האט די פרוי איבערגעריסן אן אומגעדולדיקע — וואס מישסטו צונויף קאטשענע מיט באטשענע? ווילסט רעוואלוציע? באוועגונג? פארטיי? טו דיר, וואס דו ווילסט! אבער, וואס האט דאס צו טאן מיט עסן? וואס האט דאס צו טאן מיט פארנאכלעסיקן די ארבעט, ליגן זיך שלאפן פינף אזייגער פארטאג און אויפן אנדערן טאג נישט קענען איינשטיין אויף די פיס? וואס האט איינס צום אנדערן?

די צוויי קינדער אין צימער האבן אויפגעהערט זיך צו שפילן און צוגעלייגט די אויערן צום גערייד צווישן מאן און ווייב.

נאָך יום־טוב

שפּעט ביינאַכט איז לייבל צוריקגעקומען אַהיים. ער איז געווען מיד פון מאַרשירן איבער די גאַסן אין דער מאַניפעסטאַציע. די פיס האָבן אים געבראָכן. ער האָט נישט געפילט די הענט, פון טראָגן דעם שווערן שטעקן פון דער פאָן. ער האָט געפילט אַ שטעכעניש אין האַלדז, פון זינגען אַ גאַנצן טאָג און אויסשרייען צוזאַמען מיט אַנדערע די רופן, וועגן פרייהייט, וועגן גלייכהייט, וועגן אַ שענערן לעבן, וועגן קאַמף קעגן עקספּלאָטאַציע, קעגן הונגער, קעגן אונטערדריקער. און נאָכדעם — דער באַנקעט ביז טיף אין דער נאַכט. ער איז אומגעלאָפן ווי אַ שיק־ייִנגל, אונטערגעטראָגן טעלער און צובייסן, געהאָלפן זינגען און ווידער מאַכן אויסרופן. און דאָך האָט ער ביזן אַהיימגיין נישט געפילט קיין מידקייט. ער איז געלאָפן און געטאָן און געשריען, ווי עס וואָלט ערשט געווען דער פרימאָרגן, ווען ער איז אַרויס פון שטוב אַן אויסגערוטער, אַן אויסגעשלאָפענער, מיט אָנגעזאַמלטע כוחות. נאָר, גייענדיק אַהיים האָט לייבל דערשפּירט, ווי די פיס וואָלטן ביי אים געבונדן געוואָרן מיט שטריק, ווי עמיצער וואָלט אים די אויגן־דעקלעך אַראָפּגעצויגן מיט צוואַנגען און זיי נישט געלאָזט עפענען, ווי מ׳וואָלט אים אין מויל זאַמד אַריינגעשאָטן און נישט געלאָזט רירן מיט דער צונג. אַריבערגייענדיק די גאַס, האָט ער דערהערט אַ וואָרטשען פון אַן אויטאָמאָביל־טרובע. ער האָט איבער זיינע קרעפטן געגעבן אַ עפן־אויף די אויגן און דערזען, אַז ווען נאָך איין האָר ליגט ער אונטערן אויטאָמאָביל. ער האָט אויפגעציטערט און זיך צוריקגעצויגן צום טראָטואַר. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט אַהיים מיט

די לעצטע כוחות, לאנג זיך געפּאָרקעט ביי דער טיר, ביז ער האָט זי אויפגעעפנט און אין די קליידער אנידערגע־פאַלן אויפן בעט.

ס׳ווייב האָט לייבלען געוועקט, געריסן פאַר די הענט, א שלאָפנדיקן פון אים אראָפּגעצויגן די שיך, אָבער פונם אָרט האָט זי אים נישט געקענט רירן. ער איז געווען שווערער ווי אלעמאָל. ער איז פאַר אירע הענט איצט געווען א ריז, א מאַסע ניט צו רירן פון אָרט. ביז זי איז פארמאַטערט גע־וואָרן פון וועקן אים און שלעפּן, און זי האָט אים געלאָזט אזוי דורכשלאָפן די עטלעכע שעה ביז קאַיאָר.

פאַרטאָג האָט דער וועק־זייגער זיך צעקלונגען, אָבער דאָס מאָל האָט לייבל נישט געהערט. ער האָט בלויז זיך א טרייסל געטאָן, זיך איבערגעקערט אויף דער אנדערער זייט און ווייטער אריינגעפאַלן אין שלאָף.

— לייבל! — האָט ס׳ווייב אים געריסן פאַר די הענט — ס׳איז נאָך יום־טוב... ווידער וואָך... וועסט נאָך פאַרשפּע־טיקן!

לייבל האָט עפּעס געגעבן א מורמל און ווידער זיך צע־בראָכעט.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט ס׳ווייב גענומען שטרענגער וועקן — האָסט פארגעסן, אז דו דאַרפסט אר־בעטן? שטיי אויף! ס׳איז באַלד זעקס און דו וועסט נאָך פאַרשפּעטיקן אין פאבריק. שטיי אויף!

לייבל האָט געעפנט די אויגן, אָנגעקוקט ס׳ווייב און ווי־דער אראָפּגעלאָזט די ברעמען.

— ביסט משוגע? — האָט ס׳ווייב אויסגערופן — וואָס קלערסטו זיך? פון טראָגן די פאָן וועסטו דעם באַלעבאָס צאָלן דירה־געלט? וועט מען דיר צוליבן ערשטן מאַי געבן אין בעקעריי ברויט אומזיסט? וואָס קלערסטו זיך? וואָס? האָסט באַדאַרפט ווייסן, אז קינדער און ארבעטער דאַרפן גיין פרי שלאָפן!

לייבל האָט דעם קערפּער א ריר־געטאָן ווי א שווערע משא, זיך אראָפּגעשאַרט פון בעט און אָנגעקוקט ס׳ווייב ווי זיין ביטערן שונא.

בילדער אויפן קאָפּ

באַשען קריכן שוין די בילדער פון האַלדז. ווען זי וואָלט נישט מוראַ־געהאַט, אַז הערצקע וועט מיט איר זיך צעקריגן אויפן גאַנצן לעבן, וואָלט זי אין אַ טאָג אַלע בילדער אַרויסגעוואָרפן פון שטוב אָדער זיי געלייגט אויפן פייער.

— זע אַליין! — בעט זי זיך ביי אים — ס'איז דאָך שוין נישטאָ וואו זיך אַ קער צו טאָן. און וויפל איז דער שיעור איינצוקויפן לייוונט, ברעטער, פאַרב? און זיך קאַליע־מאַכן די אויגן איז גאָרנישט? און נים שלאָפן קיין נעכט? און, איבעריקנס, זעסטו נישט, אַז דיין אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן?

הערצקע ווערט נישט אין כעס. שוין צוגעוואוינט, אַז באַשע זאָל צו אים אַזוי ריידן. אַמאָל פלעגט ער זיך דאָס נעמען צום האַרצן. אַמאָל פלעגט ער נישט קענען פאַרשווייגן פאַר אַזאַ ריידן. נישט איין מאָל מיט איר וועגן דעם זיך געקריגט. נאָר ס'איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען, גאָרנישט. קיין געזונט האָט עסביידן נישט געבראַכט. און די קינדער האָבן צוגעזען זאַכן, וואָס ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן זען. שווייגט ער, הערצקע. אויב ער ענטפערט, טוט ער דאָס אָן פאַרדראָס. ער זאָגט איר גוטמוטיק, בעטנדיק:

— הער אויף, באַשע. דו ווייסט דאָך, אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נים צונויפריידן. טאָ צו וואָס דאַרפסטו מ י ך ערגערן און ז י ך ערגערן?

— ס'גייט נישט אין ערגערן זיך. — דערקלערט אים באַשע — אַז איך זאָג דיר, מיין איך ד י י ן טובה. וואָס איך ווינטש דיר, זאָל עס מיר אָנקומען!

— כ'פאַרשטיי, באַשעלע. — ווערט הערצקע צערטלעך

— איך זאָג דען, אַז דו ביסט מיר אַ שונא? איך זאָג עס נישט. אָבער, פאַרוואָס לאָזסטו מיר נישט הנאה־האָבן, פון וואָס איך האָב הנאה? וואָס אַרט דיר, אַז איך מאָל און מאַך בילדער?

— פאַרוואָס עס אַרט מיר? — פרעגט באַשע איבער און מאַכט אַ ווייטיק־גרימאַסע מיט אַ שמייכל איבערן גאַנצן פּנים — און ווי וואָלסטו געוואָלט? עס זאָל מיר נ י ש ט אַרן? ווייניק מאָל נישט געהאַט מיט וואָס עפּעס איינקויפן, דעם טאָג איבערצולעבן? און מיר זיינען אַרומגעריסן, אָפּ־געשליסן. זע, ווי איך גיי! זע, ווי דו גייסט! די קינדער האָבן נישט קיין גאַנצע פּאָר שיכלעך אויף זיך. און דו גיסט אויס דעם לעצטן סענט אויף לייוונט, ברעטער און פאַרבן. נו, טאַ זאָג אַליין, איז דאָס אַ תכלית?

— תכלית, תכלית, תכלית! — קרימט הערצקע איבער, ווי ס'וויב רעדט — און ווי וואָלט געווען, אַז איך וואָלט געריכטערט? און ווי וואָלט געווען, אַז איך וואָלט ליב־געַ־האַט דעם בימערן טראָפּן? און אַז איך וואָלט ליב־געהאַט צו שפּילן אַ קערטל? וואָלט בעסער געווען? וואָלסטו שוין געווען מער צופרידן? אַזוי האָסטו אַ שטוב מיט שיינע ביל־דער, אַ פאַרגעניגן אַ קוק־צו־טאָן.

— פששש! — חוזקט ס'וויב — אַ קליינינקייט?!

הערצקען פאַרדריסט דער חוזק און ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אַז איך, נאַר, האָב זיך אוועקגעשטעלט מיט דיר ריי־דן! מ'קען דען מיט דיר ריידן?

זעט באַשע, ווי עס גריזשעט אים, הערצקען, לאָזט זי אירס אַריבערגיין, אַבי ער זאָל זיך נישט נעמען אַזוי צום האַרצן.

— אַט זעסטו, אַז מ'קען מיט דיר נישט ריידן. — זאָגט זי מילד, ווייך — אַז באַלד ווערסטו ברוגז און ווערסט אַן אַנגעצונדענער. און וואָס האָב איך דיר דאָ אַזוינס געזאָגט? וואָס? גוט, די בילדער זיינען גרויסאַרטיק. איי, קיינער וויל זיי ביי דיר נישט קויפן? מילא! פאַראַן אַ סך סחורות, וואָס האָבן די ווערט, נאָר קיינער וויל זיי נישט קויפן. גוט. אַז איך גיב דיר אַלצדינג נאָך! איי, דו רייסט אוועק דעם ביסן פון מויל, אַבי אָנצושטעלן אַ שטוב מיט לייוונט, האָלץ און פאַרב? בין איך דיר דאָס אויך מוחל. שוין, ביסטו צופרידן? אָבער, ס'איז דאָך נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן! די גאַנצע שטוב איז דאָך פול. וואָכן גייען אַריבער און איך קען נישט רעכט אויסקערן די שטוב. נישט אַנדערש, ווי נאָר מ'זאָל

זיך ליגן שלאָפֿן אויף די בילדער. קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. נו, זאָג־זשע מיר: איז דאָס גוט אַזוי? איז דאָס אַ פּלאַן?

הערצקע הערט, ווי דאָס ווייב רעדט און רעדט, נאָר ענטפֿערט נישט. ער טוט זיך אויס בעת־מעשׂה דאָס רעקל און ציט אויף זיך אַרויף דעם כאַלאַט. אַמאָל איז דער כאַלאַט מסתּמא געווען אַ ווייסער; איצט האָט ער אויף זיך פֿלעקן פֿון אַלערליי קאָלירן. איין מאַנקעט פֿון אַרבל הענגט אַראָפּ; הערצקע לאָזט אים זיך נאָכטענטלען. ער בייגט זיך, הערצקע, רוקט אָפּ דעם טיש, שלעפּט אַרויס פֿון אונטערן בעט אַ שטויס צענויפֿגעבונדענע פֿלעקלעך און אַ ברעט, צענעמט עס און ס'ווערט דערפֿון אַ געשטעל. ליגט אַרויף אַ לייוונט אָנגעצויגן אויף אַ ראַם, נעמט פֿאַרבן אין אַ זייט, אַ פּענדזל צווישן צוויי פֿינגער, פֿאַרזשמורעט די אויגן און פֿאַרקוקט זיך אויפֿן ווייב. באַשע רעדט און קוקט נישט אויף אים. ביז עס הייבט איר אָן קרענקען, הלמאי ער ענטפֿערט איר נישט קיין וואָרט, הערצקע. גיט זי זיך אַ הייב־אויף פֿון בענקל אויף אַרויסצוגיין אין קיך. ער גיט אָבער אַ שטעל אַ לאַנגן שפּרייז, הערצקע, און פֿאַרשטעלט איר דעם וועג. ער לאָזט איר נישט אַרויסגיין, כאַפּט איר אָן פֿאַר די הענט, קושט זיי האַסטיק, היים, און קושט נאָכדעם איר אין שטערן.

— באַשעלע! — בעט ער זיך — זאָלסט אַזוי געזונט, גיי נישט אַוועק! אָט אַזוי, ווי דו ביסט געזעסן... בלייב אַ ביסעלע... ס'איז, זאָג איך דיר, אַ וואונדערבאַרע פּאָזע... אָט אַזוי, ווי דו ביסט אַ ברוגזע און דו בייזערסט זיך אויף מיר...

— לאָז אָפּ! — גיט באַשע אַ געשריי — וואָס מיינסטו זיך? ווער בין איך דיר? איך עס מיר אָפּ דאָס האַרץ און ער האָט גאָר הנאה! כ'מאַך גאָר פֿאַר אים פּאָזעס! וואָס מיינסטו זיך, איך בין אַזוי משוגע ווי דו, אַז מיר זאָלן ליגן אַזעלכע נאַרישקייטן אין זינען? אין קיך שטייט אַ באַרג מיט נישט־געוואַשענע טעלער און איך זאָל זיך אים גאָר דאָ אַוועקשטעלן שפּילן טעאַטער!... פֿוי, זאָלסטו מיר ווערן, דו, אַלטער נאַר!

זי לויפֿט אַרויס, באַשע, לויפֿט האַסטיק, אַ צעפּייערטע, אַ צעקאָכטע.

דאָס געשריי ברענגט צונויף די קינדער, דערשטוינטע און דערשראָקענע. זיי פרעגן נישט מיט ווערטער, נאָר מיט צעפראַלטע אויגן. הערצקע לאָזט זיי נישט וואַרטן, טוליעט זיי צו זיך צו און קושט זיי אין די אויגן. נאָכדעם קוקט ער זיי אַריין אין די פּנימער, איינגעבויגן איבער זיי, און פרעגט זיי שטיל, סודותדיק:

— איר ווילט, קינדער, איך זאָל פון אייך מאַכן אַ בילד?

פרייען זיך די קינדער, שפּרינגען און שרייען פון פרייד. ער לאָזט זיי אָבער נישט, הערצקע. ער הייסט זיי שווייגן, אַז די מאַמע זאָל נישט הערן. הייסט זיי זיך אוועקזעצן און קוקן פריילעך, אָט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך דערפרייט, ווען ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט פון זיי מאַכן אַ בילד. גרייט ער זיי צו און יעדע ווײַלע רוקט ער זיך אָפּ פון זיי, נעמט דיסטאַנץ, לייגט צו אַ בלייפעדער צו דער נאָז און מעסט, באַטראַכט, זוכט, בייגט זיך אויס און ציט זיך אויס, צו ווערן העכער, און דערנאָך בייגט ער זיך איין, ווערט ני־דעריקער, איינגעשרומפּן.

אין מיטן — באַשע איז דאָ! ס׳ווייב באַווייזט זיך אויף דער שוועל, מיט אַ צעבייזערטן פּנים, מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, מיט פונקען־שיטנדיקע אויגן.

— וואָס ווילסטו האָבן פון די קינדער? — שרייט זי אויס און איר קול צעלויפט זיך ווי אַ פייף — טאָמער זיי־נען זיי אַ טאָג פריי פון דער שול, לאָזט ער זיי נישט כאַפּן אַ ביסל לופט. ווייז בעסער, אַז דו קענסט זיי קויפן אַן עפּע־לע! גזלן איינער! וואָס ווילסטו פון זיי האָבן? ווילסט פון זיי אויך מאַכן פאַר די ליאַלקעלעך, וואָס? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף זיי?

הערצקע הייבט נישט אויף די אויגן פון לייוונט. הערט קאַלטבלוטיק און קוקט פאַרזאָרגט אויפן לייוונט, אויף וועל־כן עס שיינט אַרויס אַ בלויע ליניע, וואָס נעמט ריידן מיט פרימאָרגנדיקער בלויקייט.

דאָס דאָזיקע בוך, געזעצט דורך נחמן
רויט, געדרוקט אין דרוקעריי פון
כוליאָ קויפמאַן, כוניו 344,
ב"א, איז פאַרענדיקט
געוואָרן דעם 20סטן
פעברואַר 1941